STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06517

# UNDZER MORGN

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

A. GOLOMB

# NOTRE AVENIR
## ESSAI
# OUR FUTURE

EDITION : « NOTRE EXISTENCE »
près la FEDERATION DES SOCIETES JUIVES DE FRANCE - KEHILA
PARIS, 1967.

אברהם גאָלאָמב / אונדזער מאָרגן / עסיי

„אונדזער קיום“ — פּאַריז 1967

א. גאָלאָמב

# אונדזער מאָרגן

עסיי

אונזער קיום

פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך און קהילה אין פּאַריז

פּאַריז, תשכ״ז — 1967

A. GOLOMB
(Los Angeles - U.S.A.)

**— NOTRE AVENIR —**

ESSAI

**— OUR FUTURE —**

●

NOTRE EXISTENCE, Paris, 1967

Imprimerie A. SCHIPPER - OBE. 36-53

# אַלגעמיינער אַריינפיר

„און זיי גייען אַלץ ווייטער און ווייטער, און אויפן גאַנצן וועג זעט מען נישט קיין בענקל... דאָ זיצט מען נישט נאָר מען גייט אַלץ ווייטער און ווייטער" — אַזוי האָט כאַראַקטעריזירט פּרק, אין „צווישן צוויי בערג", דעם וועג פון דער יידישער תורה, פון דער מתנגדישער תורה.

שרייבט אָבער דער גרינדער פון דער חב"דער חסידות, אַז דער מענטש בכלל רופט זיך „גייער", נישט ער שטייט, נאָר ער דאַרף טאַקע גיין פון מדרגה צו מדרגה, אַלץ שטייגן.

שרייבט הרב קוק וועגן „העלת העולם" — דערהייבונג פון דער וועלט. די גאַנצע וועלט געפינט זיך אין איין כסדרדיקן גאַנג אַרויף. די גאַנצע וועלט איז באַהערשט פון אַזאַ „אַלגעמיינעם ווילן" (רצון כללי), פון אַזאַ „קאָסמישן דראַנג" צו פאַרפולקאָמונג און פערפעקציע. האָט מיר אַ פייַנער אינטעליגענטער ייד פשוט אויסגעבטלט פון אַזאַ „רבנישער תורה": קאָסמאָס און ווילן ?! ווי איז עס גאָר געמאָלט ?... עס איז אָבער גענוג עט־וואָס טיפער צו לערנען די געשיכטע פון דער וועלט כדי צו זען, אַז אין אָט דער „רבנישער תורה" ליגט אַ גרויסער אמת. עס גייט טאַקע אין דער וועלט אַן אייביקער פּראָצעס פון דער פאַרבעסערונג, אַ גאַנג פון פרימי־טיוון צו דער פאַרבעסערונג, צו פאַרפולקאָמונג און פערפעקציע. די גאַנ־צע וועלט איז אַזאַ „גייער", וואָס שטייט נישט און זיצט נישט, נאָר גייט אַלץ ווייטער און ווייטער. וואָלט ווען עס איז געקאָנט קומען צו אַ ניוועַ־לירונג פון ענערגיע, וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט אַלע פּראָצעסן, און די וועלט וואָלט געוואָרן טויט. לעבן איז אַ כסדרדיקער גאַנג פאָרויס. פון נעכטנס צו מאָרגנס.

איך וועל נישט באַרירן די אומבאַלעבטע נאַטור און דעם „קאָסמישן ווילן" אין איר גאַנג צו פּערפעקציע. דאָס וואָלט געווען קאָמפּליצירט. עס

וועט אָבער זיין געגוג צו נעמען אין אַכט די זעלביקע פּראָצעסן אין דער באַלעבטער נאַטור, אין דער אָרגאַנישער וועלט. דערציילט דאָך די געאָ־לאָגישע געשיכטע פון דער ערד וועגן אַ סך אונטערגעגאַנגענע געוויקסן־וועלטן, וועגן אַ סך וועלטן פון בעלי חיים. און אַלץ גייט עס אין איין פּאַר־בעסערונג, אין איין גאַנג פון איינפאַכן צום קאָמפּליצירטן, פון אומגעלומ־פּערטן צום פּערפעקטערן. מיר גייען אַריין אין אַ נאַטור־מוזיי, זעגען דאָרטן אויסגעשטעלט סקעלעטן און מוסטערן פון פאַרצייטיקע בעלי־חיים. עפּעס אַזוינע משונהדיקע, אומגעלומפּערטע גיגאַנטן, רעפּטיליען און אַנדע־רע. האָבן זיי אָנגעפילט וועלדער מיט אויסטערלישע געוויקסן, ביימער מאָד־נע, וואָס האָבן נישט קיין בלעטער און קיין בלומען, נאָך נישט „געוווּסט" אַפילו וועגן דעם.

מיר, אין אונדזער פּסיכיק, פאַרבינדן תמיד ווילן מיט וויסן. אַז „מיר ווילן עפּעס", ווייסן מיר דאָך, אַז מיר ווילן און מיר ווייסן וואָס מיר ווילן... איז עס אָבער בלויז אַ טעות. עס גייען די פּראָצעסן אין דער נאַטור, אין דער וועלט בכלל אין גאַנצן אומאָפּהענגיק צי עמיצער ווייס פון זיי אָדער נישט, צי עמיצער וויל זיי אָדער נישט. אין זייער אַלגעמיינעם חשבון האָבן די קאָסמישע פּראָצעסן זייער ציל, זיי שטרעבן צו דער „העלת העולם" — צו דער דערהייבונג פון דער וועלט. די אינדיווידועלע באַשעפענישן, וואָס נעמען אָן אָנטייל אין די פּראָצעסן, ווייסן לגמרי נישט פון דעם. וויפיל בעלי־חיים ווייסן, אַז אין זיי צירקולירט בלוט? און ווי לאַנג איז עס ווי דער מענטש, דער „בחיר־היצורים" האָט זיך דערוווּסט פון בלוט־צירקולאַ־ציע? און אַז מיר ווייסן שוין יאָ, זענען מיר דען בעלי־בתים אויף די פּראָצעסן? איז דאָס וויסן בלויז אַ באַגלייטער פון אַ טייל פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין אונדז, אַרום אונדז. נישט דאָס וויסן איז דער מקור פון דעם ווילן, פון דעם שטרעבן.

אַ קינד ווייס נישט, אַז עס ווערט געבאָרן, עס ווייס נישט אַז עס וואַקסט און ווי עס וואַקסט; פרעגט דאָך אונדזער אייגענער אָרגאַניזם נישט ביי אונדז ווי צו וואַקסן און ווי צו לעבן... גאָר אַ קנאַפּער בעל־הבית איז דאָס „וויסן" אין אונדזער לעבן. לערנט זיך אַ קינד אויס שטיין און גיין, האַלטן די גלייכוואָג, און רעדן ריכטיק אַ שפּראַך, און אַפילו צוויי שפּראַכן אָן לערער און אָן דערקלערונגען און אַפילו אָן וויסן, אַז עס ווייס, אַז עס האָט זיך עפּעס אויסגעלערנט. אַ קינד ווייס גאָר אַ סך מער ווי עס ווייס.

עס ווייס אַ קינד אַלע „קלוגע מיטלען" ווי צו באַהערשן זיין מאַמען זי זאָל טון וואָס עס וויל און נאָך און נאָך גאָר פיל זאַכן אָן אַ סוף.

עס „וויסן" וואַנדער־פייגל זייער צייט און זייערע וועגן פון פליען אַהין און צוריק אָן אַ לוח און אָן אַ מאַפּעס. און זיי „וויסן" אַפילו צו קו־מען צוריק טויזנטער מיילן צו זייערע פאַראַיאָריקע נעסטן! און אַזוי אויך וואַנדער־פיש אין ים און טייכן... און די אַלע אַזוינע און ענלעכע פּראָצעסן האָבן אַ ציל און אַ זין, זיי האַלטן אויף דאָס לעבן. אין זיי איז דאָס לעבן. דאָס איז אַ שטרעבן צו פאַרבעסערונג, צו פּערפעקציע. דאָס איז דער אַל־געמיינער גאַנג, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ.

און אין דער וועלט פון געוויקסן? „ווייס" דאָך יעדער געוויקס וואָס פאַר אַ בלעטער עס דאַרף פּראָדוצירן, וואָס פאַר אַ בלומען און וואָסער קאָליר און ריח זיי זאָלן האָבן; ווען עס דאַרף בליען, און ווי עס דאַרף פאַר־שפּרייטן זיינע זאָמען. ווי אויפצושטעלן דורות נאָך זיך. ווייסן געוויקסן „ווי אַזוי צו לעבן" אין אַ מדבר מיט אַזוי ווייניק וואַסער און ווי מען דאַרף זיך איינאָרדנען אין אַ צו פייכטן אָרט... פאַראַן אַ ספּעציעלער געביט פון וויסנשאַפטן וואָס פאַרנעמען זיך מיט די אַלע צופּאַסונגען פון אָרגאַניז־מען. ע ק אָ ל אָ ג י ע הייסט די וויסנשאַפט.

און וויפל אמתע חכמה עס ליגט אין די פאַרשיידענע צופּאַסונגען, וואָס געוויקסן נעמען אָן, כדי צו באַזאָרגן די קעגנזייטיקע באַפרוכטונג. געוויקסן בליען. עס איז די באַהעפטונג פון די געשלעכטער ביי זיי. דאָס רוב בלומען זענען צווייגעשלעכטלעך — די „זי" מיט די אייעלעך און דער „ער" מיט דעם בלומען־שטויב — ביידע אין איין בלום. אָבער דאָך „באַ־מיען" זיך די געוויקסן אויסצומיידן די באַפרוכטונג פון דער זעלביקער בלום, בעסער פון אַ צווייטער, פון אַ צווייטן געוויקס אַפילו. און די מיט־לען דאָס צו דערגרייכן זענען זייער פאַרשיידן. און וויפלערליי מיטלען און „שכלדיקע" איינפאַלן געוויקסן נעמען אָן צו פאַרשפּרייטן זייערע זאָמען און אַפילו זיי צו פאַרזייען אין באָדן. טאַקע ווי עס איז געזאָגט געוואָרן „כולם בחכמה עשית" — אַלץ מיט אַזויפיל שכל באַשאַפן.

דאַרווין און זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך באַמיט אַנצוווייזן אויף דעם שטאַרקן דראַנג פון יעדן איינציקן געוויקס צו פאַרכאַפּן וואָס מער אָרט פאַר זיין אָפּשטאַם, פאַר זיינע קינדער. דאָס איז דאָך לויט דאַרווינען איינער פון די וויכטיקסטע מאַסמיטלען צו דער אַלגעמיינער פאַרבעסערונג אין דער וועלט פון אָרגאַניזמען. ביים אַריינטראַכטן זיך אין דעם קומט טאַקע אויס, אַז

די גאַנצע וועלט איז באַהערשט פון אַ שטרעבן און אַ ווילן צו כסדרדיקער פּאַרבעסערונג, צו „דערהייבונג פון דער וועלט״. און דער מענטש איז אויך איין טייל פון דעם אַלגעמיינעם גאַנג אַרויף.

עס זאָגט זיך אין יידישע ספרים, אַז די וועלט איז בלויז אַ צוגרייטונג, בלויז אַ „פּרוזדור״, ווו מען גרייט זיך אַריינצוקומען אין דעם אמתן „טרקלין״. מער נישט וואָס די גאַנצע וועלט גייט כסדר אין אָט דעם אייביקן פּרוזדור און דער „טרקלין״ רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער...

## אונדזערע באַגרענעצטע באַגריפן פון צייט און רוים

עס איז אונדז שווער צו באַנעמען אָט דעם אייביקן גאַנג פון דער וועלט מחמת אונדזער לעבן איז אַזוי קורץ, און די פּראָצעסן זענען אַזויגע דויערנ־דיקע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ שכלדיקע באַשעפעניש, וואָס לעבט נאָר איין שעה; און אָט די באַשעפעניש ,וואָס לעבט אין פרימאָרגן, לערנט אַז עס איז מיט אַ סך דורות צוריק געווען אַ נאַכט, און גאָר מיט „טויזנטער דורות פרי־ער״ איז געווען ווינטער... אומגלייבלעך! זיי לעבן און שטאַרבן, און זיי זענען די וועלט סטאַטיש. זי איז די זעלביקע ווי זי איז געווען, ווען זיי האָבן זי דערזען דאָס ערשטע מאָל...

און אַזוי זענען מיר אין דער וועלט. מיר מעסטן די צייט מיט שעהן און יאָרן. ווי עס האָט געשריבן דער זינגער אין תהלים, אַז אונדזערע יאָרן זענען ביי די זיבעציק, אַז הויך קומט עס צו די אַכציק, און ווי קענען מיר באַנע־מען די צייטן „איידער די בערג זענען געבאָרן געוואָרן״. מיר ווערן געבאָרן און מיר שטאַרבן און מיר לאָזן די וועלט די זעלביקע, דוכט זיך אונדז אַז זי איז סטאַטיש, אַז זי ענדערט זיך גאָרנישט. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט בכלל איז אַרום אַ צען טויזנט יאָר בשעת די געאָלאָגיע ציילט די געשיכטע פון דער ערד מיט צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען יאָרן. שווער איז אונדז זיך פאָרצושטעלן די ערד מיט יענע משונהדיקע „זאָוור־רען״, וואָס זענען אַרומגעשוועמען אין יענע ימען, ווו עס הייבן זיך איצט בערג־גיגאַנטן, אָדער וואָס האָבן שפּאַצירט, און געשאָלטעוועט אין יענע וועלדער אָן איין בלאַט און אָן איין בלום. ווען איז עס געווען? פאַרצייטן, אָבער נישט אין ג ע ש י כ ט ל ע כ ן פאַרצייטן נאָר אין ג ע אָ ל אָ־ג י ש ן פאַרצייטן, וואָס זיין צייט ציילט זיך מיט ווער ווייס וויפל מיליאָ־נען יאָרן. און אָט די שוידערלעכע גיגאַנטן זענען דאָך ווייט נישט געווען די

ערשטע באַשעפענישן. זענען זיי געווען שדרהדיקע? און פֿאַר זיי! וויפֿיל געאָלאָגישע תקופות ביז זיי און ווער ווייס וויפֿיל נאָך געאָלאָגישע תקופות עס וואַרטן נאָך צו זיין אויף דער ערד נאָך אונדז? אַז די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז דאָך נישט מער ווי אַ מאָמענט אין דער געאָלאָגישער געשיכטע... שווער איז אונדז צו באַנעמען, צו פֿאַרשטיין די אומענדלעכע פּראָצעסן, וואָס ציען זיך פֿון אייביק ביז אייביק אין יענע אין־סופֿן פֿון צייט און רוים. און מיר — דער מענטש דער בעל גאווה, דער „האָמאָ סאַפּיענס" — וואָס איז ער מיט דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע אין אָט דעם אין־סוף פֿון צייט און רוים.

אָבער דער אַלגעמיינער אויספֿיר פֿון געזאָגטן איז, אַז די גאַנצע וועלט, איטלעכער אָרגאַניזם און אַלע בכלל, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז איין גרייטן דעם מאָרגן, די צוקונפֿט. לעבן — איז שטרעבן בכלל און בפֿרט.

## קיום־דראַנגען

יעדער אָרגאַניזם האָט אין זיך דראַנגען צו לעבן. איטלעכער אָרגאַניזם האָט אין זיך זיינע געזעצן ווי צו לעבן. גענוג זיך צוצוקוקן ווי אַ געוויינלעך בעבל, וואָס איז פֿאַרזעצט אין דער ערד, גייט אַרויס פֿון באָדן און טראָגט אַרויס פֿון דער ערד דיביידע טיילן פֿון זיין זאָמען. ער טוט עס אַנדערש ווי אַנדערע געוויקסן פֿון אַנדערע אַרטן און מינים. גענוג צו באַטראַכטן ווי די ערדניס (פּיסטאַשקעס) בליען אָפּ און שטופּן אַריין זייערע פּרוכט צוריק אין דער ערד, ווי „באַוווסטזיניק" זיי צו פֿאַרזעצן. דער דראַנג איז נישט קיין יחידישער, נישט קיין אינדיווידועלער, נאָר ער איז פֿון דעם גאַנצן אַרט, אָדער פֿון דעם גאַנצן מין. אַקאָרשט אַראָפּ דער שניי פֿון לאַנגן ווינטער אין קאַלטער קאַנאַדע, און שוין בליען געוויקסן, ביימער, ווי זיי וואָלטן זיך באַוווסטזיניק געאיילט דורכצומאַכן דעם גאַנצן לעבנסציקל פֿאַר דעם קורצן זומער... אַ קליין רעגנדל אין מדבר יהודה, און שוין איילט זיך די זעלטענע „רויז פֿון יריחו" אויסצוציען אירע איינגעקנוילטע גלידער, גיך דורכצומאַכן דעם גאַנצן ציקל פֿון לעבן, כדי באַלד ווי דער מדבר וועט צוריק טרוקן ווערן, זאָל זי ווידער קענען איינקנוילן אירע גלידער, ווייטער איינשלאָפֿן פֿאַר דער לאַנגער צייט פֿון טריקעניש. תבואות אין צפֿון־לענדער מאַכן דורך זייער וואַקס־פּעריאָד אַ סך גיכער, אין אַ קלענערער צאָל טעג

ווי די זעלביקע תבואות אין דרום־לענדער, ווו זיי דאַרפן זיך נישט אַזוי אײַלן...

האָט יעדער איינציקער אינדיווידועלער געוויקס זיינע דראַנגען צו לעבן, האָט זיי יעדער אַרט, אַלע געוויקסן פון זעלביקן אַרט, האָבן אַלע גע־וויקסן, אַלע אַרטן פון זעלביקן מין, די ענלעכע דראַנגען צו לעבן, אויפצו־האַלטן דעם קיום פון דעם אַרט, פון דעם מין. אַזוי ביי געוויקסן און אַזוי ביי חיות. איז דער גאַנצער אַלוועלט באַזאָרגט מיט די דראַנגען צום קיום און צו לעבן, אויפצוהאַלטן דאָס לעבן. אָט דער דראַנג דאָס איז דער „ווילן". איז דער גאַנצער קאָסמאָס באַהערשט פון אָט דעם אַ נ ו י ס י ק ן ווילן. די ביאָלאָגיע רעדט וועגן דראַנג צו דערהאַלטן דעם קיום פון אינדי־וויד און פון דעם דראַנג צו דערהאַלטן דעם קיום פון מין, פון המשך.

פאַראַן געוויקסן וואָס בליען איין מאָל אין לעבן. זיי לעבן עטלעכע יאָר, עטלעכע צענדליק יאָר, ביז זיי בליען. אָפּגעבליט, האָדעווען זיי אויס די פרוכטן און די זאָמען, און זיי אַליין שטאַרבן אָפּ. זיי האָבן באַזאָרגט דעם המשך פון זייער אַרט, עס וועלן קומען נייע דורות, — איז שוין גענוג פאַר זיי. גערטנירער רייסן אָפּט אַראָפּ די בלומען פון אַזוינע געוויקסן וואָס איילן זיך צו בליען איידער זיי זענען אַליין גענוג פעסט (קען זיין אַז דערמיט איז פאַרבונדן ביי יידן דאָס געזעץ פון „ערלה". עס באַשטייט אין דעם, אַז מען טאָר נישט ניצן די פרוכט די ערשטע דריי יאָר פון פאַרפלאַנצן; ויקרא יט׳ כג׳).

מיר קענען פון דעם לערנען, אַז דער דראַנג אויפצושטעלן אַן אָפּשטאַם איז שטאַרקער פון דעם דראַנג אויפצוהאַלטן דעם אייגענעם אינדיווידועלן קיום.

## א י נ ס ט י נ ק ט ן

דאָס רוב בעלי חיים זענען פעאיק זיך צו באַוועגן, צו בייטן זייער אַרט, פאַרבינדן שטחים. זענען זיי באַשאָנקען מיט חושים. פרימיטיווע רעאַגירונ־גען אויף ליכט און טעמפּעראַטור זענען פאַראַן אויך ביי אַ טייל געוויקסן און חיות, וואָס זענען אומבאַוועגלעך. אָבער ביי די באַוועגלעכע חיות זענען די חושים נישט אין פאַרגלייך מער אַנטוויקלט. איז ביי זיי געקומען צו אַן אינ־דיווידועלן וויסן און ווילן.

חיות שווימען, גייען, לויפן, פליען. און עס שטעלט זיך אַ פראַגע, ווער פירט אָן מיט די באַוועגונגען? צי זענען זיי דורכאויס אינדיווידועלע אָדער זיי געהערן דעם גאַנצן אַרט, דעם גאַנצן מין? צי קען יעדע חיה תמיד אויסקלייבן איר וועג, איר גאַנג? גייט די חיה וווהין איר וויסן הייסט איר גיין? עס וואַנדערן חיות און פייגל. גייען זיי ווו זייער אייגענער אינדיווי־דועלער שכל און וויסן זאָגט זיי צו גיין, וווהין זייער ווילן הייסט זיי? אָדער דאָ איז אויך פאַראַן אַן איינגעפּלאַנצטער כח, וואָס איז שטאַרקער פון אינ־דיוויד? זענען אין זייערע באַוועגונגען פאַראַן ברייטערע, טיפערע סטי־מולן, וואָס שטאַמען פון אַרט און מין און דער וויסן איז דאָ בלויז אַ באַ־גלייטנדיקער? צי טוט אַ חיה וואָס זי ווייס, אָדער זי ווייס וואָס זי טוט? זענען די סטימולן איינגעבאָרענע, איינגעפּלאַנצטע אָדער דער אינדיווידוע־לער ווילן באַדינגט זיי?

ווייסן מיר, אַז די הויפּט־סטימולן פאַר אַלע באַוועגונגען און האַנדלונ־גען זענען איינגעפּלאַנצט, און דאָס וויסן און דער ווילן קענען בלויז קאָרע־גירן די באַוועגונגען זיי זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די הויפּט־סטימולן. הונגער און סעקס — זיי בלייבן די הויפּט־סטימולן ביי אַלע חיות. זיי זענען די גאַנצע טרייב־קראַפט אין לעבן. דער ווילן און וויסן זענען נאָר די העלפער, וואָס העלפן דעם אינדיוויד צו טון דאָס, וואָס די סטימולן הייסן. אָט די סטימולן זענען דאָס די אינסטינקטן פון לעבן אויף דער ערד. אַלע באַוועגונגען, וואָס אַ בעל־חי מאַכט, זענען שליחים פון די צוויי אינסטינקטן — הונגער און סעקס. ביידע האָבן דעם ציל אויפצוהיטן דעם קיום פון יחיד און דעם קיום פון מין.

וואָס שטאַרקער עס איז דער אינטעלעקט פון אַ יחיד, וואָס מער ער איז פעאיק זיך צו דערווייטערן פון דעם קאָסמישן אינסטינקט, אַלץ שטאַר־קער, אַלץ קאָמפּליצירטער ווערט דער עצם אינסטינקט, וואָס צווינגט אים מקיים צו זיין די מצווה פון קאָסמאָס, דעם ר צ ו ן  ה ע ו ל ם. חיות ווערן ווילד פון הונגער — דער אינסטינקט טרייבט זיי. ווען עס קומט די צייט פון פּאָרן זיך, אויפצושטעלן נייע דורות, ווערן די חיות נאָך ווילדער, די אינסטיקטן — דאָס זענען די בייטשן, וואָס מיט זיי טרייבט דער באַשע־פער זיינע קנעכט צו טון זיין רצון. און מיר אַלע, אַלע בעלי חיים, איינגע־שלאָסן דעם שכלדיקן מענטש — אַלע זענען אָט אַזוינע „קנעכט", איינגע־שפּאַנט צו טון דעם אייביקן רצון פון קאָסמאָס. איז די גאַנצע קולטור און ציוויליזאַציע אין זייער לעצטן סך־הכל נישט מער ווי אַן אָנבוי אויף די

צווי אינסטינקטן מיט אַלע זייערע אָפּצווייגן. און דערביי איז ביי אַלע באַשעפענישן דער אינסטינקט צו דערהאַלטן דעם כלל שטאַרקער פון דעם אינסטינקט צו דערהאַלטן דעם יחיד. דער סעקס איז גובר דעם הונגער. גאָר פשוט — די זאָרג פאַר דער צוקונפט איז שטאַרקער פון די זאָרגן פאַרן היינט.

געוויקסן האָבן גאָרנישט קיין אייגענעם ווילן, לעבן זיי אין גאַנצן אָן דעם דראַנג פון אינסטינקטן, אָן אַ ברעקל אייגן ווילן און וויסן. חיות, וואָס האָבן שוין יאָ אַן אייגן ווילן, אַן אויסוואַל, — האָבן זיי דעם אינסטינקט וואָס לאָזט זיי נישט פאַרגעסן די זאָרג פאַרן קיום. און וואָס שטאַרקער איז דער אינדיווידועלער ווילן אַלץ שטאַרקער איז דער כח פון אינסטינקט איבער דעם אינדיוויד, ער זאָל זיך נישט אויסטון פון דעם יאָך פון דער נאַטור איבער אים. הונגער ביי געוויקסן — אינגאַנצן אומבאַקאַנט. ביי חיות — נאָר ווען זיי זענען פיזיאָלאָגיש הונגעריק. ווען זיי זענען זאַט, איז דער אינסטינקט פאַסיוו.

ביי מענטשן אָבער ווירקט דער הונגער אַ גאַנץ לעבן. דער מעגלעכער הונגער, דער אייגענער אָדער פון דער משפחה, טרייבט אַפילו דעם זאַטן מענטש צו זיין גאַנצער אַקטיוויטעט. נאָך קאָמפּליצירטער איז דער געשלעכט־אינסטינקט. ביי חיות ווירקט ער נאָר אין צייט פון פאָרן זיך, ביי דעם מענטש אָבער ווירקט ער אַ גאַנץ לעבן און ער דריקט זיך אויס אויף פאַרשיידענע וועגן. דאָ קומט די זאָרג פאַר דעם אָפּשטאַם. ביי אַ סך חיות איז אין גאַנצן נישטאָ אַזאַ זאָרג, די קינדער זענען נישט אָנגעוויזן אויף די עלטערן. וואָס אומבאַהאָלפענער עס זענען די קינדער, אַלץ שטאַרקער איז ביי די עלטערן די זאָרג פאַר דעם אָפּשטאַם. ביי חיות איז זעלטן פאַראַן דער „כרחם אב על בנים”. על פי רוב זאָרגט נאָר די מאַמע. ביי מענטשן איז עס די זאָרג פון ביידע שותפים. די זאָרג ווירקט אַ גאַנץ לעבן; די עלטערן־ליבע הערט נישט אויף. און וואָס אינטעליגענטער עס איז דער מענטש, אַלץ ברייטער איז דער קרייז פון די, וואָס דער יחיד איז פעאיק צו זאָרגן פאַר זיי. זענען דאָס נישט בלויז די אייגענע קינדער, נאָר קרובים בכלל, משפחה, שבט און פאָלק, די גאַנצע קולטור, די גאַנצע ציוויליזאַציע איז נאָר אַ פאַרקאָמפּליצירונג פון די צווי אינסטינקטן. זיי זענען ביי דעם מענטש פאַרשענערט, דערהויבן. מען זאָגט, זיי זענען סובלימירט. פאַראַן ערגעץ אַ וויציקע גמרא, אַז מען האָט געכאַפּט דעם יצר הרע (דעם

אינסטינקט) און מען האָט אים געבונדן... האָט אויפגעהערט דאָס גאַנצע לעבן אויף דער ערד...

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז איין זאָרג פאַרן המשך, פאַר דער צוקונפט. צי דאָס איז די זאָרג פאַר דעם אייגענעם מאָרגן, צי עס ווערט געזאָרגט פאַר די ווייטערדיקע דורות, וואָס מען שטעלט אויף און מען האָדעוועט זיי, אָדער עס ווערט געזאָרגט פאַר אַ ברייטן קרייז — אַלץ איינס איז עס אַלע מאָל פאַרן מאָרגן. דאָס לעבן איז אַ כסדרדיקער גאַנג פאָרויס. „דאָ שטייט מען נישט, דאָ גייט מען אַלץ ווייטער און ווייטער", ווי עס זאָגט דער בריסקער רב ביי פּרצן, מער נישט וואָס דער מ אָ ר ג ן שטייט אויך נישט אויף איין אָרט, ער גייט אויך פאָרויס און פאָרויס.

## קיין היינט איז גאָר נישטאָ

אין אָט דעם כסדרדיקן גאַנג פון דער וועלט פאָרויס איז אייגנטלעך גאָר נישטאָ אַזאַ מין צייט פון אַ „היינט". פאַראַן אַ פאַרגאַנגענהייט, עס איז געווען, און עס איז געווען נאָך פריער, און ווידער פריער — אַן אין־סוף פון „פריער". און עס איז פאַראַן אַ צוקונפט — עס וועט זיין, און וועט זיין שפּעטער, נישטאָ קיין „סוף פון די טעג", וואָס עס האָט געזאָגט דער נביא. און עס איז פאַראַן אַ מאָמענט ווען דער „וועט זיין" גיסט זיך אַריבער אין די „עס איז געווען". און אָט דער איבערגאַנג־מאָמענט — דאָס איז דער „איצט". אַ מאָמענט ווי אַ פּונקט האָט נישט קיין מאָסן, ער האָט נישט קיין דויער. עס גייען פּראָצעסן; מיט זיי גייט די צייט. דאָס וואָס איז געווען צוקונפט מיט אַ מאָמענט צוריק איז שוין געוואָרן פאַרגאַנגענהייט... צייט איז ווי אַ לאַנגע, אומענדלעכע ליניע און איבער איר לויפט האָסטיק אַ פּונקט, דער פּונקט פון „איצט". ער איז די גרענעץ צווישן מאָרגנס און נעכטנס. מען קען נישט לעבן מיטן היינט, מיטן „איצט", וואָס איז גאָר נישטאָ. לעבן הייסט בויען דעם מאָרגן, לעבן הייסט זאָרגן פאַר דער צו־קונפט. צוקונפט קען זיין אַ נעענטערע און אַ ווייטערע. עס קען זיין אַ מאָרגן, אַן איבערמאָרגן און עס קען זיין אַ „לעתיד לבא". ביז אין אין־סוף אַריין. וואָס אינטעליגענטער דער מענטש, אַלץ ביז אַ ווייטערדיקער צוקונפט גרייכן זיינע זאָרגן. וואָס אינטעליגענטער, אַלץ ברייטער אין פאַר־נעם און אַלץ טיפער אין צוקונפט זענען די זאָרגן און די אינטערעסן. און

אַט די אינטערעסן זענען נישט פאַר זיך אַליין, נישט פאַר דער פּערזאָן, נאָר זיי זענען:

דערהאַלטן דעם קיום פון אינדיווידן, וואָס איז אַ טייל פון קאָסמאָס; דערהאַלטן דעם קיום פון דער משפּחה, פון דער סביבה, פון פאָלק — ווידער אַ טייל פון קאָסמאָס. דאָס איז דאָס לעבן אויף דער ערד.

## דעטערמיניזם

עס איז אַן אַלטע סוגיא אין דער פילאָסאָפיע, צי דער מענטש האַנדלט לויט זיין פּערזענלעכן פריוואַטן ווילן און פאַרשטאַנד, אָדער די האַנד־לונגען זיינע זענען באַשטימט און „דעטערמינירט“, ווי עמיצער אַ העכערע מאַכט וואָלט אים געהייסן. צי ווערט אָט די העכערע מאַכט אָנגערופן ג אָ ט, אָדער נ אַ ט ו ר, אָדער גאָר ק אָ ס מ אָ ס, איז דאָ נישט קיין אונטערשייד; דער עיקר, דער מענטש איז נישט קיין פולשטענדיקער בעל־הבית איבער זיינע האַנדלונגען. „לעב נישט ווי עס ווילט זיך דיר, נאָר ווי גאָט הייסט“ — זאָגט אַ רוסיש ווערטל. „אַ מענטש קלאַפּט זיך נישט אָפּ קיין פינגער אונטן כל זמן מען האָט עס אויף אים נישט גוזר געווען אויבן“. מען טייטשט עס געוויינטלעך אויס ווי אַ שטראָף, וואָס קומט נאָר לויט אַ באַשטימונג פון גאָטס משפּט. אָבער מיר מעגן עס אויך פאַרשטיין אין אונדזער זין: אַ מענטש טוט נישט קיין ריר מיט אַ פינגער סיידן עס איז באַשטימט און דעטערמינירט פון אַ העכערער מאַכט. בכל אופן ווערט עס פאַר אונדז קלאָר: פאַרשיידענע מענטשן האַנדלען פאַר־שיידן אין ענלעכע סיטואַציעס. פּונקט אַזוי ווי עס זענען פאַרשיידן זייערע פּנימער. אָבער פּונקט אַזוי ווי נישט דער מענטש איז דער האַר איבער זיין אויסזען, אַזוי איז ער אויך נישט קיין האַר איבער זיין אויפפיר, איבער זיינע האַנדלונגען.

„אַלץ איז פאָרויסגעזען, אָבער פרייהייט ווערט דאָך געגעבן“, זאָגט די משנה און פּרקי אבות. איז דאָ אַ שוועריקייט פאַר די וואָס לערנען דעם מאמר אין זין פון עבירה און שטראָף, אָבער מיר דאָ קענען עס גרינג פאַר־שטיין: דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון אונדזערע האַנדלונגען איז באַ־שטימט, אָבער דאָך זענען זיי אינדיווידועל באַפאַרבט. ווי עס איז באַשטימט דער אַלגעמיינער אויסזען פון אַ מענטש, עס איז קענטיק די ראַסע דאָס פאָלק פון דעם מענטש, און אין דער זעלביקער צייט זענען אויך בולט די

אינדיווידועלע שטריכן: מען דערקענט אין אַ מענטש זיין ראַסע, זיין פאָלק און אויך זיין פּערזאָן. די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע זוכט אַפילו צו געפינען די פאַקטאָרן וואָס באַשטימען, וואָס דעטערמינירן אויך די אינדיווידועלע פאַר־מען פון די אַלגעמיין־באַשטימטע האַנדלונגען. אָבער פאַר אונדז איז גענוג קלאָר, אַז אויך דער מענטש איז ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישן פאַרשקלאַפט ביי דער נאַטור, ער איז ווי אַלע אַנדערע איינגעשפּאַנט אין דעם קאָסמישן יאָך צו טון דעם „רצון עולמי" — דעם קאָסמישן שטרעבן, מיטצוגיין אין דעם אייביקן גאַנג פון דער וועלט. מער נישט וואָס ביי אים זענען די אינס־טינקטן פּלאַסטישער; זיי זענען די אַלגעמיין־קאָסמישע, זיי זענען אויך באַ־דינגט מיט זיין ראַסע, מיט זיין פאָלק, מיט זיין געזעלשאַפט און מיט זיין פּערזענלעכקייט. די אַלע פאָרמען זענען ווידער דעטערמינירט דורך דער געשיכטע פון דעם פאָלק, פון דער געזעלשאַפט און פון דעם יחיד אַליין. די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט שמידט אויס דעם טרעגער פון דער צוקונפט. די פאַרגאַנגענהייט פון דעם יחיד, די פאַרגאַנגענהייט פון זיין מין, אַלץ אין אים, אין זיין אויפפיר, אין דעם מענטשנס אויפפיר. און אַלץ איז געווענדט „מיטן פּנים צום מאָרגן", אַלץ איז פאַר דער צוקונפט. ווען אַ מענטש פאַרלירט די זאָרג פאַרן מאָרגן, פאַר דער צוקונפט, האָט שוין מער נישט קיין זין אויך זיין היינט, זיין גאַנץ לעבן.

אָט אַזוי איז איינגעשטעלט די וועלט, דאָס לעבן אויף דער וועלט, פון אַלץ וואָס עס האָט געגעסן פון עץ החיים; פון אַלעמען וואָס האָבן פאַרזוכט די זאַפטן פון עץ החיים. דאָס איז לעבן, וואָס ציט זיך פון צוריק, פון פאַר־גאַנגענהייטן, פון „אַמאָל געווען" צו פאַרויסן, צו דער צוקונפט, צו „אַמאָל וועט זיין". קורץ איז דער געווען און וועט זיין פון דעם יחיד, לענגער אַ סך לענגער איז דער „אַמאָל געווען" און „וועט זיין" פון דעם פאָלק און נאָך לענגער איז דער געווען און וועט זיין פון דעם מין בכלל. און אַלץ אין אים, אין יעדער אינדיוויד באַזונדער. דאָס איז לעבן.

## דער עץ הדעת

פון דעם עץ הדעת האָט געגעסן דער מענטש. און דאָס אויך נישט באַלד ווי ער איז באַשאַפן געוואָרן. פיל דורות זענען אַריבער ביז אדם און חוה האָבן פאַרזוכט פון אָט דעם בוים. עס איז געווען אַז דער מענטש האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע ענדגלידער, ער האָט געקראָגן אַ פאָר הענט

צו אַרבעטן מיט זיי, צו שאַפן, אָט דעמאָלט האָט ער געגעסן פון דעם עץ הדעת. צי דאָס איז אַ ברכה אָדער קללה — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. אָבער דער מענטש האָט באַקומען אַ באַוווסטזיין. ער ווייס אַז ער לעבט, ער ווייס אַז ער טוט, ער טוט וואָס ער ווייס, זיין באַוווסטזיין איז געוואָרן אַ שותף אין זיין לעבן.

און דאָ האָט דער מענטש אין די ראַמען פון דער נאַטור געשאַפן זיין וועלט. אויסער דער ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון דער וועלט, וואָס גייט אין ג ע אָ ל אָ ג י ש ע צייטמאָסן, האָט דער מענטש געשאַפן זיין קול־טור וואָס גייט אַ סך גיכער, אין ה י ס ט אָ ר י ש ע צייטמאָסן; אויסער זיין אייגענער איינגעשפּאַנטקייט אין דעם קאָסמישן ווילן, שפּאַנט איין דער מענטש די נאַטור אין זיין ווילן. צוערשט מיט די כוחות פון זיינע מוסקלען, שפּעטער מיט די כוחות פון דער נאַטור, פון ווינט און פליסיקן וואַסער, נאָך שפּעטער מיט מאָלעקולאַרע כוחות (דאַמף, פּולווער) און גאָר לעצטנס אויך מיט אַטאָמישע. מיטן עץ הדעת האָט דער מענטש — אַליין ווייט נישט פון די שטאַרקסטע באַשעפענישן — דאָך איינגעשפּאַנט אין זיין ווילן אומגעהייערע כוחות און ער האָט אויך פאַרפילפאַכט זיינע חושים, זיינע אויגן און אויערן: ברילן מיקראָסקאָפּ און טעלעסקאָפּ, עלעקטראָנישער מיקראָסקאָפּ און ראַ־דיאָטעלעסקאָפּ, מיקראָפאָן און טעלעפאָן, און ועל כולם ראַדיאָ. דער מענטש קען הערן און זען וואָס עס איז געווען אַמאָל און עס איז שוין לאַנג נישטאָ. און ווער קען פאָרויסזען וואָס דער מענטש קען נאָך דערגרייכן מיטן כוח פון עץ הדעת. עס האָט נאָך אונדזער פאַרצייטיקער בעל־תהילים געזונגען: „וואָס איז דער מענטש, דו זאָלסט אים געדענקען / און דער מענטשקינד דו זאָלסט אים דערמאָנען / און דו האָסט אים געמאַכט שיר נישט מינער / קנאַ־פּער פון גאָט / מיט כבוד און שיינקייט באַקריינסטו אים / מאַכסט אים גע־וועלטיקן איבער די ווערק פון דיינע הענט"... (תהלים ח'). דאָס איז די השפעה פון דעם עץ הדעת. דאָס איז דער דראַנג צו וויסנשאַפט.

## וואָס איז וויסנשאַפט?

יעדער תלמיד וועט אייך זאָגן, אַז וויסנשאַפט איז אַ סכום וויסן, וואָס די מענטשהייט האָט אָנגעזאַמלט, און דאָס לערנען איז אַ מיטל צו ירשענען די דערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַר דער צוקונפט. דער דור,

וואָס קומט, דערוויסט זיך, ער נעמט איבער פון עלטערן דור די דערפאַ־רונגען פון פריער פאַר דעם בויען פון דעם שפּעטער.

איז אָבער די דעפיניציע נישט קיין פּינקטלעך ריכטיקע: וויסנשאַפט איז נישט קיין סכום וויסנס, נישט דאָס פאָרמולירן וואָס מען ווייס שוין, עס איז אַ פּראָצעס צו שאַפן וויסנס. וויסנשאַפט שאַפט וויסן. עס איז נאָך איין דראַנג אין מענטשן אַחוץ די צוויי דראַנגען — דערהאַלטן דעם קיום פון יחיד און פון כלל, אַ דראַנג זיך צו דערוויסן. דער דראַנג באַהערשט דאָס קינד פון די ערשטע טעג פון זיין לעבן. ווען עס איז זאַט און טרוקן, ווען קיין אַנדערע פיזיאָלאָגישע שטערונגען זענען נישטאָ, פאַרנעמט זיך דער נייגעבאָרענער מענטש מיט „פאָרשן", מיט דערוויסן זיך: זיין אייגן קערפּערל, זיין וויגעלע, די ליכט־פלעקן אויף דער וואַנט, דער מאַמעס פּנים און איר קלייד, אַלץ איז אַן אָביעקט פאַר דעם קינדס פאָרשן. און ווי גליקלעך עס איז דאָס קינד ווען עס דערוויסט זיך טאַקע באמת עפּעס! עס איז די פרייד פון געניסן פון עץ הדעת.

ווייט נישט אַלע וויסנס זענען עלעמענטן פון דער וויסנשאַפט. איך ווייס, למשל, אַז מיר איז קאַלט, אַז נעבן מיר שטייט אַ טיש. דאָס איז נאָך ווייט נישט קיין וויסנשאַפטלעך וויסן. וויסן וויפיל וויבער עס האָט געהאַט שלמה און וואָס ער פלעגט עסן צו מיטאָג איז נאָך נישט קיין געשיכטע, אפילו ווען מען זאָל וויסן אויף קלאָר ווען ער איז געבאָרן און ווען געשטאָרבן. בכלל איז וויסן פאַקטן נאָך נישט קיין וויסנשאַפט. כעמיע איז געוואָרן אַ וויסנשאַפט נישט ווען די אַלכעמיקער האָבן אָנגעזאַמלט אַ שלל מיט ידיעות און פאַקטן, נאָר ווען עס איז מעגלעך געוואָרן פאָרויס צו זאָגן, אַז אין דער צוקונפט וועלן נאָך זיכער געפונען ווערן עלעמענטן, וואָס מען ווייס נאָך פון זיי נישט און זיי וועלן האָבן בערך אָט אַזוינע אייגנשאַפטן (מענדעלייעווס פעריאָדישע סיסטעם). אַסטראָנאָמיע זאָגט פאָרויס דערשיינונגען אין דער שטערנוועלט אויף הונדערטער יאָרן פאָרויס. מעטעאָראָלאָגיע זאָגט פאָרויס דאָס וועטער, די גאַנצע טעכניק איז געבויט אויף דעם סמך פון געזעצן, וואָס די פיזיק האָט אויסגעפאָרעמט. אַלץ איז געווענדט צו דער צוקונפט, פאַר דער צוקונפט. וויסנשאַפט זוכט צו וויסן וואָס עס וועט זיין, וואָס עס קען זיין און די טעכניק נוצט עס אויס כדי צו שאַפן וואָס דער מענטש, זיין פאַנטאַזיע און געדאַנק, זיין שכל און פאַרלאַנג ווילן עס זאָל זיין. דאָס אַלץ זענען די פּראָדוקטן פון דעם עץ הדעת, וואָס דער־וויילן האָט נאָר איין באַשעפעניש פון אים געגעסן — דער מענטש. און דער

וויסנשאַפט־דראַנג באַהערשט דעם מענטש נישט ווייניקער ווי די לעבנס־דראַנגען. אַט דער דראַנג האָט דאָס געהאָלפן דעם מענטשן אויפבויען זיין גאַנצע קולטור און ציוויליזאַציע.

דורך דעם איז דער מענטש אונטערגעוואָרפן מחוץ די אַלגעמיינע ביאָלאָגישע געזעצן פון דער גאַנצער לעבעדיקער וועלט און וואָס די פּראָצעסן קומען פאָר אין געאָלאָגישע צייטמאָסן, אַחוץ דעם איז נאָך דער מענטש אונטערגעוואָרפן, אונטעריאָכט צו די פּראָצעסן פון דער ציוויליזאַציע, און זיי קומען פאָר אַ סך גיכער אין היסטאָרישע צייטמאָסן. מיר וועלן דאָ אײַבערהיפּן די גרויסע היסטאָרישע מחלוקת צווישן די אָנהענגער פון דער „ריינער" וויסנשאַפט און צווישן די אָנהענגער פון „אָנגעווענדעטער" וויסנשאַפט. איך וועל דאָ נאָר אָנמערקן, אַז ביי אונדז יידן איז פון אייביק אָן גילטיק געווען די העכערקייט פון „ריינער" תורה, אָדער ווי מען האָט עס גערופן ביי אונדז „תורה לשמה", קעגן דער אָנגעווענדעטער, וואָס וויל פון דער תורה אָדער וויסנשאַפט מאַכן אַ „קרדום לחפור בו" — אַ מיטל צו אַ געשמאַקערן ברויט מיט פּוטער. אָדער ווי פּרץ האָט סאַרקאַסטיש געזאָגט (וואָס אַמאָל ווייניקער), אַז מען וועט נאָך פאַנגען די שטראַלן פון דער זון און מען וועט זיי הייסן פּוצן די שטיוול. עס איז אפשר איינע פון די שווערסטע טראַגעדיעס, וואָס דאָס לערנען אין כמעט אַלע שולן פון דער וועלט איז געשטעלט דווקא מאַטעריאַליסטיש, קאַריעריסטיש.

איך וועל דאָ אויך איבערהיפּן די טראַגישע פּאַרטיילונג אויף „עקזאַקטע" וויסנשאַפטן און „הומאַניסטישע". אַלע עקזאַקטע וויסנשאַפטן זענען אויסגעוואַקסן פון ריין הומאַניסטישע דראַנגען. די גאַנצע געשיכטע פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן איז אַזוי פול מיט אַזוי פיל הומאַניסטישע שטרעבונגען און איבערלעבונגען. דאָס לערנען די וויסנשאַפטן אָן זייער הומאַנישער געשיכטע און אַנטוויקלונג, איז ווי שטודירן דעם סקעלעט פון אַ מענטשן אָנשטאָט דעם לעבעדיקן מענטשן גופא. עס איז טאַקע טראַגיש ווי מען באַמיט זיך אין די היימען, אין די שולן צו דערשטיקן דעם דראַנג צו וויסנשאַפט. אָבער ווי געזאָגט איז עס נישט דאָ דאָס אָרט וועגן דעם צו רעדן. דאָ איז פאַר אונדז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז אַזוי ווי דאָס לעבן בכלל איז געווענדט צו דער צוקונפט, אַזוי איז אויך די גאַנצע וויסנשאַפט געווענדט צו דער צוקונפט.

## „ומותר האדם מן הבהמה"

ווי פריער איז עס שוין געזאָגט געוואָרן, לעבן אַלע באַשעפעניש־ן נאָר מיט די פרוכט פון עץ החיים, לעבט אָבער דער מענטש נאָך אויך מיט די פרוכט פון עץ הדעת. די גאַנצע אָרגאַנישע וועלט האַלט זיך תמיד אין ענדערן, אין בייטן זיך. יחידים ווערן געבאָרן און שטאַרבן. און אַזוי אויך מינים קומען אויף און שטאַרבן אָפּ. קאָלעקטיוון אַזוי ווי אינדיווידן. אָבער די פּראָצעסן קומען פאָר אין ג ע אָ ל אָ ג י שׁ ע ר ג ע ש י כ ט ע. דער מענטש אָבער נעמט אַליין אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּראָצעסן און זיינע ענדערונגען קומען פאָר אין ה י ס ט אָ ר י ש ע ר ג ע ש י כ ט ע. אירע צייטמאָסן זענען אַ סך קירצערע.

מענטשן זענען אַ געזעלשאַפטלעכע באַשעפעניש. די גאַנצע מענטש־לעכע געשיכטע איז געשיכטע פון פעלקער. און פעלקער ווי יחידים קומען אויף, ווערן דערוואַקסן, עלטערן זיך און שטאַרבן אָפּ. אַזוי איז עס מיט אַלע בעלי חיים און געוויקסן אין זייער געאָלאָגישער געשיכטע. און אַזוי איז עס אויך מיט פעלקער אין זייער היסטאָרישער געשיכטע. די ביאָלאָ־גישע פּראָצעסן גייען אַ סך פּאַמעלעכער, אויך די ענדערונגען זענען אַ סך פּאַמעלעכער. אויך אין אונדזערע צייטן גייען אונטער פאַרשידענע מי־נים בעל חיים און געוויקסן. איך וועל דאָ אָנרופן בלויז צוויי מוסטערן. די אַמאָל אַזוי באַרימטע צעדערן פון לבנון. זיי זענען אין פּראָצעס פון אונ־טערגאַנג. אַזוי זענען אויך די „זוברעס" (איראָפּעישע בוזאָנען) אין די וועלדער פון ביעלאָוויעזש אין פוילן. די צאַרישע רעגירונג האָט זיי ספּע־ציעל געהיט. איך ווייס נישט צי עס איז נאָך פון זיי איצט געבליבן אַ לע־בעדיקער זכר נאָך די מלחמות און איבערקערענישן. די גאַנצע געאָלאָגי־שע געשיכטע פון דער ערד איז פול מיט אַזוינע אויסגעשטאָרבענע מי־נים בעלי חיים און געוויקסן אין דעם אייביקן גאַנג פון לעבן. אויך די מענטשלעכע ה י ס ט אָ ר י ש ע ג ע ש י כ ט ע איז פול מיט אויס־געשטאָרבענע פעלקער. ווער פון זיי עס איז אַוועק מחמת ביאָלאָגישער אַלטקייט אַזוי ווי אַנדערע אָרגאַניזמען און ווער עס איז אונטערגעגאַנגען מחמת ריין היסטאָרישע סיבות פון מלחמות, קריגערייען וכדומה.

# מענטשן און פעלקער

אַלע אָרגאַניזמען, וואָס ווערן קולטיווירט, צעפאַלן זיך אויף אַ סך „סאָרטן". אין דער נאַטור — איין אַרט עפּל. אין דער קולטור — אָן אַ שיעור סאָרטן. טויזנטער סאָרטן ווייץ אָזוי אַזוי כסדר. אַזוי „אויך דער מענטש אַליין — דער שעפער פון קולטורן. דער „האָמאָ סאַפּיענס" — צע־פאַלט זיך אויף פאַרשידענע פעלקער. פאָלק דאָס איז פאַרזיכיקע קול־טורן — פאַרשידענע פעלקער.

קולטורן פון געוויקסן און בעלי־חיים גיבן זיך איבער בירושה, מען קען האָדעווען די געוווּנטשענע סאָרטן. אָבער דאָס מוז אָפּגעהיט ווערן, מען מוז זאָרגן פאַר דער ריינקייט פון דעם סאָרט, פאַר די נויטיקע באַדינגונגען. פאַרוואָרלאָזטע סאָרטן פון די בעסטע פרוכט ווערן צוריק „פאַרווילדעט" — זיי קערן זיך אום צוריק צו זייער ערשטיקער, נאַטירלעכער פאָרעם. פאָלק — דאָס איז קולטור; קולטור איז ט ר אַ ד י צ י ע ס. טראַדיציעס פון שטייגער, פירונגען פון דורות, זיטן, מינהגים, פאָרמען פון פרייד און טרויער, פון עסן און טרינקען, פון טראַכטן און דענקען, פון רעדן און פון וויינען און פון לאַכן.

פאָלק מיינט טראַדיציעס. טראַדיציעס — מיינט שטייגער; שטייגער פלעגט מען ביי יידן רופן „תורה שבעל פה". האָט נאָך דעם אמת געוווּסט אַ קלוגע, אַ טיף פילאָזאָפישע גמרא, און ווי תמיד איז עס אַרויסגעזאָגט לאַקאָניש, אין איין זאַץ, דהיינו — אַז דער גאַנצער בונד פון דעם יידישן גאָט מיט דעם יידישן פאָלק איז נאָר דורך די „דברים שבעל פה". (גטין ס׳ ב׳).

די גאַנצע שריפט־קולטור איז נאָר אַ פּראָדוקט פון דער בעל־פה־קול־טור, נאָר אַ תולדה, וואָס טאָר גאָר נישט פאַרפיקסירט ווערן אין שריפט איין מאָל אויף אַלע מאָל.

פעלקער זענען ווי אָרגאַניזמען. ווי אַ רוסישער געלערנטער האָט עס אָנגערופן אַ „איבעראָרגאַנישער אָרגאַניזם". פעלקער ווערן געבאָרן זיי ווערן דערוואַקסן, ווערן אַלט און שטאַרבן. יונגע פעלקער האָבן אַ שטיי־גער, אַ מונדלעכע קולטור. קיין שריפט־קולטור — די פרוכט פון דער בעל פה־קולטור — האָבן זיי נאָך נישט. זי קומט שפּעטער, ווען דאָס פאָלק איז דערוואַקסן. ווען אַ פאָלק ווערט אַלט קען עס האָבן אַ רייכע שריפט־לעכע קולטור, אָבער קיין בעל־פה־קולטור שאַפט עס מער נישט און עס

שטאַרבט אָפּ. אַ בוים האָט געגעבן אַ סך פּרוכט. אַלט געוואָרן, שאַפט ער מער נישט קיין פרישע קולטור. דאָס אַלט־געוואָרענע פאָלק שטאַרבט אָפּ, עס קען זיין זייער רייך מיט מוזעאומס, ביבליאָטעקן, לעגנדרייען, געביי־דעס. אָבער קוים האָט עס מער נישט קיין אייגענע, פאַרזיכיקע טראַדי־ציעס, קיין אייגענעם שטייגער, קיין קולטור שבעל־פה, איז דאָס פאָלק אַ נוטה למות. קיין „פאַרצייטיקע" קולטורן, ווי רייך זיי זאָלן נישט זיין, קע־נען נישט איינהיטן דאָס לעבן פון אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין קול־טור שבעל־פה, זיינע טראַדיציעס. מיט אַנדערע ווערטער — אָן דעם נעכטן איז נישטאָ קיין מאָרגן.

## דאָס יידישע פאָלק איז ביאָלאָגיש נישט אַלט

נאָך אָט דעם לאַנגן אַריינפיר קומען מיר ערשט איצט צו באַהאַנדלען אונדזער אייגנטימלעכע טעמע: די צוקונפט פון אונדזער יידישן פאָלק.

ווי מיר זעען איז אַ פאָלק אַ תולדה פון נעכטנס אין צוגרייטונג פון מאָרגנס. ווי איז עס מיט אונדזער פאָלק אין זיין לאַנגן וועג?

אַלע פעלקער, וואָס זענען אַרויס צוזאַמען מיט אונדז אויף דער וועלט־אַרענע, זענען שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, נישט געבליבן קיין איינער, נישט פון די שטאַרקע און נישט פון די שוואַכע. קען זיין, אַז מען וואָלט לאַנג פון זיי פאַרגעסן, ווען זיי וואָלטן פון אונדז נישט דערמאָנט געוואָרן. נאָר מיר אַליין — מיט איין פוס הינטער די מיצרישע פּיראַמידן, און מיטן צווייטן — אין חלל־פליערײַ. מיט די גאָר אַלטע און מיט די ייִנגסטע. און אין דעם טראָט גייט דורך כמעט די גאַנצע וועלט־געשיכטע.

איז דאָס יידישע פאָלק אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע פעלקער. ווער פון יענע אַלע אַנדערע פעלקער איז אונטערגעגאַנגען מחמת ביאָלאָגישער אַלטקייט און ווער — איז פשוט אויסגעראָטן געוואָרן, דאָס איז דאָ נישט קיין פראַגע. דער עיקר — דאָס יידישע פאָלק איז ביאָלאָגיש לגמרי נישט אַלט. אַ ראיה דערצו איז דער נייַנצנטער יאָרהונדערט, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט זיך פירפאַכיק פאַרמערט אין זיינע צאָלן. מיר זענען ערב דער ערש־טער וועלט־מלחמה געווען אַ פאָלק פון קנאַפּע זיבעצן מיליאָן מענטשן. מיר האָבן געשאַפן ישובים פרישע, יונגע אין נייע לענדער, איבער אַלע קאָנטי־נענטן. פאַרמערט זיך און פאַרשפּרייט זיך. נישטאָ קיין ביאָלאָגישע סיבות

אין דעם אונטערגאַנג פון אַ סך יידישע ישובים. זיי זענען נישט פון אַלט־קייט אונטערגעגאַנגען.

## קולטור און ביאָלאָגיע

דערביי איז זייער וויכטיק קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן אײן פאַקט: גלייך מיט דער עמאַנציפּאַציע פון יידן אין מערב־אייראָפּע האָט זיך טאַקע יאָ אָנגעהויבן דאָרטן אַ געוואַלטיקע ריין ביאָלאָגישע ירידה: ווייניקער געבורטן, העכערער דורכשניט־עלטער, אַלגעמיינע פיזישע דעגענעראַציע. די גאַנצע פאַרמערונג און פאַרשפּרייטונג פון יידישן פאָלק אין פאַריקן י״ה דאַרף צוגעשריבן ווערן נאָר דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. דער מערב איז פאַרקערט אָוועק אין אַ ביאָלאָגישער דעגענעראַציע. לויט רופּינען זע־נען אין בערלין אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן י״ה נישט געווען קיין יידן אָפּשטאַמיקע פון יידן אין מענדעלסאָנס צייטן (״היהודים בזמן הזה״). לויט י. לעשטשינסקין זענען פון די זעקס הונדערט טויזנט יידן אין דייטשלאַנד ערב היטלער, הונדערט טויזנט געווען פריש איינגעוואַנדערטע פון מזרח־אייראָפּע. אַזוי אויך אַ גאַנצע העלפט פון יידנטום אין ווין (נדודי ישראל בדורות האחרונים ז׳ 29) צוזאַמען מיט דער אַסימילאַציע איז טאַקע אָוועק אויך אַ ביאָלאָגישע דעגענעראַציע.

אין ענגלאַנד איז עס נישט געווען אַזוי קענטיק אַ דאַנק דער שטאַר־קער אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע. לעצטנס אָבער, מיט דעם אָפּשטעל פון דער אימיגראַציע זענען שוין געווען אין דער יידישער פּרעסע ידיעות וועגן ביאָלאָגישער דעגענעראַציע אויך אין ענגלאַנד. ענלעכע ידיעות זע־נען אויך געווען בנוגע אויסטראַליע.

עס זענען געווען קליינע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. זיי זענען אַלע אונטערגעגאַנגען. די איצטיקע ישובים דאָרטן זענען אַלע נייע, יונגע.

און לאָמיר דאָ זאָגן נאָך אין ביטערן אמת: אויך די יידישע באַפעל־קערונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן געפינט זיך אין אַ פּראָצעס פון כסדר־דיקן אונטערגאַנג. מען האָט מיט גרויס פּאַראַד געיומטובט דרייהונדערט יאָר יידן אין אַמעריקע. אָבער צי זענען אין אַמעריקאַנער יידנטום געווען יור־שים פון יענע ערשטע יידן אין די שטאַטן? נישטאָ פון זיי קיין יידישער זכר. אין אָנהויב פון היינטיקן י״ה האָבן נאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין יידישן

לעבן אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד אָדער זייערע קינדער. מען הערט מער נישט פון אַזעלכע. אויף דעם זעלביקן וועג גייט אויך די אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע. קען זיין אַז ווי יחידים, ווי מענטשן באַזונדער זענען זיי אויך ביאָלאָגיש פעסט און שטאַרק, אָבער נישטאָ מער אין יידישן לעבן. ווי טיילן פון יידישן פאָלק גייען זיי אונטער.

האָבן מיר אַ גרויזאַם־אמת: מזרח־אייראָפּע — אויפשטייג, פאַרמערונג, פאַרשפּרייטונג. ביאָלאָגישע יוגנט־רעזערוון; מערב־אייראָפּע — אונטערגאַנג, פאַרמינערונג, פאַרעלטערונג. און אַן אַלגעמיינער כלל: אַסימילאַציע איז אַלע מאָל פאַרבונדן מיט פיזישן אונטערגאַנג פון דעם יידישן קאָלעקטיוו. עס קומט אויס, אַז דער ביאָלאָגיש געזונטער קאָלעקטיווער, פאָלקישער אָר־גאַניזם, וואָס פאַרלירט זיין יידישע קולטור, פאַרלירט אויך זיין פיזישן כוח צו לעבן ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַ פאָלק. פאַר אַ יחיד איז עס קלאָר: שטאַרבט אָפּ די נשמה, דער גייסט, גייט שוין אונטער אויך דער גוף. קענ־טיק, אַז דער זעלביקער כלל גילט אויך פאַר אַ פאָלקישן קאָלעקטיוו. ווי עס איז ביי אַנדערע פעלקער ווייס איך נישט, אָבער פאַר יידן איז עס קלאָר. דער פיזישער קיום פון יידישן פאָלק איז פאַרבונדן מיט דער פעסטקייט פון דער יידישער קולטור. אין חומש דערציילט זיך, אַז וואָס מער די מיצ־רים האָבן געפּייניקט די יידן, אַלץ שטאַרקער האָבן זיי זיך פאַרמערט און זיך געשטאַרקט (שמות א׳ יב׳). דער כלל אַז ביי אַ געזונטער נשמה איז אויך דער גוף געזינטער איז ריכטיק פאַר דעם קאָלעקטיוו אַזוי ווי פאַר אַ יחיד. עס איז פאַלש דאָס רוימישע ווערטל, אַז אין אַ געזונטן גוף איז אויך די נשמה געזונט. ריכטיק איז דאָס פאַרקערטע, ביי אַ געזונטער נשמה איז אויך דער גוף שטאַרקער און געזינטער.

אַ סך יידישע ישובים זענען אונטערגעגאַנגען, אומגעקומען, אויסגע־גאַנגען. אָבער ווי מיר זעען זענען די ישובים אויסגעגאַנגען נישט מחמת ביאָלאָגישער אַלטקייט, אויך נישט מחמת דרוק און רדיפות ווי דאָס איז גע־ווען דווקא אין מזרח־אייראָפּע, נאָר אונטערגעגאַנגען זענען די ישובים מחמת אַסימילאַציע און קולטורעלער אָפּשוואַכונג.

מיר זענען געבליבן אַן אויסנאַם פון צווישן אַלע אַלטע פעלקער צוליב רייך־היסטאָרישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן נישט דערלאָזט קיין אַסימילאַציע, קיין קולטורעלע אָפּשוואַכונג. וועלן מיר פּרובירן אָנמערקן דאָ די היסטאָ־רישע סיבות פון אונדזער ביז איצטיקן אויסהאַלטן. אָט דאָס זענען זיי:

## די היסטאָרישע פאַקטן פון אונדזער קיום

1. אונזער צעשפּרייטונג איבער לענדער און צווישן פעלקער.

2. לענדער האָבן געלעבט באַזונדער פאַר זיך, זענען אויך פאַר יידן געווען די באַדינגונגען פאַרשידענע — ווו גוטע און גינציקע, און ווו — פאַרקערט, שלעכטע און שווערע; ווו אונטערגאַנג און ווו אויפגאַנג.

3. אין טייל לענדער האָבן מיר געלעבט אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט פון די הויפּטפעלקער, פאַר זיך אין גאַנצן. מען האָט אונדז אַזוי געהאַלטן אָפּגעטיילט און מיר האָבן זיך אַזוי אָפּגעזונדערט שטייגעריש און קולטורעל פון אַלע אַנדערע פעלקער.

4. די צוויי פּרוכטיקסטע תקופות אין אונדזער געשיכטע — די תקופה פון פּערסישער הערשאַפט, ווען מיר זענען געוואָרן אַן „עם עולם" — אַ ן א יי ב י ק פ אָ ל ק און די תקופה פון מזרח־אייראָפּע, ווען מען זענען אַן „עם עולם" — אַ ן אַ ל וו ע ל ט ל ע ך פ אָ ל ק, — דיביידע תקופות זענען מיר געווען ווייט אָפּגעטיילט פון די הויפּטפעלקער אויך אין שטח אַפילו. מען האָט נישט געקאָנט זיך „צונויפשמעלצן" מיט די הויפּטפעלקער, און לגבי די אַנדערע, סובאָרדינירטע מיטפעלקער האָט מען זיך געפילט „אתה בחרתנו".

5. אונדזער גאַנצע קולטור, אויך די רעליגיע זענען נישט מאַטעריאַליסטיש. נישט געווען ביי אונדז קיין פעסטע צוגעבונדנקייט צו קיין מאַטעריעלע אָביעקטן. די מאַטעריעלע הייליקייטן פון ערשטן בית־המקדש האָט מען באַשטאַט קיינער זאָל נישט וויסן ווו זיי זענען (גניזת הארון). מיט אַלע מיטלען האָט מען אויסגעמיטן אַלע מאַטעריעלע פאָרשטעלונגען וועגן אַ וועזנטלעכן גאָט. אונדזער גאַנצע געשיכטע איז פול מיט דעם באַקעמפן אַלע מאַטעריאַליסטישע גאָט־באַגריפן. אַזוי אויך האָבן מיר נישט פאַרבונדן אונדזער קיום ווי אַ פאָלק מיט קיין לאַנד, אַפילו נישט דעם באַליבטן ארץ־ישראל, מיר האָבן קיין מאָל נישט פאַרבונדן די געשיכטע פון אונדזער פאָלק מיט דער געשיכטע פון אונדזער לאַנד. ארץ ישראל איז געווען און איז געבליבן מער אַ סימבאָל פון גייסטיקער און קולטורעלער פאַרזיכיקייט. האָבן יידן אַזוינע פאַרזיכיקע קולטור־ערטער געבויט אין גלותן, „ירושלימס" אין גלותן. זענען אַפילו געווען מיינונגען, אַז בבל שטייט העכער פון ארץ ישראל. יידן האָבן געבענקט נאָך ארץ ישראל כדי צו קענען דאָרטן מקיים זיין דעם „ושם נעשה", די פולע פאַרזיכיקע יידישקייט.

בכל אופן האָט דער גלות געראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון „שומרוניזאַציע". דאָס אין בעסטן פאַל. אַ סך וועגן דעם צו רעדן, אָבער דער פּרינציפּ איז קלאָר.

6. אין משך פון אונדזער גאַנצער געשיכטע איז ביי אונדז י י ד י ש ק יי ט, אָדער דאָס וואָס מען רופט איצט פאַלש „יידישע רעליגיע" באַשטאַנען פון פ אַ ר ה יי ל י ק ן ד אָ ס וו אָ כ ע ד י ק ע. די גמרא רופט עס „מן החול אל הקודש". דאָס אַלץ וואָס איז שטייגער־לעבן אין דעם טאָג־טעגלעכן אויפפיר, וואָס עס טיילט אונדז אָפּ פון אַנדערע, וואָס שיידט אונדז אָפּ פון זיי, דאָס אַלץ איז ביי אונדז קודש־הייליק. דאָס פ אָ ל ק י ש ע מיט דעם ג ע ט ל ע כ ן זענען איינס, „ישראל" און קודשא ברוך הוא". עס זענען בלויז פאַראַן מדרגות פון קדושה; זיי גייען לויטן עלטער: מנהגים — אַזוי פירן זיך יידן, דין, שולחן ערוך, מדרבנן און — דאָס העכסטע און דאָס עלטסטע — מדאורייתא. דער אַלגעמיין־מענטשלעכער דראַנג צו דינען צו אַ גאָט האָט געהיט יידישקייט.

7. דער עולם הבא־גלויבן, דער גלויבן אין שכר ועונש אויף יענער וועלט האָט געמאַכט, אַז יעדער ייד פאַר זיך זאָל גערן טראָגן דעם שווערן יאָך פון יידישקייט אין גלות. און „מתוך שלא לשמה אתה בא לשמה" — פון ריין עגאָיסטישע געוווינהייטן פלעגט מען ווערן געטרייע, אומבאַדינגטע היטער פון יידישקייט. דער גלויבן אין „השגחה פרטית" האָט געמאַכט יעדן ייד צו וועלן אָנקלייבן וואָס מען „פאַרמעגן" אויף דער וועלט און אויך וואָס מער פאַר יענער וועלט.

8. פון פריוואַטן עולם הבא איז געקומען צו דעם גלויבן אין „לעתיד לבא" פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו, פאַרן פאָלק און פאַר דער וועלט בכלל, אם ירצה השם, אַז משיח וועט קומען. נישט קיין מלוכה־דיסציפּלין האָט געהיט די אינטערעסן פון פאָלק, נאָר דער גלויבן אין פריוואַטן שכר ועונש. ער האָט איינגעשפּאַנט יעדן ייד אין שווערן וואָגן פון יידישקייט אין גלות. און נישט פון צאָלן איז עס געוואָרן אָפּהענגיק. אַפילו אויב איינער פאַרנעמט זיך מיט דער תורה, איז דאָרטן די שכינה, דער יידישער גאָט. און אַז דריי איז עס שוין אַ מזומן; צען — אַ מנין און ל״ו, 36 יידן — פּשוטע יידן — קענען באַשטיין פאַרן גאַנצן פאָלק.

## צ ע ש ט ע ר ע ר י ש ע פ אַ ק ט אָ ר ן

דאָס זענען געווען די פאַקטאָרן פון יידישן קיום ווי אַ פאָלק אין משך פון גאַנצן לאַנגן גלות. און פאַרקערט, זענען געווען אַ גאַנצע ריי צעשטערע־רישע פאַקטאָרן וואָס האָבן געבראַכט חורבן און אומקום, וואָס האָבן גע־פירט צום אומקום פון אַזוי פיל יידישע ישובים. צוליב די דאָזיקע צעשטע־רערישע פאַקטאָרן זענען מיר נישט געוואָרן קיין גרויס פאָלק פון הונדער־טער מיליאָנען ווי דאָס וואָלט געקאָנט זיין לויט אונדזער עלטער ווי אַ פאָלק; ווען אַלע ביאָלאָגישע פאַרמערונגען וואָלטן געבליבן אין יידישן פאָלק. צו־ליב די צעשטערערישע פאַקטאָרן גייט אונדזער געשיכטע דורך ה ע ג ע־מ אָ ן ־ ש ב ט י ם, אין יעדער תקופה — איין אַקטיווער שבט און אַלע אַנ־דערע אָדער זיי גייען אין גאַנצן אונטער, אָדער זיי זענען אין גאַנצן פּאַסיוו.

די צעשטערערישע פאַקטאָרן זענען אויך אינעווייניקסטע, אין יידישן פאָלק גופא און דרויסנדיקע — אין די באַדינגונגען פון דער אַרומיקער וועלט. מיר וועלן אָנהויבן פון די דרויסנדיקע:

1. א ו ר ב אַ נ י ז ם. נישטאָ מער קיין פּריצים און פּויערים ווי באַ־זונדערע שטאַנדן, קלאַסן, און יידן צווישן זיי ווי אַ באַזונדערער קלאַס. פּויע־רים אין דערפער, פּריצים אין הייפן און יידן אין שטעטלעך. אַזוי איז גע־ווען. איצט, אין שטעט, אין דער אורבאַנישער געזעלשאַפט, זענען אַלע גלייך און אַלע צוזאַמען. איין געמיש און איין געמיט. נישטאָ קיין באַזונדערע יידי־שע פּרנסות, נישטאָ קיין פאַרזיכיקע קולטור און שטייגער. נישטאָ בכלל קיין אָפּזונדערונג.

2. א ו נ י ו ו ע ר ס אַ ל י ז ם. לענדער זענען צווישן זיך נישט אין פאַרגלייך מער פאַרבונדן, מער איינהייטלעך; נישטאָ דאָס „גוטע", וואָס עס איז געווען אין דער יידישער צעשפּרייטקייט. די באַדינגונגען פאַר יידן זענען איצט אַ סך מער איינהייטלעך, ווי אין איין לאַנד, אַזוי אין אַנדערע.

3. אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם, וואָס יידן האָבן אַלץ געגלייבט, אַז די נישט־יידישע וועלט וועט זיך פון אים אויסהיילן, האַלט זיך, פאַרקערט, אין שטאַרקן און פאַרשפּרייטן. ער איז שוין איצט אוניווערסאַל, אין גאָר אַנדערע מאַסשטאַבן און מיט גאָר אַנדערע מיטלען.

צו די אינעווייניקסטע צעשטערערישע פאַקטאָרן דאַרף מען צורעכענען:

1. ש ו ו ע ר צ ו ז יי ן אַ יי ד. זיין אַ ייד הייסט לעבן פאַרזי־כיק אַנדערש ווי אַנדערע, שווער אָבער דאָס דורכצופירן, ווען דאָס פּריוואַ־

טע לעבן איז אַזוי פֿאַרבונדן, ווען די ציוויליזאַציע אַרום איז איינע פֿאַר אַלע איינוווינער. דאָס פֿאָדערט גרויסע אָנשטרענגונגען פֿון ווילן, אָדער עס פֿאָדערט זיך אָן אויסטיילונג פֿון גרופּעס יידן אין באַזונדערע, פֿאַרזיכיקע ראַיאָנען. ווידער איז עס דערוויל ווייניק פּאָפּולער צווישן יידן.

2. מען וויל דאָך פּטור ווערן פֿון יידישע צרות אין דער נישט־יידישער וועלט, ד״ה צרות וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט דעם עצם זיין אַ ייד; מיינט מען פּטור צו ווערן פֿון יידישקייט ווי עס וואָלט געווען דער מקור פֿון צרות. מען וויל נישט זיין אַנדערש פֿון אַנדערע.

אמת, דער גלויבן אַז מיטן אַנטלויפֿן פֿון יידישקייט וועט מען פּטור ווערן פֿון יידישע צרות איז זייער קורצזיכטיק. עס איז פֿאַרקערט: פֿון יידישקייט אַנטלויפֿט מען טאַקע, די צרות בלייבן און די אָפּוואַר־מיטלען קענען זיי ווערן פֿאַרלאָרן. אָבער דאָך בלייבט דער פֿאַרלאַנג צו אַנטלויפֿן פֿון יידישקייט.

3. וואָס מער עס שטייגט די ציוויליזאַציע, אַלץ איינהייטלעכער ווערט די קולטור און דער שטייגער לעבן. אַלע אַנדערע רעליגיעס זענען „קרעדאָ־רעליגיעס", זיי באַשטייען פֿון אַ צאָל אָנגענומענע אמתן, וואָס מען דאַרף גלייבן אין זייער אמתדיקייט. זיי פֿאַרלאַנגען נישט קיין אָפּזונדערונג אין שטייגער לעבן. יידישקייט אַפֿילו וועלטלעכע, איז דאָך אָבער קודם כל אַ פֿאַרזיכיקער שטייגער, אַ פֿאַרזיכיקע קולטור. קען מען נישט לעבן דעם זעלביקן לעבן ווי אַלע אַנדערע און בלייבן אַ ייד. כדי צו זיין אַ ייד דאַרף מען האָבן אַ סביבה פֿון יידן. די יידישע געשיכטע האָט אויסגעאַרבעט ביי יידן אַ פּחד פֿאַר אַזוינע ספּעציפֿיש־יידישע סביבות.

4. די איינהייטלעכע אורבאַניש־אוניווערסאַלע קולטור און דערציאונג ברענגט דערצו, אַז יידן נעמען זיך אָן מיט די זעלביקע געדאַנקען, אידעען און געפֿילן אויך בנוגע צו יידן. שטעקן זיך יידן אָן גאָר פּשוט מיט אַנטי־סעמיטישע געדאַנקען און געפֿילן. ווערט פֿאַרשפּרייט צווישן יידן גופֿא אַ האָס און ביטול צו יידן, צו יידישקייט און צו זיך אַליין. דאָס איז די זייער קאָמפּליצירטע עגאָפֿאָביע, האָס צו זיך גופֿא. עס איז אַ שווערע פּסיכישע קראַנקייט.

5. די אויסגעהאַלטענע יידישע היים אין דער פֿאַרזיכיקער יידישער סביבה צווישן סובאָרדינירטע פֿעלקער האָט אַנטוויקלט ביי יעדן ייד שוין אין זיין קינדהייט אַ געפֿיל פֿון שטאָלצער, מוטיקער פֿאַרזיכיקייט, אַ געפֿיל פֿון פֿאָלקישער פֿולווערטיקייט; דאָס איז געווען דער „אתה בחרתנו", וואָס

האָט געגעבן כוח צו לעבן פאַר זיך, צו בויען און שאַפן יידישקייט, אַריבער־צוטראָגן יידישע צרות און נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך, כוח צו אַנטלויפן פון צרות. עס איז אָבער אוממעגלעך צו לויפן פון זיך אַליין, פון דעם אַנטיסע־מיט אין זיך גופא.

6. עס איז אַ טיפער אונטערשיד צווישן ק ו ל ט ו ר און ב י ל־ד ו נ ג. קולטור איז אַלע מאָל פאַרבונדן מיט פאָלקישקייט. נישטאָ קיין נייטראַלע, א ו מ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע קולטור. יידישע דורות אָבער, וואָס ווערן דערצויגן אין אַלגעמיינע בילדונגס־אינסטיטוציעס, אָבער אָן יידישער קולטור אין די היימען אין שול און אין דער סביבה, וואַקסן אויך אויס אָן אַ קולטור בכלל. יידן אָן יידישער קולטור און אפילו מיט אַ סך בילדונג בלייבן דאָך נישט קיין דורכגעדרונגענע מיט דער קולטור פון פאָלק, וואָס האָט גע־בויט די שולן. יידן פון מעקסיקאַנער שולן זענען נישט קיין מעקסיקאַנער, פון פראַנצויזישע שולן, זענען נישט קיין פראַנצויזן. יידן אין אַמעריקע, אָן יידישער קולטור, מיט אַמעריקאַנער בילדונג, זענען דאָך ווייט נישט קיין אַנגלאָזאַקסן, נישט קיין אָרגאַנישע יחידים פון דעם „אַמעריקאַנער פאָלק״. זיי זענען נישט־יידן און נישט־גויים, עפּעס אַ מין ערב־רב, ווי דער חומש האָט עס אָנגערופן.

7. אַ ט ר אָ פ י ע פ ו ן יי ד י ש ן ד ע נ ק ן. דאָס אַלץ פירט צו אַטראָפיע פון יידישן דענקן. יידן הערן אויף צו קענען דענקן פאַר זיך אַפילו וועגן זייערע אייגענע פּראָבלעמען. און נאָך ערגער, עס ברענגט צו...

8. אַ ט ר אָ פ י ע פ ו ן יי ד י ש ן ו ו י ל ן. עס איז טראַגיש ווען אַ קראַנקער הערט אויף צו וועלן לעבן און צו זיין געזונט. כדי צו זיין אַ ייד אין דעם אורבאַנישן אוניווערסאַליזם, דאַרף מען זיין פאַרעקשנט, מען דאַרף שטאַרק וועלן צו זיין אַ ייד. ווי האָט אַמאָל אַ רבי געדרשנט: „אל תקרא הליכות אלא ל ה כ ע י ס״ (אין גמרא שטייט „אל תקרא הליכות אלא ה ל כ ו ת״) אַ ייד דאַרף זיין פאַרעקשנט; צו להכעיס אַלע דרויסנדי־קע פאַקטאָרן וויל איך דווקא זיין אַ ייד!

אָן אַזאַ פאַרעקשנטן ווילן גייט מיט אַ ייד מיט דעם אַלגעמיינעם אַרו־מיקן שטראָם, צי דער שטראָם איז זיינער, אָדער אַ פרעמדער — און ער טראָגט זיך מיט דעם פרעמדן שטראָם, אָבער קיין יידישקייט איז שוין אין דעם גאַנג נישטאָ. אַ סך באַזונדערע זעמדעלעך און אָפּגעריבענע שטיינדלעך

טראָגן זיך מיט דעם שטאַרקן וואַסערשטראָם פון אַ טײַך. זיי זענען נישט דאָס וואַסער און נישט דער פעלדזיקער שטיין, וואָס פון אים שטאַמען זיי...

## סכנות פון אומקום

קלאָר אַז אַזאַ קאָמבינאַציע פון פאַקטאָרן דראָט דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט מיט גרויסע סכנות. פשוט געזאָגט: עס דראָט אַ פולער אומקום. און דאָס — נישט צוליב ביאָלאָגישע סיבות. פאַרקערט, מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז ביאָלאָגיש איז דאָס יידישע פאָלק געזונט און פעאיק זיך צו פאַרמערן און פאַרשטאַרקן. די סיבות פון די סכנות זענען אַלע סאָציאַל־היסטאָרישע. מען דאַרף די סכנות לגמרי נישט פאַרויסזען, זיי זענען שוין דאָ, מיר לעבן אין די סכנות, זיי פאַרצערן אונדז מיט דעם פולן מויל שוין איצט.

דער ערשטער סימן פון דער סכנה איז דאָס וואָס דאָס יידישע פאָלק איז צעשאָטן, צעברעקלט. יידן האָבן אַזוי פיל אָרגאַניזאַציעס, אַזוי פיל פאַרטייען און גרופּעס און שפּליטערס, אַז עס איז לגמרי נישטאָ קיין שום אידעע, וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע יידן; נישטאָ קיין סופּער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל באַהעפטן אַלע יידן. געווען אַמאָל די יידישע רעליגיע, איינע פאַר אַלע יידן. איז זי היינט אַליין צעשפּאָלטן און צעברעקלט. און נישט בלויז אויף דריי אָפיציעלע שיטות — אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמער. נאָר איטלעכע פון די דריי איז ווידער צעברעקלט. אָט: אָרטאָדאָקסיע. דאַכט זיך, אַז דער שולחן ערוך איז איינער, און וויפיל אָבער זענען פאַראַן פאַרטייען, גרופּעס אַרום אים! ארץ ישראל איז איינע, און פאַראַן אַזויפיל ציוניסטישע פאַרטייען, אָרגאַניזאַציע! און אַזוי כסדר. פאָלק איז אַן אָרגאַניזם. איז דאָס יידישע פאָלק צעפאַלן און דער גאַנצער אָרגאַניזם, דאָס גאַנצע פאָלק איז מער נישט איינס!

די אַלע אָרגאַניזאַציעס, די אַלערליי פאַרבאַנדן און פאַריינען זענען מער אויסגערעכנט פאַר דעם איצט, נישט פאַר דעם מאָרגן פון יידישן פאָלק. און יעדע אַקטיווע גרופּע, יעדע אַרבעט מוז דאָך האָבן אין זינען די צוקונפט. ווען נישט, איז עס בלויז אַ מין קלוב צו פאַרברענגען צוזאַמען.

פאַראַן צוויי ענינים, וואָס פאַרבינדן יאָ, אויב נישט דאָס גאַנצע פאָלק, איז בכל אופן כמעט דאָס גאַנצע פאָלק. דאָס איז דער אויפבוי פון מדינת ישראל און לעצטנס — די זאָרג פאַר די יידן אין רוסלאַנד. די כאַראַקטעריסטיק פון דער אַרבעט איז, אַז עס איז פאַר „עקספּאָרט“. אַזוי האָבן יידן

אין דייטשלאַנד געהאַט זייער „הילפס פאַריין" צו שטיצן די „אָסט־יודען". אַזוי האָבן נאָך אַ צייט פריער די פראַנצויזישע יידן געהאַט דעם „אַליאַנס איזראַעלעט" צו הילף די יידן אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער. פאַר זיך, פאַר זייער אייגענער צוקונפט האָבן נישט די און נישט יענע שוין „נישט געדאַרפט" זאָרגן... אין אַ גרויסער מאָס זענען ביידע — דער עלטערער „אַליאַנס" און „הילפס־פאַריין" געווען קאָנקורירנדיקע אינסטיטוציעס צו פאַרשפּרייטן זייערע „פּאַטריאָטישע קולטורן". נאָך איין געמיינזאַמע זאָרג איז געווען: זיך באַמיען אַז די יידישע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע זאָלן וואַנדערן ווייטער און חלילה נישט בלייבן ביי זיי, אין „זייערע" לענדער. אַלע אַמעריקאַנער יידן זאָרגן פאַר מדינת ישראל. אַפילו יידישע קאָמוניסטן האָבן דאָרטן אַ קיבוץ און אַ קליניק. און דאָס שטאַרקט נאָך מער די צעשפּליטערונג. די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק איז, אַז קיינער זאָרגט נישט וועגן דער צוקונפט פון יידישקייט אין אַמעריקע. אַפילו די זאָרגער פאַר יידישער דערציאונג אין אַמעריקע, וואָס שלינגט איין גרויסע געלטער, וואָס מאַכט אַ היפּשן טומל, אַפילו די דערציונג איז מער געווענדט מיטן פּנים צו ישראל ווי צו אַ יידיש לעבן אין אַמעריקע.

דער צווייטער סימן פון טראַגישער צעפאַלונג פון יידנטום איז דאָס אויספעלן פון אינטערעסן צו יידישקייט. אַמעריקאַנער יידן זענען זייער שטאָלץ מיט זייער אַמעריקאַנישקייט. מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ אַזאַ אייגער וואָס נישט קיין צייטונג, נישט קיין בוך דאַרף ער נישט, האָט עס מיר אַ זאָג געטאָן: „פאַרגעסט נישט, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער!"... אָבער מיט זייער יידישקייט זענען זיי שוין גאָר נישט שטאָלץ. דער יידישער מענטש אין אַמעריקע, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַ סימביאָז פון יעקב און עשיו, איז מער ע ש י ו ד י ק; דער עשיו אין אים איז אַ סך שטאַרקער, און דער יעקב — קוים וואָס ער האַלט זיך. מסתמא מער ווי אַ פיר מיליאָן יידן לעבן זיך אויס אין ענגליש, און קיין איין יידישע טאָגצייטונג אין ענגליש דאַרף מען גאָר נישט. וואָכנבלעטער און חודששריפטן און ביכער יידישע און ענגלישע ווערן אויך מער געקויפט דורך יידן, וואָס זענען געוואַקסן אין יידיש. מען קויפט פאַר זיך און מער נאָך פאַר די פאַרענגלישטע קינדער, הגם זיי פוילן זיך גאָר דאָס צו לייענען.

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן פריער, איז דער גייסטיקער, אינטעלעקטועלער ניוואָ פון די אויסגעיידישטע יידן בדרך כלל אַ גאַנץ נידעריקער; פון יידישער קולטור איז מען סנאָביסטיש ווייט און קיין ענגלישע

קולטור פון דורותדיקע ענגלענדער (אָדער אַמעריקאַנער) קען מען אַפילו נישט. דאָס רוב אמתע יידיש־ענגלישע אינטעליגענטן האָבן נאָך זייערע קולטור־וואָרצלען אין יידישן שטעטל.

## אָן יידישקייט — נישטאָ קיין יידנטום

עס איז שוין איצט נישטאָ ווער עס זאָל טאָן יידישע אַרבעט. יידן אָן עין־הרע אַ סך, און נישטאָ קיין יידישע לערער. פאַראַן אַ סך יידן־לע־רער אין אַלגעמיינע שולן. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין יידישע שולן זענען איצט לגמרי נישט ערגער, אפשר אַ סך בעסער, און דאָך זענען נישטאָ קיין בעלנים צו ווערן יידישע לערער. עטלעכע און דרייסיק פּראָ־צענט פון אַרבעטער אין דעם „שלום־קאָרפּוס" זענען יידן, און מיט יידי־שער אַרבעט וויל מען זיך נישט פאַרנעמען נישטאָ קיין אַרבעטער פאַר יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס; נישטאָ קיין יידישע פרייוויליקע געזעלשאַפטלעכע טוערס, נישטאָ קיין יידישע שרייבער, קיין יידישע דענ־קער; עס פעלט אויס דער מין יינגערע יידן, וואָס די אינטערעסן פון יידישן פאָלק זאָלן זיין אָדער זייער פּראָפעסיע, אָדער זייער „האָבי" — זייערע נישט - פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, זיך צו פאַרנעמען מיט זיי. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אַזוינע יידישע טוערס נישט געפעלט, הגם דער יידישער ישוב איז בכלל דאָך געווען אַ סך קלע־נער. אויך די וואָס זענען היינט נאָך פאַראַן זענען אַליין דירעקט אָדער אומ־דירעקט נאָך פאַרבונדן מיט יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע. אַמעריקע אַליין האָדעוועט נישט אַזעלכע פאַראינטערעסירטע מיט יידישקייט. נישט די היי־מען, נישט די סביבה, נישט אויך די יידישע שולן. דאַרף אַמעריקע אימפּאָר־טירן יידישע לערער.

צוזאַמען מיט די יידישע טוערס, וואָס טוען היינטיקע יידישע אַרבעט, שטאַרבט אויך אָפּ די עצם־אַרבעט. גייט אוועק אַזאַ טוער, איז נישטאָ ווער עס זאָל איבערנעמען זיין אַרבעט. גייט אויס ביסלעכווייז די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. יידן זענען דאָ, און עס וועלן זיין יידן, אָבער קיין יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז שוין כמעט נישטאָ, און וועט אין גאַנצן בטל ווערן. יידן באַזונדערע — יאָ, יידישקייט — נישט. און אָן יידישקייט איז אויך נישטאָ קיין יידנטום. קיין יידיש פאָלק ווי אַזאַ. קענען זיין טויזנטער, מיליאָנען יידן, אָבער זיי בלייבן נישט באַהעפט אין קאָלעקטיוון, זיי האָבן נישט קיין געמיינזאַמס צווישן זיך.

דאָס איז דער פּראָצעס פון צעשטויבונג, פון צעפֿאַלן אויף באַזונדערע זעמדעלעך, ווי אַ פעסטער שטיין וויטערט זיך אויס און צעשיט זיך אויף אַ באַרג זאַמד, אויף באַזונדערע זעמדעלעך. דער פּראָצעס גייט אָן אין אַלע נייע ישובים, אין קלענערע ישובים אַ סך גיכער ווי אין די שטאָטן, אָבער ער גייט אָן אומעטום. צוזאַמען מיט דער אָפּשוואַכונג פון מזרח־איראָפּעישע וואָרצלען, צעפֿאַלט דאָס יידישע פאָלק אין די נייע ישובים.

דאָס וואָס עס פאַרבינדט נאָך יאָ אַלע יידן — דער אינטערעס צו מדי־נת ישראל, איז, קודם כל, גאָרנישט אַזוי אַלגעמיין טאָקע ווי מען זאָגט: נאָר גאָר קליינע גרופּעס אַמעריקאַנער יידן פון יינגערן דור זענען באמת פאַראינטערעסירט אין דער מדינה. און אָט דער אינטערעס איז אויך על פּי רוב נישט קיין דירעקטער. די יידישע מדינה וועט נישט צעמענטירן קיין יידיש פאָלק אין אַמעריקע.

און אַפילו די באַזונדערע יידישע רעליגיע שאַפט אויך נישט קיין פאַר־זיכיק יידיש פאָלק אין אמעריקע. בנוגע צו רעליגיעס איז אַמעריקע איין פאָלק, וואָס דאַוונט אין פאַרשידענע געבעט־הייזער. פאַראַן קירכן און טעמפּ־לען, זענען אויך דאָ יידישע טעמפּלען פאַר אַזוינע אַמעריקאַנער. נישט מער. קיין יידיש פאָלק מיט געמיינזאַמע פּראָבלעמען, מיט געמיינזאַמע זאָרגן פאַר אַ יידישן פאַרזיכיקן מאָרגן — דאָס איז נישטאָ, נישטאָ שוין היינט.

דאָס איז מיט יידן פאַר זיך, נישט אָבער פאַר אַנדערע, פאַר די נישט־יידן. און ווען עס קומט דער צווייטער אַקט פון דער דראַמע „יעקב און עשיו", ווען עס קומט דער אָנגריף פון דרויסן, דעמאָלט קענען זיך נישט באַשיצן קיין באַזונדערע יידן, עס מוז זיין אַ קאָלעקטיווע אַרבעט פון אַ קאָ־לעקטיוון אינטערעס. און דער דאָזיקער אַקט וועט קומען. ווען? ער וועט קומען ווען די רוטין פון לעבן וועט זיך איבערייסן, מחמת עפּעס אַ געשעע־ניש אין דער אַלגעמיינער וועלט...

ווי מיר האָבן שוין געלערנט, איז פאָלק — דער אַלגעמיינער סכום פון אַלע שטייגער־טראַדיציעס און פּירונגען, וואָס טיילן אויס די געגעבענע גרופּע פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער. פאָלק איז נישט אַ רעליגיע מיט קרעדאָס, מיט דאָגמעס, ווי צו גלייבן און ווי צו דאַוונען; פאָלק איז נישט פאָ־טערלאַנד מיט גרעניצן; פאָלק איז נישט פּאָליטישער איינס; פאָלק איז נישט קיין תורה, מעג זי זיין ווי הייליק און ווי געטלעך. אַן עם הארץ אָן תורה קען זיין מער ייד ווי אַן אַנדער תלמיד חכם.

# פאָלק מיינט — קולטור

פאָלק איז אָבער יאָ שטייגער און טראַדיציעס. פאָלק איז, ווי געזאָגט, אַ קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט. די געזונטע פּערזענלעכקייט דריקט זיך תמיד אויס אין אַלץ, אין יעדער באַוועגונג, אין יעדן שמייכל און אין יעדער טרער, אין יעדן לאַך און אין יעדן דריי. און אַפילו ווען מען רעדט איין לשון, מאַכט מען דאָס מיט פאַרשיידענע אַקצענטן, מיט פאַרשיידענע אויסדרוקן. שפּראַך איז אַ פונקציע פון פאָלק, אָבער נישט קיין פאַקטאָר. נעמט אַ פאָלק איבער אַ שפּראַך פון אַ צווייטן פאָלק מיט זיין אַקצענט, מיט זיין קנייטש און גראַמאַטיק, איז דאָס אַ סימן, אַז דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק פאַר זיך.

פאָלק איז שטייגער, טראַדיציעס. אַז אַ פאָלק נעמט איבער עטלעכע שפּראַכן איינצייטיק, וויפיל לענדער אַזויפיל שפּראַכן; עטלעכע שטייגערס, וויפיל לענדער אַזויפיל שטייגערס, — ווערט דאָס פאָלק אויס פאָלק, עס ווערט צעבראָכן און צעשפּליטערט. כל זמן די לוחות זענען גאַנץ געווען, אַלע געבאָטן צוזאַמען, זענען זיי געווען לוחות. ווען זיי זענען צעבראָכן געוואָרן , זענען אַלע געבאָטן געבליבן, נאָר נישט צוזאַמען, נאָר צעשאָטן, באַזונדער; זענען די לוחות שוין געוואָרן „שיברי לוחות" נישטאָ מער די גאַנצקייט, נישטאָ מער. אַ מאַשין, אַ זייגער, ווי אַן אָרגאַניזם, כל זמן זיי זענען גאַנץ, אַלע טיילן זענען אויף זייער אָרט, אַרבעט די מאַשין, לעבט דער אָרגאַניזם. צעטיילן זיי זיך אָבער, צעפאַלן די טיילן, צעקריגן זיך די אָרגאַנען, צעטיילן זיך זייערע פונקציעס, — הערט אויך אויף דאָס פאָלק צו זיין איין פאָלק. באַזונדערע טיילן און דאַך נישט קיין פאָלק. כל זמן יידן זענען געווען איין פאָלק, האָבן זיי זיך געקענט אויך פאַרטיידיקן ווען מען דאַרף, האָבן זיי געקאָנט איבערלעבן צרות, האָבן זיי געקאָנט לעבן און זיך פאַרמערן און גובר זיין אַלע שונאים; כל זמן עס איז געווען איין יידיש פאָלק, נישט קיין צעבראָכענס, האָט די גבורה פון יבנה צו לעבן גובר געווען די פאַלשע גבורה פון דער הייליקער מצדה צו׳שטאַרבן העלדיש. אָבער אַז דאָס פאָלק ווערט צעבראָכן?...

און די וועלט איז פול מיט שינאָה, און די גאַנצע וועלט בויט פּלענער קעגן דעם יידישן פאָלק. אַ צעבראָכן פאָלק, אַ צעשאָטענער מעכאַניזם, אַ צעפּערטלטער אָרגאַניזם קען זיך נישט פאַרטיידיקן, קען נישט באַזאָרגן זיין קיום. ווי געלערנט פריער: פאָלק מיינט קולטור, און קולטור מוז מען

פלעגן און היטן. אַז פּאַרטייען שפּאַלטן זיך, אַז פרומע ברעקלען זיך, איז דאָס די שנאת חינם, וואָס האָט לויט דער גמרא געבראַכט דעם חורבן פון בית שני, ווייל זי איז נאָך ערגער פון די דריי גרעסטע עבירות.

און פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז מיר לעבן אין סאַמע פּראָ־צעס פון אונטערגאַנג. דער אומקום פון אונדזער פאָלק ווערט אַ פאַקט: דאָס יידישע פאָלק צעפאַלט זיך, אָפּגעריסן פון נעכטן פאַרלירט מען דעם מאָרגן.

פאַר דער פרעמדער בלוטיקער שינאה זענען „צעשאָטענע" יידן אַ גרינגערער קרבן ווי איין גאַנץ יידנטום. זיי ווייסן דאָס און זיי העלפן דעם פּראָצעס פון צעשיטן די יידן ערב דעם צווייטן אַקט...

עס איז גאָר אַ ווייטיק אַריינצוטראַכטן ווי ווייט דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער ייד טראַכט גאָרנישט וועגן דער צוקונפט פון יידישקייט און פון יידנטום אין אַמעריקע.

פאָלק איז אַלע מאָל אַ פּראָדוקט פון געשיכטע, אָבער אַלע מאָל מיט אַ וויזיע אויף אַ פאָלקישן פאָרויס. פאָלק איז אַ פּראָדוקט פון נעכטנס מיט אַ קאָלעקטיווער זאָרג פאַרן קאָלעקטיוון מאָרגן. עס איז אַ ווייטיק צו זען ווי ווייט ווייניק, ווי גאָרנישט זאָרגן יידן אין אַמעריקע פאַר דעם יידישן מאָרגן אין זייער אַמעריקע.

אָבער וואָס ווייניקער יידן זאָרגן פאַר מאָרגן, טוען עס אַנדערע מיט גאָר אַנדערע טענדענצן, מיט אַנדערע פּאַרלאַנגען, מיט אַנדערע פּלענער און דראַנגען. ווי איז צו אַ פאָלק, וואָס איז אַליין פּאַסיוו אין בויען זיין מאָרגן, און קוקט זיך נישט אַרום ווי אַנדערע בויען זייער מאָרגן אויף זיין חשבון...

און שוין איצט וואַקסן אָפּן און דרייסט די קרייזן, וואָס גרייטן זיך אין אַמעריקע ווי אומעטום צו „פּראַקטיצירן" זייערע בלוטדורשטיקע איינ־סטינקטן אויף יידן... און די פאַרמעסטן ווערן נישט באַהאַלטן, מען שעמט זיך שוין נישט צו ריידן און צו פּראָפּאַגאַנדירן אָפּן די „ענדגילטיקע ליי־זונג"... דער מאָראַלישער היתר איז שוין געגעבן געוואָרן. דורות וואַקסן מיט די געפילן און מיט די פאַנטאַזיעס. עס פעלט נאָר דער פונק אָנצוצינדן די „קייט־רעאַקציע". אַלע אָפּשפּרעכענישן און אַלע גוטפריינדשאַפט־אונ־טערנעמונגען זענען נישט מער ווערט ווי אַן עין־הרע אָפּשפּרעכן, ווי „שיר המעלות־צעטלען" קעגן שדים... טראַכטן די דורכשניטלעכע יידן בכלל נישט וועגן מאָרגן. און די בעסערע, די אינטעליגענטערע יידן, האָבן מורא גאָר צו טראַכטן און זיי האָבן איין ווערטל: „מען דאַרף נישט זיין קיין פּעסימיסט"...

# פאַלשער אָפּטימיזם און פּעסימיזם

אָבער רבותי, דער וואָס טראַכט און זוכט זיך צו באַזאָרגן מיט אַ זי־כערער היים פאַר דעם קאַלטן ווינטער, וואָס וועט זיכער קומען, דער איז נישט קיין פּעסימיסט. דער וואָס האָט שוין אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, ווייל ער קען שוין נישט טון עפּעס פאַר דעם, דער איז דער פּעסי־מיסט. וואָס מער זאָרג און דאַגה פאַרן מאָרגן, וואָס מער פּראָיעקטן און אַרבעט פאַר דער צוקונפט, — אַלץ מער איז דער אָפּטימיזם, דער גלויבן אין דעם מאָרגן. וואָס ווייניקער פון דער „מאָרגן־זאָרג" — אַלץ גרעסער און טראַגישער איז דער פּעסימיזם, די פאַרלאָרנקייט און די אָפּהענטיקייט. שרעקלעך פּעסימיסטיש, אָפּהענטיק איז דער יידישער ישוב אין אַמע־ריקע! איך קוק זיך צו צו אונדזערע בעסערע יידן, צו די דענקענדיקע, ווי זיי גיבן זיך אָפּ מיט עפּעס זייערס אַ ווינקעלע און זיי זעען נישט, און זיי באַמיען זיך נישט צו זען דעם אַלגעמיינעם חורבן.

אַ ליבער טייערער ייד פאַרנעמט זיך זייער שטאַרק מיט אָפּהיטן די ליטישקייט און די ציכטיקייט פון אונדזער מאַמע־לשון, און מיט יעדן שטאַרבנדיקן ייד ווערט דאָך אָרעמער די זעלביקע מאַמע־שפּראַך. די רוסן זאָגן: „ווען מען נעמט אַראָפּ דעם קאָפּ איז נישט צו באַוויינען די האָר". ווייס איך, אַז אַ סך גוטע און ליבע יידן וועלן מיר געבן אַ פּיינעם חלק פאַר די רייד. א, מען רעדט נ אָ ך יידיש און מען שרייבט נ אָ ך יידיש און מען לייענט נ אָ ך יידיש, און וואָס קלאָגט איר ווי אַ קלאָג־מוטער? און וואָס קראַקעט איר ווי אַ קראָ אויפן דאַך?!... יאָ, איך ווייס: עס לעבט נ אָ ך, אָבער אָט דער „נאָך" איז דאָך דער סימן פון דעם, אַז גאָט ווייס ווי לאַנג עס וועט נאָך זיך ציען...

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך נישט דערזען, נישט דערהערט, נישט דערשפּירט אָט דעם טיפן טראַגיזם און פאַרלאָרנקייט, אָן אַן אויסזיכט, דעם שווידערלעכן פּעסימיזם פון אַמעריקאַנער יידן. ווייל עס איז אַ פּעסימיזם וואָס איז פאַרשטעלט מיט כלומרשטן אָפּטימיזם, עס איז אַ טרויער צוגעדעקט מיט לוסטיקייט. אַמעריקאַנער יידן ווילן עס נישטליידן, אַז מען נעמט גאָר ריידן וועגן דער אָפּהענטיקייט און פאַרלאָרנ־קייט פון דעם גרעסטן און רייכסטן יידישן ישוב אין דער וועלט היינט און אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע. זיי ווערן אין כעס. דערפאַר, ווייל מען רירט אָן דאָס וואָס זיי ווילן באַהאַלטן, וואָס זיי ווילן פאַרגעסן... זיי,

די אַמעריקאַנער יידן, טראַכטן זיך: סיווי קען מען גאָרנישט טון, גאָר־נישט פאַרבעסערן, היינט — צו וואָס ריידן? צו וואָס טראַכטן? טאָ זאָל שוין גיין ווי עס גייט. סיי ווי פאַרפאַלן. דאָס איז דער אמתער פעסימיזם.

## „אַ דאַנק אייך פאַרן גייסטיקן פאַרגעניגן"

ווען איך בין אָנגעקומען אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, איז מיר אָפטער אויסגעקומען צו ריידן פאַר אַ יידישן עולם. איז מיר, דעם „גרינ־האָרן", געווען עפּעס מאָדנע: קודם כל שטעלט מען מיך פאָר און דער פאָרשטעלער דערציילט וועגן מיר אַזוינע וווּנדיירים, אַז איך קוק זיך אַרום, וועמען מיינט ער דאָ? נאָך דעם רעפעראַט קומען פאַר זייער זעלטן דיסקוסיעס. היציקע — כמעט קיין מאָל נישט, אָבער כמעט אַלע מאָל דאַנקט מען פאַר דעם „גייסטיקן פאַרגעניגן", עפנטלעך און פריוואַט. פלעגט דאָס מיך וווּנדערן: ממה נפשך, האָט מען אויפגענומען מיינע רייד און מען געפינט זיי פאַר ריכטיק, איז דאָך פון זיי קיין פ אַ ר ג ע נ י ג ן נישט געווען, אַז איך האָב גאָר געדאַרפט אַרויסרופן דאָס פאַרקערטע פון פאַר־גענינגן... איך האָב דאָך געמיינט אַרויסצורופן אַ ביסל זאָרג, צעשטערן די געמיטלעכע רואיקייט און די באַלעבאַטישע צופרידנקייט. און דאָ האָבן די גוטע יידן אויפגענומען מיינע רייד ווי ריכטיקע און דאָך האָבן זיי גאָר פאַרגעניגן! גיי פאַרשטיי!...

## אָן אַ מאָרגן

אַ צופאַל האָט מיר אויפגעקלערט דעם ענין. כ'בין געווען פאַרבעטן אויף אָוונטברויט פאַר אַ רעפעראַט צו אַ ווילן אינטעליגענטן ייד. ביים טיש איז געזעסן אַ יונגער זון — אַ סטודענט פון פיזיק מיט אַ פרייען יידיש אין מויל. האָבן מיר אַ ביסל געשמועסט אויך אויף זיינע טעמעס. אַז מען האָט געדאַרפט פאָרן צום רעפעראַט, זאָגט דער בחור: ער וויל אויך פאָרן: ער האָט געזען אַ סך פון פאָטערס געסט, איז אים טשעקאַווע וואָס עס וועט זאָגן אַזאַ איינער, וואָס האָט גאָר אַן אינטערעס אויך אין פיזיק. וויל ער מיטפאָרן. זאָגט אים דער פאָטער: ניין, מיין זון, דאָס איז נישט פאַר דיר... פאָרנדיק, האָט ער מיר דערקלערט: דער זון איז יונג, ער האָט זיך זיינע אינטערעסן, זיין געזעלשאַפט, זיינע פאַרוויילונגען און ער לעבט

זיך אויס אין אַן אַנדער וועלט. מיר די אַלטע — מיט אונדזער וועלט און זיי — זאָל ער גיין צו די זייניקע... עס איז מיר געוואָרן זייער אומעטיק, כאָטש נעם און אַנטלויף, נישט לייענען קיין רעפעראַטן... עס איז מיר קלאָר געוואָרן אַ שטיק „פילאָסאָפיע" פון אַמעריקאַנער יידישקייט: ערשטנס, האָבן אונדזערע יידן געפסקנט: די גאַנצע יידישע קולטור מיט אירע פּראָבלעמען דאָס איז אַן ענין פאַר די עלטערע יידן; די יוגנט האָט צו דעם נישט קיין שייכות. צווייטנס, איז דער גאַנצער ענין פון לעקציעס, רעפעראַטן, ליטעראַטור, די גאַנצע קולטור בכלל — דאָס איז אַ מין פאַרווײלונג אַזאַ. יעדע גרופּע, יעדער דור האָט זיך זיין „קלוב", ווו מען קומט זיך צונויף צו פאַרברענגען צוזאַמען אַן אָוונט, די פרייע צייט. ווער עס שפּילט אין קאָרטן, ווער עס גייט טאַנצן, און ווער עס „לעבט זיך אויס" מיט אַ לעקציע, מיט אַ רעפעראַט, מיט אַ יידישן קאָנצערט וכדומה. לעולם האָבן שוין די אַמעריקאַנער יידן „אָפּגעמאַכט זייער געדאַנק" ביי זיך: אַמעריקע איז נישט די „אָלד קאַנטרי" און אָט די „אָלד קאַנטרישע" יידישקייט איז נישט פאַר אַמעריקע. מיר — די „אַלטוואַרג" — מיר האָבן נאָך אונדזער „שטעטעלע בעלז", מיר האָבן הנאָה פון פיש מיט כריין, עפּעס שמעקט עס אונדז. אָבער אַמעריקע איז שוין אַוועק פון דעם אַלעם, „אַמעריטשקע" האָט שוין איר וועלט, גאָר אַן אַנדערע.

און דער ליבער ייד, וואָס האָט הנאָה פון דעם וואָס דער „חשובער לעקטאָר" האָט ביי אים געגעסן אָוונטברויט און ער פירט אים אריין אין זאַל אריין, — ער לערנט מיך פאַרנדיק: דער עיקר זאָל איך זען מיין רעפעראַט זאָל נישט דויערן צו לאַנג, חס ושלום זאָל איך נישט ריידן מער ווי 45 מינוט; דער עולם איז נישט קיין יונגער, און מען וואַרט אויף דעם טעפּעלע קאַווע מיט צובייס... שוין, — גיט ער צו מיט אַ שמייכל — מיר וועלן שוין אָט די אַמעריטשקע נישט איבערמאַכן. מיר וועלן שוין אַזוי אויסלעבן זיך מיט אונדזער יידישקייט, אָבער מיט אונדז איז עס שוין געענדיקט... מיר קענען דאָך נישט וועלן, אַז די קינדער זאָלן טראַכטן ווי מיר... זיי זענען אַמעריקאַנער, אָפּגעשניטן פון אונדז... אַמעריקע איז פּראַקטיש. מיר האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט, זיי לעבן צווישן גויים, זיי מאַכן אַ לעבן מיט זיי, זיי דאַרפן זיך אויך אויסלעבן אַנדערש, אַמעריקאַניש... מיר האָבן שוין אונדזער וועלטל אָפּגעטומלט זיך — אַהאָ! דיסקוסיעס, מחלוקות, פּלענער, קריגערייען, געקעמפט קעגן אַלעמען, קעגן אונדזערע עלטערן, קעגן גאָט און קעגן קייסער; מיר האָבן פּלענער גע-

מאַכט, פּראָיעקטן געבויט, פּאַרטייען געשאַפן. מיר האָבן זיך געקליבן די וועלט איבערקערן... זיי דאַרפן נישט איבערמאַכן קיינע אַמעריקעס. זיי דאַרפן טראַכטן נאָר וועגן זיך און געענדיקט...

## וואָס איז קולטור ?

מיר די אַלטע, די געקומענע — מיר לעבן זיך אויס מיט אונדזער אַמאָל, מיט דעם נעכטן, (אַ פיינער נעכטן ? נישט אַזוי ?) אָבער דער מאָרגן — דאָס איז שוין פאַר זיי, פאַר די יונגע... נישטאָ קיין יידישער מאָרגן אין אַמעריקע... און דריטנס: וואָס איז קולטור? קולטור איז נישט דאָס וואָס בויט דאָס לעבן, נישט די נשמה פון לעבן. ניין. קולטור איז דאָס מיט וואָס מען לעבט זיך אויס. צוויי טיילן האָט דאָס לעבן אין אַמעריקע: מען דאַרף מאַכן אַ לעבן און מען דאַרף זיך אויסלעבן. יעדער אופן פון מאַכן אַ לעבן האָט זיינע פּראָפעסיאָנאַלן. הו־האַ, אַ טומל, גערויש, האַרמידער... שטערט נישט! לאָזט צו רו, נישטאָ קיין צייט פאַר נאַריש־קייטן. מען דאַרף מאַכן אַ לעבן! און עס קלאַפּט, און עס רוישט, און עס רעשט, און עס לויפט און עס האַוועט! אַמעריקע מאַכט אַ לעבן!

דאָס איז ביז פינף אַזייגער. איצט קומט די צייט פון אויסלעבן זיך. מען דאַרף זיך אָפּרוען, זיך אָפּוואַשן, אָפּעסן, נישט כאַפּ־לאַפּ דאָרטן עפּעס אַ לאָנטש, ווייס איך וואָס. איצט איז מען אין דער היים מיט דער משפּחה. דרייט נישט קיין קאָפּ מיט אייערע „ביזנעס"... שאַ! שטילער! דער פּאַפּאַ רוט. עס איז אויך דאָ אַ טי־ווי. (טעלעוויזיע); דאָרטן ווייזט מען גאָר אינטערעסאַנטע „גיימס" (שפּילן) און מען קאָן אַ ביסל זיך אָנ־לאַכן אויך... ערשט איצט בלייבט נאָך אַ ביסל צייט פאַר געזעלשאַפטלעך אויסלעבן זיך. האָט זיך איטלעכער זיין „קלוב". איז אַלץ אַ קלוב: די לאַנדסמאַנשאַפטן זענען פיינע קלובן. מען דערמאָנט זיך די יונגע יאָרן... זענען פּאַרטייען אויך פיינע קלובן. אַמאָל אין די יונגע יאָרן האָבן מיר דאָך צוזאַמען שטרייקן געפירט, אויף באַריקאַדן גע־קעמפט, אין די טורמעס געזעסן, שפּאַצירט מיטן עטאַפּ, ניקאָלייקעס ברויט געגעסן... איז גוט זיך צו דערמאָנען אין פריידן. קאָסט עס אַ טולער, מילא! מען וועט פון דעם אָרעמער נישט ווערן. האָט מען צוזאַמען דאָך אַמאָל אין שטעטל געבויט אַ חלום פון ארץ ישראל, מען האָט ציוניסטע־

וועט, זיך געקליבן חלוצעווען, זיך געגרייט! גערעדט לשון קודש, צו־זאַמען געזונגען האָ, איר געדענקט? „במקום שם ארזים ועבים ישקו״... אַ פיינע גרופּקעלע געווען... כ׳בין שוין געווען דריי מאָל אין „איזראַעל״, עפּעס דאָרטן אַריינגעלייגט אויך. נישקשה, עס טראָגט גאָר נישט שלעכט אויך... און מען דאַרף העלפן, אונטערלייגן אַ פּלייצע. אַז נישט מיר, אַמעריקאַנער, מיט אונדזער דאָלאַר, טאָ ווער דען? יענע „פּענטאַקעס״, וואָס?... און קאָמוניזם, מיינט איר, איז אַ שלעכטער קלוב? פאַרקערט, מען איז צוזאַמען מיט זייער פיינע לייט, אַזאַ יאָר אויף אונדז...

אַפילו די שולן, סינאַגאָגעס, זענען אויך קלובן, מיט זייערע „ברודער־שאַפטן״, „שוועסטערשאַפטן״ מיט די לייען־קרייזן... „אָ, אונדזער ראַביי איז זייער פאַרנומען — מען דאַרף „רייזן פאַנדן״ (שאַפן פאָנדן). אַלע גלחים פון אַרום האַלטן שטאַרק פון אונדזער ראַביי״...

...איז געוואָרן פון יידישן פאָלק אַ צאָל קלובן. יעדער קלוב איז זיך פאַר זיך, אַמאָל, ווען מען איז נאָך געווען יינגער, איז אַ יידישע ביר־יאַרק געווען אַ סכום פון עטלעכע טויזנט יידישע שטעטלעך. אַנשטאָט שטעט־לעך האָבן מיר שוין איצט טויזנטער קלובן. און איין קלוב מיטן צווייטן האָט נישט קיין שייכות. און די יוגנט בלייבט דאָך קיין מאָל נישט יונג אייביק, ווערט מען עלטער און מען קלובעוועט אויך.

לאָז איך דאָ די פּראָבלעם וועגן דעם אָביעקטיוון מאַרגן, וואָס וועט דאָך קומען, ווי ער וועט אויסזען און ווי ער קען אויסזען פאַר די אויסגע־יידישטע יידן. די פּראָבלעם איז צו גרויס און צו ברייט. זי פאָדערט גאָר באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען. קערן מיר זיך אום צו דעם לעבן אָן אַ מאָרגן.

## לאָמיר פאַרלאַכן דעם אומעט פון היינט

עס איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַן אָוונט אין אַ געזעלשאַפט פון עלטערן פון אַ יידישער שול. אַ פּאָר עלטערע מיידלעך האָבן געשלאָגן דעם רעקאָרד פון פריילעכקייט. געטרונקען, געטאַנצט, געזונגען, געלאַכט... און נעבן מיר זענען געזעסן אַ פּאָר יונגע מוטערס און האָבן פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ וועגן די שווערקייטן מיט זייערע קינדער. האָבן זיי געוואָלט אַן עצה, אָדער סתם אַראָפּריידן זיך פון האַרצן. „צער גידול בנים״ איז נישט קיין קלייניקייט. אָבער איך האָב ביי זיך געטראַכט: וויפיל וואָלטן די צוויי פאַרזעסענע מיידלעך געגעבן זיי זאָלן אויך האָבן צרות פון

קינדער... אומעטיק צו לעבן אָן זאָרגן. די זאָרגן — זיי זענען די האָפּע־נונגען און דאָס וואַרטן. אויף אַ טויער פֿון אַ קריסטלעכן בית־הקברות האָב איך אַמאָל געזען אַן אויפֿשריפֿט: „דאָ איז דער סוף פֿון אַלע צרות". מיר האָבן געזען פֿריער, אַז דער גאַנצער זין פֿון אַלע „היינטן" איז דאָס גרייטן די „מאָרגנס". אַזוי איז אין לעבן פֿון אַ מענטש און אַזוי איז אין לעבן פֿון אַ פֿאָלק. און אַזוי איז עס אין דער נאַטור, אין גאַנצן קאָסמאָס. דאָס איז דאָך דער זין פֿון דעם אייביקן, קאָסמישן שטרעבן און ווילן.

דער וויכטיקסטער סימן פֿון אַלטקייט איז דאָס פֿאַרלירן די זאָרג פֿאַרן מאָרגן.אומעטיק, טראַגיש אומעטיק איז דער היינט, וואָס וואַרט נישט אויף אַ מאָרגן. דערפֿאַר באַמיען זיך יידן אין אַמעריקע זיך צו פֿאַרווײַלן; אַלץ איז פֿאַרווײַלונג. אַז אינטעליגענטע יידן געזעגענען זיך, זאָגט מען איידי: „אַ גוטע נאַכט, זייער אינטערעסאַנט פֿאַרבראַכט דעם אָוונט"... גייט מען אויף „אונטערנעמונגען", איז דאָס ווידער „פֿאַרבראַכט אַן אָוונט". אַ לייכ־טער רעפֿעראַט, אַ זונג, אַ וואָרט, עטלעכע געשמאַקע וויצן..." מיר האָבן זיך אַזוי אָנגעלאַכט"!.. אַ גרויסע אַל־אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע פֿון יידן, וואָס פֿירט איר אַרבעט אין ענגליש און נישט אין יידישע זאַלן, האָט גע־מאָלדן אַן אָוונט פֿון יידישע פֿאָלקס־לידער. בין איך געלאָפֿן הערן. עס בענקט זיך דאָך. נו, דערקלערונגען אין ענגליש, פֿאַרשטייט זיך. ווי דען? צווישן איין ליד און דעם צווייטן — אַ פּאַסיקער „דזשאָק" (אַ וויץ) און פֿון יעדן ליד מאַכט דער זינגער אַ קאַריקאַטור. דער עולם הירזשעט. קוים אַנטלאָפֿן אין מיטן.

דעם גרעסטן דערפֿאָלג האָט ביי יידן אין אַמעריקע אַ קאָמעדיע אַזאַ, מיט געזאַנג און געשפּרונג, מיט אַ וויץ און אַ קוויטש, געמאַכט פֿון טיפֿסטן, וויכטיקסטן און טראַגישסטן יידישן בוך. „מען פֿאַרווײַלט זיך גאָר גע־שמאַק". אַ חידוש נאָך וואָס מען מאַכט נישט קיין „מיוזיקל" פֿון ירמיהו, צי פֿון איוב.

געווען ביי יידן אין אַמעריקע וויכטיקע לעקטאָרן, שרייבערס, מגידים. טויזנטער און צענדליקער טויזנטער חסידים האָבן זיי געהאַט און... צוזאַ־מען מיט זייער דור זענען זיי פֿאַרגעסן. אַ ייד דערקלערט מיר אַ זאָג אין גמרא, אַז די יידן האָבן אויפֿגעגעסן משיחן... זאָגט ער, דער ייד: משיח איז געקומען צו יידן אין אַמעריקע, האָט מען גענומען מאַכן באַנקעטן, היי־נער, וויינען, ביז ער אַליין, משיח, הייסט עס, האָט זיך פֿאַרגעסן נאָך וואָס ער איז געקומען... האָבן יידן אין אַמעריקע געשאַפֿן אַ שרעקלעך לידל:

„שוין נישטאָ דער נעכטן,
נאָך נישטאָ דער מאָרגן,
פאַראַנען בלויז אַ פּיצעלע היינט —
פאַרשטערט אים נישט מיט זאָרגן״

...מען זאָגט, אַז דאָס לידל איז געשאַפן טאַקע פון איינעם פון די גרויסע לעקטאָרן, וואָס האָבן זייער תורה פאַרביטן אויף פריילעך מאַכן יידן מיט זייערע פיינע רייד... דערמאָנען זיך עלטערע יידן: אָ, פלעגט ער ריידן! א פארגעניגן צו הערן! אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור? גענוג! וואָס ווערט פון דעם שיינעם און פון דעם קלוגן ריידן? וואָס זאָל דאָס ריידן אויפטון? — אין אַ קלוב גייט מען נישט אויפצוטון עפּעס פאַר דער צוקונפט. מען גייט פאַרברענגען דעם אָוונט, נישט מער. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך אָנגעשריבן אַ נאָטיץ, „אַ פאָלק וואָס עסט אויף זיין אינטעליגענץ״. עס האָט נאָך געלעבט דער לעצטער פון יענע גרויסע יידן, וואָס האָבן געקאָנט און געדאַרפט זיין לערער און פירער און אָנווייזער צו פירן אַ יידיש לעבן, צו אַ יידישן מאָרגן אין אַמעריקע, — און זיי זענען גאָר געוואָרן אַ מין „פאַרווילער״, — דער לעצטער האָט נאָך געלעבט. האָב איך געקראָגן פון אים אַ חלק!.. „וואָס ווילט איר, איך זאָל זיך קריגן מיט גאַנץ אַמעריקע״?.. „זייט ווּיסן, האָט ער מיך געלערנט, — פאַר אונדזער דור וועט נאָך זיין גענוג יידישקייט״...

אַזוי האָבן יידן אין אַמעריקע פאַרלאָרן זייער מאָרגן. עס איז קעגן דער נאַטור, קעגן אַלע קאָסמישע געזעצן, קעגן וועלט און קעגן גאָט. און עס איז אויך קעגן זייערע קינדער און קינדס קינדער, וואָרום ווי איז צו אַ פאָלק וואָס בויט נישט זיין צוקונפט, נאָר דאָס טוען אַנדערע, ווי זיי ווילן און ווי זייער יצר־הרע רעדט זיי אָן...

אַזוי האָבן אַמעריקאַנער יידן געמאַכט פון דער גאַנצער יידישקייט אַ מין קלוב. נישט פאַר דעם מאָרגן, נישט פאַר יידישקייט דאגהט זיך דער יידישער עולם. די אַקטיווקייט פון דעם יידישן קאָלעקטיוו גייט נישט אין דער ריכטונג פון בויען אַ זיכערן, פעסטן מאָרגן, נאָר עס איז אַזאַ פאַר־ווײַלונג־אַרבעט אין דער פרייער צייט, אויף וויפיל די אַלגעמיינע, נישט־יידישע קלובן זענען גאָרנישט גרייט אַריינצונעמען יידן. דאַרף די יינגערע גענעראַציע יידן שוין נישט האָבן קיין ספּעציעל־יידישע אָרגאַניזאַציעס. אויף וויפיל יענע זענען נישט געדן, שאַפן זיך אייגענע, יידישע קלובן, צענטערס, אָרגאַניזאַציעס — אַלץ ערטער צו פאַרברענגען די פרייע צייט.

איז ציוניזם אַזאַ זייער פיינער אינהאַלט פאַר אַזוינע קלובן. איבערהויפּט נאָך ווען גאָר חשובע נישט־יידן קומען געבן אַ ברכה... איז אויך קאָמוניזם אַזאַ מין קלוב. איז די רעליגיע אויך נישט מער.

האָבן דאָך יידן אין אַנדערע לענדער אויך געחלומט צו זיין „דייטשן פון משה'ס גלויבן", פראַנצויזן פון דעם סאָרט, פּאָליאַקן, אַפילו רוסן. ווילן דאָס אויך יידן אין אַמעריקע „דאָנט פאַרגעט: אַי עם אַן אַמעריקן!" (פאַרגעס נישט, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער!) איין קלייניקייט! אָט דער יחוס! כמעט נישט קלענער ווי דער יחוס וואָס די דייטשישע יידן האָבן זיך געיחוסט מיט זייער דייטשישקייט!...

## קלוב־יידישקייט

אין אַמעריקע דאַרף יעדער מענטש האָבן עפּעס אַ „האָבי", אַ באַשעפטיקונג פאַר דער פרייער צייט. די צייט וואָס עס פאַרנעמט די פרנסה ווערט אַלץ קלענער, די פרייע צייט ווערט אַלץ גרעסער, דאַרף מען דאָך מיט עפּעס די צייט אָנפילן. דאַרף מען האָבן קלובן. דערפאַר אַזוי פיל באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, גרופּעס, פּאַרטייען, קאָנגרעגאַציעס. אַ קלוב טויג גאָר נישט אַז ער איז צו גרויס. אַפילו אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס צעטיילן זיך אויף „צווייגן", וואָס אַרבעטן באַזונדער מיט באַזונדערע „באָאַמטע". דער אַלגעמיינער כאַראַקטער־שטריך, וואָס אַלע טראַכטן נאָר וועגן היינט, וועגן דעם „גוטן פאַרברענגען אַן אָוונט"... קיינער שטעלט נישט אַוועק די פראַגע, וואָס וועט זיין? וואָס קען זיין מאָרגן?

אַן אַמעריקאַנער ייד, אַ גוטער אַלטער ציוניסט נאָך פון דער אַלטער היים, איז געפאָרן קיין ישראל. דאָרטן האָט ער נישט געקראָגן אַזאַ קבלת־פּנים, ווי ער האָט געמיינט, אַז אים קומט. קומט ער אין אַ „מישרד" (אַ ביוראָ) פון אַ וויכטיקן פּקיד און גיסט אויס זיין ביטער האַרץ. און ער גיט צו: ער פאָרט צוריק קיין אַמעריקע, וועט ער שוין פאָרן ציוניזם גאָרנישט טון מער. אויס! ער וועט, פאַרקערט, פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער מדינה. ער האָט געמיינט, אַז מען וועט זיך דערשרעקן... אָבער דער קלוגער פּקיד, וואָס ווייס גאָר גוט די סיטואַציע אין דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט אים אויסגעהערט גאַנץ רואיק און האָט אים געענטפערט: איך וועל אייך זאָגן דעם אמת. איר דאַרפט די מדינה מער ווי די מדינה דאַרף אייך. אָן דער ציוניסטישער אַרבעט, אָן דער ציוניסטי־

שער סביבה, וועט איר דאָך נישט האָבן ווו צו פאַרברענגען, ווו זיך אַהינצו־טון, מיט וועמען זיך צו טרעפן; אייערע קינדער וועלן אייך אין זייערע קלובן נישט מיטנעמען... אָן דער מדינה וועט איר דאָך בלייבן איינזאַם, עלנד; איר וועט שוין מוזן אַרבעטן פאַר דער מדינה. עס וואָלט דאָך געווען דער גרעסטער רחמנות אויף אַמעריקאַנער יידן ווען זיי האָבן נישט די מדינה, מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען...

מיט איין וואָרט: יידן אין אַמעריקע האָבן פאַרלאָרן דעם אמתן אינ־האַלט אין זייער לעבן. זיי האָבן פאַרגעסן דעם מאָרגן, דעם פאָלקישן, גע־מיינזאַמען מאָרגן. און אָן די זאָרגן, אָן דער אַרבעט צו פאַרזיכערן דעם פאָלקישן מאָרגן, האָט דער היינט נישט קיין זין, קיין אינהאַלט. בלייבט נאָר פאַרן היינט צו געפינען אַן אָרט און אַן אַרבעט ווי צו פאַרטרייבן דעם אומעט, ווי „צו הרגענען אַן אָוונט". אַזוי איז דער עלטערער דור. די יינגערע יידן פילן אָן אַלע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען מער ווי די יוגנט פון אַנדערע פעלקער. די האָבן און האַלטן די זאָרגן פאַר זייער פאָל־קישן מאָרגן וויכטיקער. די יידישע יוגנט אַנטלויפט פון די יידישע פראָ־בלעמען און אינטערעסן. אָבער... הלוואי זאָל איך בלייבן דער ליגנער! עס קען אַזוי לאַנג נישט גיין. ווען אַלע, די גאַנצע מענטשהייט אומעטום, אין דער גאָרער וועלט שטרעבן צו פאָלקישער פאַרזיכערקייט, וועלן פעלקער, קענען פעלקער נישט דולדן קיין יידן צווישן זיך. וועט מען בודק זיין און זוכן אַפילו אַ יידישע באָבע. ניין, עס דראָט נישט די יידן קיין רוסישע „שומרוניזאַציע" (קיין ביאָלאָגישע אויסשטאַרבונג). עס דראָט אַ פאַרניכ־טונג. קלאָרע דיבורים.

## בלוטדורשטיקייט

די מענטשהייט איז בלוטדורשטיק פון קינען אָן. די גאַנצע יידישע תורה נישט צו פאַרגיסן קיין בלוט האָט זיך נישט אָנגענומען. דער היינטי־קער יאָרהונדערט מיט זיינע גרויסע, און גאָר גרויסע וועלט־מלחמות און מיט די כסדרדיקע „קליינע" מלחמות, וואָס זענען אין תוך אַריין רעפּע־טיציעס צו די גרויסע, — זיי האָבן נאָך וואָלוועלער געמאַכט מענטשלעך בלוט. די בלוטדורשטיקייט האָט זיך געשטאַרקט. פאַראַן געציילטע מענטשן, וואָס זענען גרייט אָוועקצוגעבן זייער אייגן לעבן נאָר פאַר דעם פאַרגע־ניגן צו הרגענען מענטשן. געיעג אויף חיות איז אַ לוסט און פאַרגעניגן.

און געיעג אויף מענטשן איז נאָך מער לוסט און פאַרגעניגן... עס איז ווערט צו באַצאָלן פאַר דעם פאַרגעניגן מיט דעם אייגענעם לעבן, וואָס איז עפּעס נישט געלונגען... אַ סך אָפטער זענען מענטשן נישט ווייניקער וויליק צו הרגענען, אָבער עס האַלט אָפּ די מורא פאַר דער שטראָף. און גאָר אָפטער זענען די וואָס זוכן ל ע ג אַ ל ע מעגלעכקייטן צו הרגענען. שאַפט מען טעאָריעס, אָרגאַניזירט מען פּאַרטייען, מען פוצט זיי אויס מיט טעאָריעס, מיט פּאַראַדן און עס גייט אַ גאַנג! וויפיל ימים בלוט עס זענען פאַרגאָסן געוואָרן אין נאָמען פון „פּאַטערלענדער" ! וויפיל דורות און וויפיל פעל־קער עס האָבן געמאָרדעט און געגאָסן טייכן בלוט און זיך „איזדיעקעוועט" איבער פעלקער און איבער מענטשן אין נאָמען פון זייער גאָט! און וויפיל מענטשן עס זענען געבראַכט געוואָרן אויף די מזבחות פון אידעאַלן!... אַלע געטער זענען דורשטיק, אַלע געטער קענען זיך נישט אָנזעטיקן מיט בלוט, דערפאַר ווייל אַזוי זענען די מענטשן אין זייער בלוטדורשטיקייט. גלויבנס גייען אַוועק און גלויבנס קומען אויף, אָבער די בלוטדורשטיקייט בלייבט... ניין, זי בלייבט נישט, זי פּראָגרעסירט. אַלץ פּראָגרעסירט, נאָר די קונסט צו הרגענען, אומצוברענגען מענטשן פּראָגרעסירט מער און שטאַרקער.

...ווי איז דעם שוואַכן! און צווישן אַלע שוואַכע זענען יידן די שוואַכ־סטע. די פאַרגאַנגענע קנאַפּע דריי פערטל יאָרהונדערט זענען דאָך פאַר אונדזער פאָלק געווען אפשר די בלוטיקסטע אין אונדזער בלוטיקער גע־שיכטע. און דאָס „דערגרייכטע" איז דאָך נאָך ווייט נישט די העכסטע מד־רגה פון דער „טעכנאָלאָגיע" אין אומברענגען יידן... אַלץ פּראָגרעסירט דאָך, און ווער און וואָס קען אָפּהאַלטן דעם „פּראָגרעס"? ווען איך זע קינ־דער, יידישע קינדער, טראַכט איך גאָר אָפט: ווער ווייס וואָס עס דער־וואַרט זיי? ...

ווען איך קוק זיך צו צו יונגע, דערוואַקסענע יידן, טראַכט איך ווידער: ווי גוט איז אייך וואָס איר פאַרשטייט נישט ווי שלעכט אייך קען זיין...

די וועלט איז קליין, די פאַרבינדונגען זענען געניאַל־גיכע. אַלץ איז איצט אוניווערסאַל. אויך דער אַנטיסעמיטיזם איז איצט אינטערנאַציאָנאַל, אַלוועלטלעך. אַ וואַלד־שריפה. לעשן זי? — שווערער פון שווער, און עס איז דאָך אַ טראַדיציע פון מער ווי צוויי טויזנט יאָר. דורות זויגן אים אַריין מיט דעם מילך פון זייערע מוטערס. צי קענען שוואַרצע ווייס ווערן? צי קען דער לעמפערט זיינע פלעקן בייטן? און צי קענען פעלקער און מענטשן בייטן זייער נאַטור? פאַראַן ביי מענטשן און פעלקער צייטן ווען עס האַלט

זיך די רוטין, אַט מען לעבט מיט דעם אַלטעגלעכן איינגעשטעלטן לעבן. אָבער עס זענען פּאַראַן, און זיי ווערן אַלץ אָפטער, צייטן ווען די רוטין רייסט זיך איבער. דעמאָלט רייסן זיך אַרויס אויף דער אויבערפלאַך די דראַנגען, וואָס זענען ביי דער רוטין באַהאַלטן, פאַרבאָרגן, צוגעדעקט מיט דער רוטין. אין די צייטן איז יידיש בלוט גאָר אַ גרינגע און אָנגענעמע פאַרווײַלונג.

„היטלער איז געווען אַ משוגענער, אַ קראַנקער, אַ פּסיכאָפּאַט"... טרייסטן זיך יידן. אָבער היטלעריזם איז געווען אַט אַזאַ מין דערלויבעניש: איר מעגט זיך ווילגיין מיט יידן צו באַפרידיקן אַלע גלוסטונגען. און פעל־קער האָבן געטאָן נישט ווייל היטלער האָט זיי געהייסן, נאָר ווייל היטלער האָט זיי געהאָלפן טון דאָס, וואָס זיי אַליין גלוסט זיך אַלע מאָל, שטענ־דיק. און אפשר נאָך מער: היטלער האָט געקאָנט באַהערשן „דאָס פאָלק פון פילאָסאָפן און פּאָעטן" טאַקע אויך דערמיט וואָס ער האָט געעפנט די דאַמ־בע פאַר דער בלוטדורשטיקייט... „שלאָג יידן, ראַטעווע רוסלאַנד" — איז געווען פון אַלע מאָל אַ גליקלעכער מיטל אויפצורייצן די פעלקער אין רוס־לאַנד און געווינען דורך דעם געטרייקייט „פאַרן קייסער און פאַטערלאַנד". איז די „ענדגילטיקע לייזונג", „די באַפרייאונג פון איראָפּע פון יידן" גע־ווען אַזאַ מיטל איינצוקויפן זיך ליבע און געטרייקייט ביי דעם פאָלק פון „פּראָפעסאָרן און פּאָעטן".

און עפּעס לאָמיר דאָ אויפדעקן, וואָס יידן האָבן ליב צו באַהאַלטן:

פאַרוואָס האָבן די קעמפער קעגן היטלערן געוווסט וועגן דעם חורבן פון יידן און פאַרעקשנט געשוויגן וועגן דעם? פאַרוואָס האָט די פרייע אַמעריקע נישט אַריינגעלאָזט קיין רעשטעלעך פון חורבן אַזוי ווי מען לאָזט אַריין אַנטלויפער פון קובאַ? פאַרוואָס האָט מען זיך נישט געקאָנט ביי זיי דערבעטן צו באָמבאַרדירן די טויט־לאַגערן? פאַרוואָס האָבן די באַקעמפער פון היטלערן נישט געוואָרנט אים, אַז ער און זיין פאָלק וועלן באַצאָלן פאַר דעם יידישן בלוט? פאַרוואָס?

גאָר פּשוט, ווייל דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַ קעגנערישקייט ביי די קעמפער: מען שיקט זיי זיך שלאָגן גאָר פאַר יידן...

יאָ, עס איז קלאָר געוואָרן: מען וואָלט געקאָנט ראַטעווען אַ סך יידן, אפשר אַ מיליאָן און אפשר נאָך מער. אָבער „ווו וועלן מיר אַהינטון אַ מיל־יאָן יידן?" האָט געזאָגט איינער וואָס האָט געקעמפט און באַקעמפט היטלערן.

און נאָך דער מלחמה? און די לאַגע פון יידן אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד? וואָס קען דערוואַרטן אונדזער פאָלק אומעטום ביי דעם ערשטן, גרינגסטן איבעררייס פון דער רוטין!

## "וואָס זאָל מען טון?"

אַז מען פּרובירט וועגן דעם ריידן, קריגט מען באַלד אַן ענטפער: יאָ, עס איז טאַקע אמת, אַלע יידן פילן דאָס, אָבער וואָס זאָל מען טון? אַדרבא, גיט אייער עצה! איר שטעלט אַלע מאָל אַ ריכטיקן דיאַגנאָז, אָבער איר גיט נישט קיין רעצעפּט. אַ סך מאָל האָב איך דאָס געהערט פון גוטע יידן, פון דענקענדיקע יידן. דאַרף מען די יידן עפּעס דאָ אויפקלערן: פאַראַן רפואות צו אַ קראַנקייט וואָס איז שוין דאָ, און עס זענען אָבער אויך פאַראַן מיטלען צו פאַרהיטן די קראַנקייט זאָל נישט קומען. אַזוי אַז מען זאָל נישט דאַרפן קיין רפואות און נישט קיין רעצעפּטן.

פּורים איז יאָ אַ יום־טוב און קדחת איז שוין גאָר אַ קרענק. גאַנצע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל זענען אונטערגעגאַנגען מחמת קדחת. נאָך אין 1913, געדענק איך דעם יידישן שפּיטאָל אין יפו, פול מיט יונגע חלוצים און אַלע קרעכצן צוליב קדחת. און אַלע ווייסן: כינין איז די רפואה פאַר קדחת. עס איז אָבער נישט קיין פאַרהיטונג פון קדחת. האָט עס גענומען צענדליקער יאָרן ביז מען האָט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף מיטנעמען כינין ווען מען פאָרט קיין ארץ ישראל... יידן אין אַמעריקע זוכן רפואות אויסצוהיילן די נישט־יידן פון אַנטיסעמיטיזם. גיט און זוכט אַזאַ מין כינין קעגן דעם אַנטיסעמיטישן קדחת... רופט מען דאָס „גודוויל" — לאָמיר זיך ליב האָבן! שלינגען יידן אין אַמעריקע דעם גודוויל־כינין און דער אַנטיסעמיטיזם בליט ווייטער... די מעשה מיט יענעם שעפּס, וואָס האָט פאַרטראַכט זיך צו חברן מיט דעם וואָלף, אים געפעלן צו ווערן. נו, האָבן מיר שוין זוכה געווען, דער האַקנקרייץ זאָל ווערן אַ „כשרער סימבאָל" פון „ווייסער מאַכט", אין די גאַסן פון אַמעריקע. ניין, צו אַלט און צו פאַרהאַרטעוועט איז דער אַנטיסעמיטיזם, אַז מען זאָל אים קענען „היילן" מיט גודוויל־רפואות.

נישט היילן דעם אַנטיסעמיטישן קדחת ביי פעלקער, ביי דער וועלט, נאָר עס מוז זיין אַ זאָרג צו אימוניזירן די יידן קעגן דער קראַנקייט. מענטשן און פעלקער מעגן מיך פיינט האָבן. דאָס איז זייער רעכט. אָבער די

הענט, וואָס וועלן פּרובירן „פּראַקטיצירן אַנטיסעמיטיזם" וועלן באַלד אָפּ־דאַרן... און איך בין זיכער, אַז אין משך פון איין הונדערט יאָר וואָלט די לוסט זיך לוסטיק צו מאַכן מיט יידיש בלוט אויסגערונען. יידן זוכן רע־צעפּטן אויסצוהיילן די גויים פון אַנטיסעמיטיזם, בעת מען דאַרף זוכן מיטלען אויסצוהיילן די יידן פון דער טראַגישער אָנמעכטיקייט קעגן אַנטי־סעמיטיזם. דער שווערפּונקט פון אַנטיסעמיטיזם ליגט נישט אין פעלקער, נאָר אין יידן גופא. עס איז די צרה וואָס יידן לעבן אָן דער זאָרג פאַרן מאָרגן. יידן זאָרגן פּריוואַט פאַר דעם פּריוואַטן מאָרגן פון יעדער משפחה באַזונדער; די צוקונפט פון יידן אָבער הענגט אָפּ דווקא פון דעם קאָלעק־טיוון מאָרגן, וואָס וועגן אים זאָרגט מען גאָרנישט.

## פּריוואַטע אָדער פאָלקישע זאָרגן

פון דער טראַגישער עמאַנציפּאַציע אָן, האָבן פעלקער און יידן אַליין אויך צעטיילט: יידן באַזונדער — יאָ, און יידן ווי אַ קאָלעקטיוו — נישט, גאָרנישט. אַלע אַנדערע פעלקער האָבן נישט קיין פּריוואַטע שוועריקייטן און זיי זאָרגן פאַר די קאָלעקטיווע רעכט פון זייער פאָלק. יידן אָבער זאָרגן נאָר פאַר פּריוואַטע רעכט, זיי טראַכטן גאָרנישט וועגן די רעכט פון זייער קאָלעקטיוו, פון דעם פאָלק און פון דער פאָלקישקייט בכלל. יידן אַליין, נאָר יידן, האָבן אָפּגעזאָגט זיך פון די קאָלעקטיוו־פאָלקישע פּראָבלעמען און זיך באַפרידיקט מיט דעם זאָרגן פאַרן פּריוואַטן, יחידישן מאָרגן. עס איז ביי יידן געוואָרן שטאַרק דער פאַרלאַנג אַראָפּצוואַרפן פון זיך די זאָרג פון יידישן כלל. די גאַנצע תלמודישע קולטור איז געווען באַזירט אויף דעם וואָס יעדער ייד באַזונדער איז געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכער טרעגער פון דער גאַנצער יידישקייט. ווי די גאַנצע זון שפּיגלט זיך אָפּ אין יעדן באַ־זונדערן טראָפּן וואַסער, אַזוי האָט יעדער באַזונדערער ייד געטראָגן דאָס גאַנצע פעקל אַחריות פאַרן כלל. איצט איז עס געוואָרן פאַרקערט: מען האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די זאָרג פאַרן קאָלעקטיוו. „איש לאוהליך, ישראל" האָט דאָס געהילכט אין אַזאַ סיטואַציע פאַרצייטן. גייט זיך, יידעלעך, איט־לעכער צו זיך. אַזוי איז עס געוואָרן נאָך דער שלימזלדיקער עמאַנציפּאַ־ציע. איז זי — די שטאַרק באַזונגענע, געגאַרטע עמאַנציפּאַציע, אין תוך אַריין, געווען נישט קיין באַפרייאונג פון גוייִשן גלות, נאָר זי

איז געווען אַ באַפרייאונג פון קאָלעקטיווער יידישקייט. הגם די יידישע צרות זענען דווקא יאָ געבליבן...

און בייצושטיין די יידישע צרות, גובר זיין די יידישע צרות, אויסהאַלטן זיי, דורכלעבן זיי איז געוואָרן פאַר יעדן ייד באַזונדער נישט אין פאַרגלייך שווערער. דעם טראַדיציאָנעלן ייד איז געווען שווער צו זיין אַ ייד מחמת נגישות פון דרויסן; און דעם מאָדערנעם ייד איז געוואָרן שווער צו זיין אַ ייד מחמת נגישות פון אינעווייניק, פון זיך אַליין, מחמת די צרות וואָס ער אַליין, דער מאָדערנער ייד, איז זיך גורם.

דאָס מוז מען אַביסל ברייטער דערקלערן: דער טראַדיציאָנעלער ייד איז געווען נאָר אַ ייד, ער האָט געלעבט אין זיין אייגענער וועלט. פון געבאָרן אָן און ביזן טויט נאָר אַ ייד. ער האָט נישט געקענט און נישט געוווסט פון קיין גוים, נישט פון זייער לשון, נישט פון זייער קולטור. אַ ייד איז נאָר אַ ייד, אָן אַ טראָפּן גוישקייט אין אים. נישטאָ אין אים קיין טאָפּעלע פערזענלעכקייט. האָט ער געלעבט ווי אַ ייד, האָט ער געליטן בלויז פון נישט-יידן, ביי זיך אָבער איז ער געווען גאַנץ, דורכויסיק, הונדערט פּראָצענט ייד. האָט ער אויך אַלע זיינע אייגענע פּראָבלעמען געזען דורך זיינע יידישע ברילן, פון יידישן קוק-ווינקל. האָט ער געקאָנט זיין גאַנצע מענטשלעכע ענערגיע נוצן פאַר זיין יידישקייט, פאַר זיין יידישע פּאָזיציע אין לעבן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַטראַכטן זיין יידישקייט ווי עפּעס מינדערוויכטיק, האָט ער ביי זיך געקאָנט זיך האַלטן פעסטער, נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך פאַר אַנדערע, פאַר נישט-יידן. האָט ער געקאָנט זיך נישט דערשרעקן פאַר פאַגראָמען, פאַר אָנפאַלן. שנייבערג פאַלן אַראָפּ אויף מענטשן, וועלף און אַנדערע חיות פאַלן אָן, היישעריק מאַכט חורבונות... צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע געהערן אויך די, וואָס דריקן און שטיקן דעם ייד, וואָרום „אוי ווי — אַ טויבן גאָט האָבן זיי״... אאז״וו.

## מאָראַלישע סכיזאָפרעניע

גאָר אַנדערש איז עס געוואָרן נאָך דער עמאַנציפּאַציע. אין יעדן ייד האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ נישט-ייד, אין האַרצן ביי דעם ייד. די פרעמדע גאַס, די פרעמדע שפּראַך און די נישט-יידישע שולן שאַפן אין דעם מאָדערנעם ייד אַ גייסטיקע און מאָראַלישע צעשפּאַלטנקייט. יעדער ייד איז אייגנטלעך צוויי מענטשן, אַ מאָראַלישע סכיזאָפרעניע אין אים, און דער

נישט־ייד אין דעם ייד איז שטאַרקער, זיין וועלט, זיין קולטור, זיינע געזעצן, זיינע פאַרווײלונגען, זיינע ראַדיאָ, טעלעוויזיע און טעאַטער, — זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, די קאַריערע — אַלץ. דער ייד איז אין דעם ייד איינגעשרומפּן, אַ קליין ווינקעלע, וואָס מען פאַרגעסט זיך אָן אים אָפּט, אַן אָרעמער, אַן איבעריקער מחותן אין לעבן... און ער איז — דער ייד אין דעם ייד גופא — דערונטערדריקט, קנאַפּווערטיקער, ער איז גייסטיק, קולטורעל ביי זיך אין די אויגן אָרעמער: „וואָס פאַרמאָגן יידן ?"... זעלטן ווען דער גוי אין דעם ייד טרעט אָפּ אַ שטיקל אָרט דעם אָרעמען קרוב זיינעם. על פּי רוב אָבער איז דער גוי גאָר אומצופרידן וואָס אָט דער „קבצן" פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס... ווער דאַרף אים, אַז מער ווי צרות האָט מען פון אים נישט ? ... שווער איז צו זיין אַ ייד; דעם מאָדערנעם ייד אַ סך שווערער ווי דעם טראַדיציאָנעלן. זיינע שוועריקייטן זענען אינעווייניקסטע, דער ייד אַליין טראָגט אין זיך דעם „אַנטיסעמיט", דעם שונא ישראל, ער קען זיך פון אים גאָרנישט אויסבאַהאַלטן, דער ייד קען נישט אַנטלויפן פון זיין אייביקן שונא. זשאַבאָטינסקי האָט אַמאָל פאַרגליכן אַ יידישן אינטעליגענט צו אַ מיידל מיט אַ הויקער, וואָס זי קען זיך פון אים נישט באַפרייען... יאָ, עס טרעפט אויך, אַז דער ייד אין דעם ייד רעוואָלטירט קעגן דעם נישט־ייד. זשאַבאָטינסקי אַליין איז טאַקע געווען אַזאַ רעוואָלטירער קעגן דעם רוס אין זיך גופא. אַזאַ איז געווען פראַנץ ראָזענצוויג אין דייטשלאַנד, אַזאַ איז אויך געווען הערצל און עס זענען באַקאַנט נאָך אַזעלכע. אָבער זיי זענען גאָר זעלטן. דאָס זענען אַלץ מענטשן פון העכערער אינטעליגענץ און מוטיקייט. אַ דורכשניטלעכער מענטש איז דערצו נישט פעאיק. אויך זייער יידישקייט איז נישט קיין אָרגאַנישע, זי איז אָפטער אַ מין „צו־להכעיס־יידישקייט", אַן „עקספּלאָזיוו־יידישקייט" ווי דאָס רופט פּראָפ. פישל שניאורסאָן. זי קען אַריין אין קאָנפליקטן מיט דער געוויינלעכער, אָרגאַנישער יידישקייט, ווי עס איז געווען, למשל, ביי אוריאל אַקאָסטאַ.

ווידער קענען זיין אַזוינע „בעל־תשובה'ס" נאָר דאָרטן ווען עס איז פאַראַן עפּעס אַ יידישקייט, וואָס צו איר קען מען זיך אומקערן. אויך הערצל האָט דאָך דעם ציוניזם נישט געשאַפן. דאָס רוב אָבער זענען דורכשניטלעכע יידן, אַוועקגעגאַנגענע פון יידישקייט נישט פעאיק צו אַזאַ רעוואָלט, זיי גייען אַוועק, זיי פאַלן אָפּ, צום יידישן מאָרגן געהערן זיי שוין נישט. אָפּגעפאַלענע בלעטער פון אַ בוים; צוקלעפּן זיי צוריק צום בוים קען מען נישט

און אויב שוין יאָ, וועלן זיי שוין נישט זיין קיין אָרגאַנישער טייל פון לע־בעדיקן בוים.

## אַנטיסעמיטישע געדאַנקען ביי יידן

אַט די דואַליסטישע מענטשן, וואָס דער ייד אין זיי איז אַ סך שוואַכער פון דעם נישט־ייד אין זיי, די יידן שטעקן זיך זייער גרינג אָן מיט גאָר פּשוטע גאַנגבאַרע אַנטיסעמיטישע געדאַנקען, וואָס טראָגן זיך אין דער אַרומיקער לופט. עס איז באַקאַנט, אַז די יידן־רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, אין די זיבעציקער יאָרן און אפשר אויך שפּעטער, האָבן זיך נישט גע־שטערט צו העלפן פאַרשפּרייטן פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס צווישן פּויערים, היות ווי די יידן „זויגן אויס דאָס בלוט פון די פּויערים"... די לעגענדע האָט זיך אין רוסלאַנד פאַרשפּרייט אין משך פון גאַנצן ניינצנטן י״ה, זינט רוס־לאַנד האָט איינגעשלונגען פּוילן און נעבעך געירשנט קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן. ביז זי איז אַריינגעדרונגען אויך צו יידישע רעוואָלוציאָנערן אַפילו. ביז דעם חורבן אונדזערן האָט מען נאָך אַלץ געקאָנט געפינען יידישע שרייבער, וואָס האָבן געזען אין „יידישע פּרנסות" דעם מקור פון אַנטיסע־מיטיזם, פון פּאָגראָמען און חורבונות. ווען יידן וואָלטן געהאַט „ערלעכערע" פּרנסות, וואָלט זיי קיין האָר פון קאָפּ נישט גערירט געוואָרן...

איז שוין אויסגעקומען צו הערן ענלעכע טענות פון גוטע יידן אויך וועגן דעם נעגערישן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע... אַ סך אַזוינע אַנטיסע־מיטישע געדאַנקען קען מען הערן פון יידן. און די וועלט איז פול מיט שינאה קעגן יידן. אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט, אין די שענסטע און בעסטע דעמאָקראַטיעס אויך. עס פעלט נאָר אַ שוועבעלע, וואָס קען קומען פון יעדער אויפטרייסלונג בכלל. כדי צו אימוניזירן יידן קעגן דער שינאה דאַרף גיין אַ כסדרדיקע אַרבעט צווישן יידן ווען די שינאה שלאָפט נאָך, ווען דאָס לעבן איז נאָך פרידלעך. די אַרבעט קען זיין געפירט נאָר דורך גרויסע יידישע קאָלעקטיוון. דאָס קען געטאָן ווערן נאָר דורך באַוווסטיזי־ניקע, געטרייע יידן, וואָס גלייבן אין יידישקייט, וואָס דער ייד אין זיי איז אַקטיוו, שעפעריש און פאַרגלויבט אין יידישקייט. פעסטע און שטאַלצע יידישע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן געקאָנט גאָר נישט שווער „אַנטווינען" די אַנטיסעמיטישע קליינע „אונטערנעמונגען", נאָך איידער זיי ווערן גרויס. גרויסע וועלט־מלחמות גרייטן זיך צו דורך לאָקאַלע „קליינע". גרויסע אַק־

ציעס קעגן יידן ווערן געגרייט כסדר אין פרידלעכע צייטן, קליינע אָנפאַלן אויף לעבעדיקע יידן און אויף יידישע בית־עולמס זענען רעפּעטיציעס צו די גרויסע. וואָלטן אָבער יידישע יוגנטלעכע, גרויסצאָליקע סטודענטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס שטאַלץ און מוטיק געענטפערט אויף אַזוינע קליינע אָנפאַלן, וואָלטן זיי רעאַגירט שאַרף און באַלד, וואָלטן זיי זיך געלאָזט הערן באַצייטנס, נאָך אײדער די קליינע אָנפאַלן הייבן זיך אָן, — וואָלטן די קליינע כוליגאַנעס נישט געוואָגט צו ווערן גרויס. וואָלטן בכלל יידן געווען אָרגאַניזירט אין מעכטיקע, פּאַרזיכיקע, קאָלעקטיוון, אין יידישע ראַיאָנען, אין יידישע ביישטעטלעך, וואָס האַלטן הויך זייער יידישע קולטור־פאָן, זייער זעלבשוץ אין פרידלעכע צייטן, וואָלט נישט געקומען צו קיין צרות אין אויפגערעגטע צייטן. שווער איז צו באַקעמפן אַ גרויסע שרפה, אָבער עס איז גאָר נישט שווער זי צו פאַרלעשן ווען זי איז נאָך קליין.

אָבער כדי יידן זאָלן אַזוי אָרגאַניזירן זייער פרידלעך לעבן אין פרידלעכע צייטן, דאַרפן זיי זיין שטאָלצע יידן ווען עס איז נאָך שטיל און רואיק. יידן מוזן זיין אַ כוח אין די פרייע לענדער, אַ כוח פון מוטיקער און הילכיקער יידישקייט, אַ כוח פון יידישער קולטור און קאָלעקטיווער שעפערישקייט, אַ כוח פון מעכטיקער אָרגאַניזירטקייט, נישט בלויז אין קאָנגרעגאַציעס. דערצו דאַרפן די יידן זיין געטריי דער יידישער קולטור, געטריי און פאַרגלייבט אין יידישקייט אַלזייטיק. פאַראַן אַ גלויבן אין יידישקייט און פאַראַן אַ גלויבן אין יידישן גאָט. אָן דעם גלויבן אין שעפערישער יידישקייט וועט דער יידישער גאָט אויך נישט קענען העלפן. עס איז שוין לאַנג באַקאַנט, אַז דאָס רוימישע ווערטל „אין אַ געזונטן גוף איז אַ געזונטע נשמה" איז פאַלש. ריכטיק איז דאָס פאַרקערטע: ביי אַ געזונטער נשמה איז אויך דער גוף געזינטער און שטאַרקער. נאָך מער ווי בנוגע צו אַ יחיד איז עס ריכטיק בנוגע צו אַ קאָלעקטיוו. ביי אַ שטאַרקן יידישן באַוווסטזיין איז אויך דער קאָלעקטיווער אָפּוועהר־כוח פון יידישן פאָלק גרעסער און זיכערער. מיט אַנדערע ווערטער: ביי אַ פעסטערער, טיפערער קולטורעלער אָרגאַניזירטקייט פון יידן ווי אַ פאָלק אין רואיקע צייטן, וועט עס נישט אין פאַרגלייך גרינגער זיין בייצושטיין אַלע דרויסנדיקע פּלאָגן און אַנשיקענישן.

דער כוח פון יידן איז אין זייער יידישקייט. יידישקייט איז אַ סך ברייטער פון רעליגיע. קיין רעליגיע איז נישט אידענטיש מיט פאָלקישקייט. אויך די יידישע רעליגיע, הגם זי איז אין תוך אַריין אַנדערש פון אַנדערע

רעליגיעס, דאָך איז זי נישט אידענטיש מיט יידישקייט. אונדזער רעליגיע באַשטייט נישט פון קרעדאָס, וואָס עס איז גענוג צו גלייבן אין זיי; אונדזער רעליגיע איז אידענטיש מיט הלכה. די הלכה איז אַ פיקסירטע יידישקייט פון אַמאָל, פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה. זי קען נישט זיין גילטיק היינט, אין דער איצטיקער תקופה. יעדע תקופה מיט איר הלכה. ווען יידן וואָלטן באמת געהאַט מער דרך־ארץ פאַר זיך און פאַר זייער שטייגער, וואָלט זייער כוח ווי אַ פאָלק געווען אין פרידלעכע צייטן שטאַרקער, וואָלטן די „קליינע פיקסלעך״, די קליינע כוליגאַנעס נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו ווערן גרויס. וואָלט אין צערודערטע צייטן דער אַנטיסעמיטיזם נישט געווען אַזוי פאַרשפּרייט און אַזוי צוגעגרייט.

## דער כוח פון יידן — אין יידישקייט

מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געזען, אַז דער ביאָלאָגישער כוח פון יידישן פאָלק צו לעבן, זיך צו פאַרמערן און זיך בויען איז אין יידיש־קייט. אָבער אויך פשוט — דער כוח צו לעבן אין דער וועלט פון רשעות און בלוטדורשטיקייט איז ווידער אין יידישקייט.

נישט די גויים דאַרף מען דערציען צו האָבן ליב יידן, נאָר די יידן דאַרף מען דאָס. דרך־ארץ און אַכטונג פאַר דעם יידישן לשון, פאַר דעם יידישן שטייגער, פאַר אַ יידישן יום־טוב, צי ער איז רעליגיעז צי סתם אַזוי אַ געוווינהייט — אַלץ איינס.

דאָ אָבער הייבט זיך אָן די טראַגעדיע: יידן אַליין האָבן נישט קיין דרך־ארץ פאַר זיך, פאַר זייער יידישקייט. טאָ ווי קענען זיי עס פאַרלאַנגען פון אַנדערע? ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז אין יעדן ייד אייגנטלעך פאַראַן אין דער היינטיקער תקופה דער צווילינג — דער ייד און דער גוי צוזאַמען. אַ ייד קען דערהייבן זיך צו גאַנץ הויכע פּאָזיציעס, דאָס איז דער אויפטו פון דעם נישט־ייד אין אים. ער קען אַפילו געניסן פון היפש דרך־ארץ און אַכטונג, הגם ער איז אַ ייד, נישט געקוקט אויף זיין יידישקייט. דער ייד אין אים האַלט אין זיינע מעגלעכקייטן. אין דעם גאַנצן סכום איז די יידישקייט אַ מינוס. דער ייד באַשווערט דעם גאַנג אַרויף פון דעם נישט־ייד. אין דעם קאָמפּלעקס ייד נישט־ייד (ייד און מענטש, פלעגן דאָס פאָרמולירן די משכילים און אַנדערע) איז דער ייד דער שטערער, דער

וואָס מאַכט שווערער דעם וועג אין לעבן. דערפאַר אויך דער וויניקער באַ־ליבטער, קנאַפּער געשעצטער.

מיט דער זעלביקער מאָס מעסטן אויך די יידן בכלל די וויכטיקייט פון זייערן אַ יידן: איז ער געשעצט ביי נישט־יידן, וועלן זיי אויך אים שעצן. זוכן יידן דערהויבונג ביי יידן און זיי ווילן יידן זאָלן האַלטן פון זיי, זוכן זיי דאָס צו דערגרייכן דורך דער נישט־יידישער געזעלשאַפט, נישט דירעקט פון יידן, נאָר אומדירעקט, דורך נישט־יידן... קוקן יידן אויף זיך בכלל מיט נישט־יידישע אויגן, וויל מען כסדר און תמיד פאַרמינערן דעם יידישן עלעמענט און פאַרשטאַרקן דעם נישט־יידישן, באַמיט מען זיך צו זיין ווי זיי, צו לעבן און צו ריידן ווי זיי; און איבערנעמענדיק כסדר, שטעקט מען זיך אָן גאָר נישט זעלטן מיט אַ שלל אויך אַנטיסעמיטישע רייד און גע־דאַנקען. ווערן כסדר, אַלץ שוואַכער די פאַרבינדונגען, וואָס באַהעפטן יידן אין איין פאָלק, הערן יידן אויף צו זיין איין געמיינשאַפט, איין פאָלק, צע־שיט זיך דער קאָלעקטיוו אויף באַזונדערע יחידים. יעדער יחיד באַזונדער באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין דער געזעלשאַפט פון נישט־יידן. און דאָ באַ־קומט זיך אַזאַ דילעמע: יידן הערן אויף צו זיין איין יידיש פאָלק און די וועלט גרייפט זיי אָן דווקא ווי יידן. אָבער די אַנעמישע, אָפּגעשוואַכטע יידן אין דעם קאָמפּלעקס ייד + נישט־ייד קענען זיך נישט פאַרטיידיקן ווי גע־העריק, עס פעלט זיי מוט, אַכטונג צו זיך, פעסטקייט מיט זיך, עס פעלט אמונת ישראל, גלייבן און ליבע צו דעם גאַנצן סכום יידישקייט. אַ פּשיטא שוין, אַז אַזוינע יידן קענען נישט אויסבילדן קיין שטאַרקן קאָלעקטיוו מיט אַ כוח, וואָס זאָל זיך קענען קעגנשטעלן אַלע שונאים, ווען מען דאַרף.

און דאַרפן וועט מען תמיד, אַלע מאָל, ווייל סוף כל סוף, נאָך אַלע באַ־מיאונגען זענען יידן געווען און געבליבן פאַר די פעלקער אַ פרעמדער קערפּער, וואָס זיי קענען נישט פאַרדייען. יידן זענען פאַרליבט און פאַר־גלויבט אין אַמעריקע. אמת, זיי באַמיען זיך אַסימילירט צו ווערן ביז גאָר. זיי שוואַכן אָפּ דעם ייד אין זידביז גאָר. זיי גלייבן אין אַסימילאַציע, און זיי בלייבן פאָרט אַ פרעמדער קערפּער! שוין אָט באַלד צוויי הונדערט יאָר ווי יידן באַמיען זיך אין אַלע לענדער אַסימילירט צו ווערן, זיך „צונויפגיסן, צונויפשמעלצן" מיט די הערשערישע פעלקער. אומעטום אַזוי! נישט בלויז אין אַמעריקע. אַפילו אין צאַרישן רוסלאַנד, אַפילו אין פּוילן. און דער סוף — דער ייד אינעם ייד איז טאַקע דערשטיקט, אַטראָפירט, אָבער קיין דויי־טשן, קיין רוסן, קיין פּאָליאַקן איז מען נישט געוואָרן. יחידים יאָ, אָבער

גרעסערע צאָלן — דאָס נישט. יידן אין דייטשלאַנד, יידן אין פּוילן, יידן אין רוסלאַנד זענען נאָך אַלע באַגרעניצונגען, אומעטום געשטאַנען בראש פון דער קולטור. אַזוי אויך ווי יידן אין אַמעריקע, אויף די ערשטע פּלעצער. נישט ווי יידן, נאָר טאָקע ווי דייטשן, ווי רוסן, ווי פּאָליאַקן, מיט אַלע פּע־איקייטן און מיט דער גאַנצער געטרייקייט, מיט דעם פולן שטאָלץ און גלויבן. צופרידענע, שטאָלצע און געטרייע דייטשן פון משהס גלויבן, מער ווי די דייטשן אַליין... נאָר קיין ביר האָט מען נישט געקאָנט אַזוי טרינ־קען... אַזוי אויך אַנדערשוווּ. איין גאַנג. אַזוי ביז איצט און מסתמא אויך ווייטער.

די געשיכטע חזרט זיך איבער. עס קען אויסקומען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער ווייט נישט יעדער פּאַראַדאָקס איז אומגערעכט; עס איז אָבער ריכ־טיק, אַז יידן וואָלטן אַ סך גרינגער און אפשר אַ סך גיכער זיך באַפרייט פון גוישן אַנטיסעמיטיזם, ווען זיי וואָלטן נישט געווען קראַנק אויף יידישן אַנטיסעמיטיזם... איך מיין נישט, אַז דערמיט וואָלטן אַלע נישט־יידן זיך אויסגעהיילט פון דער אַנטיסעמיטישער קראַנקייט, נאָר די הענט וואָלטן זיך נישט אַזוי גרינג געהויבן. וואָלטן יידן מער דרך־ארץ געהאַט פאַר זייי־ער יידישקייט, וואָלטן זיי זי נישט פאַרוואָרפן מיט אַזאַ גרינג האַרץ; וואָלטן זיי מער געזאָרגט צו אָרגאַניזירן די צוקונפט פון פאָלק, וואָלט אויך די פּי־זישע זיכערקייט פון יידן געווען מער באַוואָרנט.

און ווידער דער זעלביקער פּאַראַדאָקס: וואָס מער יידן באַמיען זיך צו אַסימילירן, צו פאַרגרימירן דעם ייד אין זיך, מען זאָל אים נישט דערקע־נען, אַלץ ווייניקער אַכטונג רופן זיי אַרויס צו זיך, אַלץ פעסטער שטייגט דער אַנטיסעמיטיזם. איינציקע יידן קענען זיך אַסימילירן, אָבער נישט קיין מאַסן. יידן אין אַמעריקע ווערן נישט אַסימילירט, נאָר זיי ווערן ס ו ס פּ ע נ ד י ר ט . וואָס איז דער אונטערשייד?

## אַסימילאַציע אָדער סוספּענסיע

אַ מענטש עסט אויף היפּשע עטלעכע אָקסן און ווייצן־פעלדער, אָבער אין מענטשן הערט עס אויף צו זיין דאָס וואָס עס איז געווען. עס ווערט פליישׁ און בלוט פון מענטשן. דאָס איז אַסימילאַציע. יידישע מאַסן אין ניו־יאָרק, מיט זייער ענגליש און מיט אַלע אַנדערע „אַמעריקאַנער" שטריכן, ווערן אָבער נישט קיין אַנגלאָ־סאַקסן.

אין דער לופט־אַמאָספער אַרום דער ערד טראָגן זיך אַרום געוואַל־דיקע סכומען וואַסער. מיר קענען נישט אונטערשיידן צווישן דער לופט און צווישן דעם לופט־אַרטיקן וואַסער, נישטאָ קיין קענטיקער אונטערשייד צווישן די מאָלעקולן פון די לופט־גאַזן און צווישן די מאָלעקולן פון דעם וואַסער־דאַמף. אָבער עס איז גענוג עס זאָל פאַלן די טעמפּעראַטור אַ ביסל און דער וואַסער־דאַמף קען מער נישט בלייבן אין דער לופטן, ער מוז אַרויספאַלן פון דער אַטמאָספער. ער ווערט צוריק וואַסער, טראָפּנס רעגן. פון די טראָפּנס ביז צו אַ טייך, ביז צום ים איז נאָך פאַרט ווייט. יידן צווישן פעלקער זענען אויך אַזוי: נישט אַסימילירט, נאָר בלויז סוס־פּענדירט...

## דער גייסטיקער פּרצוף פון דעם סוספּענדירטן ייד

ווען איך קוק זיך צו צו אַט דעם נייעם טיפּ ייד, צו דעם היינטיקן אורבאַנישן ייד, פּיל איך אונדזער דורותדיקן חטא קעגן דעם אַלטן טראַ־דיציאָנעלן עם־הארץ. איך טראַכט, אַז מען וואָלט גאָר געדאַרפט אין דעם על־חטא פון יום־כיפור אַרויסנעמען אַ סך פון יענע, וואָס דער מחזור רע־כנט אויס און אַריינשטעלן אַן על־חטא שחטאנו בזילזול עמי־הארץ. פון אַלע דעפיניציעס פון עם־הארץ אין דער תלמודישער ליטעראַטור געפעלט מיר די דעפיניציע פון רמב״ם (אין פּרקי אבות).

די דעפיניציע זאָגט בערך אַזוי: די עמי־הארץ (עם־ארצים) האָבן נישט קיין תורה, אָבער מסורת אַבותיהם האָבן זיי יאָ. זיי לעבן מיט טראַ־דיציעס, זיי היטן די טראַדיציעס. און מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז קולטור פון אַ פאָלק איז איבערהויפּט שטייגער, טראַדיציע, אָדער לויט אונ־דזער אַלטער טערמינאָלאָגיע — קולטור שבעל פּה. די גאַנצע שריפט־קולטור איז ווי די זאַפטן, וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון די לעבעדיקע, פרישע פּרוכטן. אַזוי איז שריפט־קולטור לגבי דער וואָרט־קולטור. דער־פאַר איז ריכטיק דער מאמר אין גמרא, אַז תורה וואַקסט פון עם־ארצים. הלוואי וואָלטן מיר איצט געהאַט עם־ארצים! נישטאָ היינט קיין עם־ארצים. דער דורכשניטלעכער סוספּענדירטער ייד איז נישט קיין עם־הארץ שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער האָט נישט קיין שום טראַדיציעס. ער האָט זיי פיינט נישט־וויסנדיק; אַלץ וואָס עס שמעקט מיט טראַדיציע איז אים פריקרע. צי ער ווייסט וועגן יידן עפּעס צי ער ווייסט גאָרנישט, וויס ער אָבער די

גאַנצע יידישקייט מבטל צו זיין. ער איז אַפילו ווייט און פרעמד פון אַלע שריפטן אין דער שפּראַך, וואָס ער נוצט אויב נאָר עס האָט עפּעס צו טון מיט יידן. קולטורעל איז ער, דער סוספּענדירטער ייד, מער נישט קיין ייד. רעליגיעז קענען זיי זיין פאַררעכנט פאַר יידן; פאַר אַנטיסעמיטן זענען זיי געוויס יידן, אָבער אין זין פון קולטור זענען זיי אָפּגעשניטן פון יידישן פאָלק. כרת!

געהערן זיי אפשר צו דעם פאָלק, וואָס זיין שפּראַך ריידן זיי? זענען זיי טאַקע, ווי זיי ווילן איינריידן זיך און די וועלט — אַמעריקאַנער, פראַנצויזן, דייטשן פון משהס גלויבן? דאָס אויך נישט. שפּראַך איז אַ לבוש פון אַ קולטור, אָבער זי איז נישט קיין קולטור. אַ מענטש קען קענען אַ סך שפּראַכן און נישט האָבן אַריינגעזאַפּט זייערע קולטורן.

אַ מענטש קען האָבן באַקומען אַ סך בילדונג אין אָט דער שפּראַך פון לאַנד, אין דער באַגערטער שפּראַך. אָבער בילדונג איז ווייט נישט אי־דענטיש מיט קולטור. מען קען האָבן אַ סך בילדונג און נישט פאַרמאָגן קיין קולטור, און פאַרקערט. בילדונג קען מען אויסלערנען, קולטור דאַרף מען אַריינזאַפּן אין לעבן גופא, נישט דורך ווערטער, נישט דורך לעקציעס.

נאָך מער. איך האָב געקענט גאָר גוט די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור, די קולטור שבכתב. אָבער קיין רוס בין איך נישט געוואָרן. כדי צו קענען ווערן אַזאַ וואָלט איך געדאַרפט אַריינלעבן זיך אין בעל־פה־קולטור, אַריינ־זאַפּן זיטן און פירונגען, און נישט אין איין דור.

במילא קומט אַרויס, אַז די סוספּענדירטע יידן זענען בכלל אָן אַ קול־טור, נישט קיין אייגענע און נישט קיין איבערגענומענע... גענוג זיך טי־פער צוקוקן צו דעם טיפּ, בכדי עס צו באַמערקן. טראַגיש, אָבער פאַרפאַלן: עס איז פאַרט דער אמת! דער סוספּענדירטער וואַסער־דאַמף אין דער לופטן איז אַזוי: די אייגנשאַפטן פון וואַסער האָט ער פאַרלאָרן און קיין לופט איז ער אויך נישט געוואָרן. דער וואַסער־דאַמף איז צעבערעקלט אויף באַזונדערע מאָלעקולן. נישט קיין וואַסער און נישט קיין לופט. נישט קיין גוי און נישט קיין ייד. נאָר וואָס דען? — ערב רב, רופט עס דער חומש... איינער, צוויי, דריי דורות זיכער אָן אַ סימן פון קולטור. נאָכמאַ־כעריש, אומעכט, אָן וואָרצלען, אָן צובונד, פאַרטריקנטע בלעטער אַראָפּ־געפאַלן פון ביימער — דאָס איז דער פרצוף פון די סוספּענדירטע יידן.

נאָר ווען צרות קומען אויף יידן, דעמאָלט האַלט מען זיי פאַר יידן. אויף צרות טויגן זיי יאָ.

## היסטאָרישע געזעצן

מיר האָבן געלערנט: נישט דער באַוווסטזיין פּירט דאָס לעבן, אויך נישט די באַדינגונגען פון דעם אַרום. פאַראַן אין לעבן גופא, אין אַלץ וואָס לעבט, דראַנגען, וואָס פירן דאָס לעבן. יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע נאַר־מעס פון לעבן. מיר זענען דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, צעשפּרייט און צעשאָטן איבער לענדער און צווישן פעלקער. ווער האָט אונדז אַזוי צעשפּרייט? עס זענען מסתמא פאַראַן ביי אונדז, אין אונדז, סטימולן זיך צו צעשפּרייטן. צוויי ענלעכע מאַגנעטן שטויסן זיך אָפּ פון אנאנד. צו־צי־כוחות און אָפּשטויס־כוחות; זענען זיי אין אונדז גופא. מיר זענען ווידער דאָס איינציקע פאָלק, וואָס לעבט אין גלותן אַזוי לאַנג; אין גלותן געלעבט און געשאַפן, געשאַפן פאָלקיש, הגם אין גלות, געבויט פאַר זיך קולטור און שטייגער, אַ פאָלק פאַר זיך!

איז די צעשפּרייטונג אונדזערע בלויז נעגאַטיוו? בלויז צרות? בלויז חסרונות?

## מעלות פון גלות

דורך דער לאַנגער געשיכטע פון גלות בעטן יידן: „וקבץ נידחינו מארבע כנפות הארץ״. קיבוץ גלויות זעט אונדז אויס צו זיין די גרעסטע ברכה. מיר ליידן אַזוי אין די גלותן, אַז עס ווילט זיך אַנטלויפן, ראַטעווען זיך; עס שטאַרקט זיך אַ פאַרלאַנג צו זיין פאַר זיך. ריכטיק! אָבער צי זענען אין אונדזער צעשפּרייטונג שולדיק בלויז אַנדערע? מיר אַליין, דאָס יידישע פאָלק, איז בלויז געווען אַ פּאַסיווער אָביעקט, וואָס אַנדערע האָבן געיאָגט און געטריבן? אָ, ניין! אַנדערע האָבן נישט געטריבן, נאָר אומגעבראַכט אויפן אָרט, זייער אָפט; אָפּטער ווי געטריבן האָט מען אונדז נישט געלאָזט לויפן, נישט געלאָזט אונדז אַנטלויפן, זיך ראַטעווען. פעלקער דאַרפן דאָך האָבן אָביעקטן פאַר זייער בלוטדורשטיקייט. קוקט דאָך איצט אויך דאָס פאָלק אויס אַלע אויגן מען זאָל יידן לאָזן לויפן פון אַ גלות מיט אַ דורות־דיקער געשיכטע, מיט גאָר אַ וואַגיקער קולטור־ירושה, מיט אַן אייגענעם פּרצוף און כאַראַקטער. נאָר מען לאָזט נישט לויפן.

יאָ, גלות איז קנעכטשאַפט! אָפּהענגיקייט, אַ מענטש אין דער פרעמד, אַ פאָלק אין דער פרעמד. אָבער, ווען נישט די גלותן, וואָלט שוין לאַנג קיין יידיש פאָלק נישט געווען. האָט נאָך דאָס געזאָגט אַן אַלטע גמרא, אַז עס איז

גאָר געווען אַ גליק אונדזער צעשפּרייטונג (פּסחים פּז״ב) און יענע גמרא איז געוויס אַ גערעכטע. אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס זענען געווען אין איין עלטער מיט אונדז, נאָר זענען נישט געבענטשט געוואָרן מיט גלות, אַלע זיי זענען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. נאָר דאָס יידישע פאָלק אַליין לעבט ביז היינט. מיר האָבן געבראָטענע צרות, שווידערלעכע צרות. אָבער מיר לעבן און מיר האַלטן זיך נאָר אַ דאַנק דעם גלות, נאָר אַ דאַנק אונדזער צעשפּרייטונג.

איך בין אַמאָל געווען צוגאַסט אין שכם (אין די צייטן פון מאַנדאַט) ביי די שומרונים, געזען זייער תורה, זייער לעבן. ווען איך בין אַוועק, האָב איך אין האַרצן געדאַנקט גאָט פאַר דער צעשפּרייטונג, פאַרן גלות. ווען נישט דער גלות, וואָלטן מיר — דאָס גאַנצע יידישע פאָלק — אפשר געווען אַזוי פאַרשטיינערט, אַזוי פאָסיל ווי די שומרונים, אַ לעבעדיקע מצבה נאָך אַ געשטאָרבענעם פאָלק... עס האָט מיך דעמאָלט זייער אויפגערעגט אַן אַרטיקל פון יצחק בן צבי (שפּעטערדיקן נשיא פון ישראל), ווו ער שרייבט, אַז די שומרונים האָבן אַ מעלה העכער פון אונדז יידן, דערמיט וואָס זיי זענען קיין מאָל נישט אַוועק פון דעם לאַנד, ווי מיר יידן. פּונקט פאַרקערט, אַ דאַנק דעם גלות, אַ דאַנק אונדזער צעשפּרייטונג, איז יידישקייט געוואָרן אַן אייביקער שטראָם, און שומרונישקייט איז געבליבן אַ קליין, שטייאיק וואַסערל, וואָס האַלט אין איין אויסטריקענען.

נאָר אַ דאַנק דעם גלות, דער צעשפּרייטונג צווישן פעלקער, איז אונדזער יידישקייט נישט סתם אַ רעליגיע, פאַרשטיינערט אין אירע עיקרים, נאָר אַ קולטור מיט אַ ברייטן פאַרנעם. נאָר אַ דאַנק דער צעשפּרייטונג איז יידישקייט קיינמאָל נישט געוואָרן פאַרשטיינערט, נאָר כסדר, אַלע מאָל זיך אַנטוויקלט, פּראָגרעסירט.

## בבל און ירושלים

האָט דאָך בבל געדויערט לענגער פון ירושלים. איז די ערשטע געווען שעפערישער פון דער צווייטער. אין ירושלים זענען מיר געוואָרן אַ פאָלק ווי אַ סך אַנדערע פעלקער. אין בבל זענען מיר געוואָרן איין פאָלק אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער. אַ קלענערע העלפט פון בית־שני זענען מיר געווען אין ארץ ישראל גופא אונטער דער הערשאַפט פון פערסיע. אַ גרעסערע העלפט — פאַר זיך, מיט אייגענע קייסאָרים און אַ מדינה. פאַ־

ליטישע אונטערטעניקייט און פּאָליטישע פרייהייט. האָט די ערשטע אויס־געהאָדעוועט אַ פאָלק, האָט די צווייטע געפירט דירעקט צום חורבן און צום גלות, צו צעשפּרייטונג. קען זיין גאַנץ מעגלעך, אַז ווען די פּערסישע הער־שאַפט וואָלט געבליבן לענגער אין ארץ־ישראל, וואָלטן מיר פאַרשפּאַרט די העלדישקייט פון די חשמונאים, די בלוטיקע קריגערייען צווישן זייערע אייניקלעך און אפשר דעם גאַנצן חורבן. קען זיין.

ווייט נישט אַלע מאָל איז גלות סינאָנים פון שלעכטס, ווייט נישט אַלע מאָל איז צעשפּרייטונג אַ סימן פון גלות.

## גוטע און שלעכטע גלותן

אַמעריקאַנער יידן ווערן שרעקלעך אין כּעס ווען מען זאָגט „גלות־אַמעריקע". חס ושלום! אַמעריקע איז נישט קיין גלות, אַמעריקע איז היים! ... און מען וועט זיך קריגן וועגן דעם מיט ציין און נעגל. ווען אַמע־ריקאַנער ייד זאָגט „ביי אונדז", מיינט ער דאָס תמיד אַמעריקע. „איך בין אַן אַמעריקאַנער" ווערט אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ, מיט זיכערקייט, אַ סך מער ווי די באַקאַנטע פראַזע „איך בין שטאָלץ צו זיין אַ ייד", וואָס ווערט כּמעט קיין מאָל נישט באַגלייט מיט וואָסערע עס זאָלן נישט זיין מעשים אין פּריוואַטן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיי זאָלן טאַקע באמת דע־מאָנסטרירן אָט די „שטאָלצע" אידענטיפיקאַציע מיטן יידישן פאָלק און עפּעס אַ אינטערעס מיט דעם גייסטיקן פאַרמעגן פון דעם יידישן פאָלק, וואָס מען איז אַזוי „שטאָלץ" מיט אים... דער דראַנג־פאַרלאַנג צו זיין „אַמעריקאַניש" איז בולט אין אַלע האַנדלונגען אַ גאַנצן טאָג, אין דעם גאַנצן אויפפיר. אַזאַ אַמעריקאַנער ייד וועט אייך זיין גרייט דורס צו זיין, אויב איר וועט, חלילה, וואָגן צו זאָגן אַ קריטיש וואָרט בנוגע „זיין" אַמע־ריקע. חיות נישט זיכער! פּרובירט, פאַרקערט, קריטיקירן יידן, אָנזאָגן און אַרויסזאָגן כל דבר אסור, וועט ער תמיד מסכים זיין: „זאָגט עס נאָך אַמאָל"... אָט דער שטאָלצער, צופרידענער אַמעריקאַנער ייד וויל נישט מס־כים זיין, אַז אויך ז י י ן אַמעריקע זאָל פאַררעכנט ווערן ווי אַ גלות.

איז דאָס אייגנטלעך נישט קיין נייעס. מען קען נישט זיין קיין גרעסע־רע פּאַטריאָטן ווי עס זענען געווען די דייטשע יידן אין משך פון אַרום הונדערט יאָר. די לאַנד־אידענטיפיקאַציע פון יידן מאַכט זיי אָבער נאָך ווייט נישט פאַר אידענטישע בירגער פון לאַנד. בכלל איז דער עצם באַגריף

פון לאַנד־אידענטיפיקאַציע נישט קיין קלאָר באַשטימטער. דאָס לאַנד פאַר זיך איז דאָך נייטראַל. אין רוסלאַנד זענען פאַראַן ווער ווייס וויפיל פעל־קער; זיי אַלע זענען לאַנד־פּאַטריאָטן, זייער לאַנד און זייער קולטור. די אוקראַינער, למשל, גייט נישט אָן וואָס די גרויס־רוסישע קולטור איז גרע־סער און רייכער. האָט מיצקעוויטש געבענקט נאָך „ליטע, מיין היימלאַנד", אָבער לגמרי נישט נאָך דער רוסישער קולטור, וואָס האָט דאָרטן שוין גע־הערשט. אַזוי אויך איז דער „געבראָטענער ליטוואַק", משה קולבאַק, גאָרנישט געווען געטריי נישט דער רוסישער און נישט דער ליטווישער קולטור. דאָס זעלביקע לאַנד האָט געקאָנט פאַר מיצקעוויטשן און אַנדערע זיין אידענטיש מיט זייער פּוילישקייט און פאַר אונדזער רייזענען, איינהאָר־נען, קולבאַקן, שוטאַנען און אַנדערע איז עס געווען דורכויס יידיש. די זעלביקע ווילנע האָט פאַר איינעם געשמעקט מיט פּוילישקייט און פאַר אונדזער קולבאַקן איז זי:

דו ביסט אַ תהילים אויסגעלייגט פון ליים און אייזן
און דיינע אותיות וואָגלען, בלאָנדזשען אָפּגעקראָכענע:
יידן שטייפע, ווי די העלצער, וווייבלעך ווי די לעבלעך ברויט;
דו ביסט אַ טונקעלע קמיע איינגעפּאַסט אין ליטע.

אויך דאָס לאַנד אַמעריקע איז אין גאַנצן נייטראַל. קענען זיין הייסע, געטרייע אַמעריקאַנער נעגערס, און ווייסע, און אינדיאַנער, און קאַטוילן און פּראָטעסטאַנטן, און פראַנצויזן און ענגלענדער. און איטלעכער פאַר זיך. עס איז זיין אַמעריקע, ווייל דאָ איז ער אַליין, און זיין גאַנצע קולטור, זיין אייגענע היים, ווו ער לעבט און פירט זיך ווי עס ווילט זיך אים, לויט זיין אייגענער פאָלקישער טראַדיציע.

בלויז אַ ייד, אַז ער זאָגט „אונדזער אַמעריקע", מיינט ער נישט דאָס לאַנד, נאָר דאָס פאָלק וואָס איז ביי אים אין די אויגן דער באַלעבאָס איבער אַמעריקע, און ער אַליין — דער ייד — איז בלויז אַ שכן, אַן איינוווינער, און ער איז דאַנקבאַר וואָס מען לאָזט אים דאָ לעבן. נישט מיט דעם לאַנד אידענטיפיצירט זיך אַ ייד, נאָר מיט דעם הויפּט־פאָלק אין לאַנד, מיט דעם וויל ער זיך אידענטיפיצירן. אַמעריקע איז נישט זיין היים, די היים פון זיין יידישקייט, נאָר זי איז די היים פון אַן אַנדער פאָלק, וואָס איז דער בעל הבית און ער איז מחויב זיך צוצופּאַסן צו יענעם, זיין ווי יענער, ווייל אַמעריקע איז יענעמס... אין תוך אַריין, ווייס איך נישט ווער עס איז מער אַמעריקאַניש — די אַנגליזירטע רעפאָרמערס אָדער די סאַטמאַרער חסי־

דים. אונדזערע יידן אין רוסלאַנד זענען געווען מער „רוסלענדער" ווי די רוסיפיצירטע יידן, די וואָס האָבן געחלומט צו זיין „רוסן פון משהס גלויבן". דער חסידישער ייד, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געשטערט צו שפּאַצירן אין גוישע גאַסן פון וואַרשע אין זיין ספּעציפיש־חסידישן לבוש, איז מער געווען אידענטיפיצירט מיט דעם פּוילישן לאַנד ווי דער פּאָלאָניזירטער „פּאָליאַק פון משהס גלויבן". איז אויך דער אַמעריקאַניזירטער ייד מער אונטערטעניק, מער פאַרשקלאַפט, מיט מער „קנעכטשאַפט אין פרייהייט" לויט דעם קלאַסישן אויסדרוק פון אחד העמן. דער אַסימילאַציע־גיריקער ייד האָט תמיד אין זיך אונטערטעניקייט צום צווייטן, הערשנדיקן פאָלק.

## דער פּעסימיסטישער אָפּטימיזם

יידן אין אַמעריקע פילן נישט קיין גלות. יעדער יחיד באַזונדער האָט נישט צו ליידן פון אויסנאַם־געזעצן און פון נאָך אַלערליי ספּעציפישע צרות, ווי אַנדערשוו. אָבער אין דער זעלביקער צייט ווערט דער יידישער קאָלעקטיוו אין אַמעריקע אַלץ מער און מער צעשאָטן. און דאָס שטעלט אין סכנה אויך דעם קיום פון יידישע יחידים, ווי עס איז געזאָגט פריער. יידנ־טום ווי אַ שעפערישער קאָלעקטיוו הערט אויף אין אַמעריקע, און דאָס איז דער ערשטער שטאַפּל פון אונטערגאַנג. יידן זעען עס נישט, ווייל מען איז קורצזיכטיק, ווייל מען וויל זיין קורצזיכטיק, ווייל מען טראַכט נישט און מען וויל נישט טראַכטן וועגן דעם מאָרגן. אַלע גלותן הייבן זיך אָן גוט, ווען נישט וואָלטן זיי דאָך נישט צוגעצויגן קיין יידן. אומעטום הייבט זיך אָן דער אונטערגאַנג פון דעם אָפּגעשוואַכטן קאָלעקטיוו. אומעטום קומט פריער די אַטראָפיע פון יידישקייט, שפּעטער קומט די שוצלאָזיקייט פון יידן און די אָנמאַכט קעגן שונאים. די לעצטע פעלן קיין מאָל נישט און זיי וועלן קיין מאָל נישט פעלן.

דער אונטערגאַנג פון אַ יידישן שבט איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס, ער קומט נישט מיט איין מאָל, ער האָט מדרגות. דער אונטערגאַנג פון יידיש־קייט איז די ערשטע פון זיי, די ווייטערדיקע וועלן קומען מיט דער צייט, זיי וועלן נישט פאַרשפּעטיקן. דער חורבן הייבט זיך אָן אינעווייניק, אין יידישן לעבן גופא; עס איז „גוט פאַר יידן און שלעכט פאַר יידישקייט". די אַטראָפיע פון יידישקייט ברענגט צו אָנמאַכטיקער שוצלאָזיקייט. דעמאָלט

קומט דער סוף. עס איז יידן אין אַמעריקע זייער גוט, ווייל זיי ווייסן נישט ווי שלעכט עס איז.

עס איז אָבער נישט אמת, אַז יידן ווייסן טאַקע נישט. זיי פילן עס נישט־וויסנדיק, און מען אַנטלויפט פון געפיל, מען באַמיט זיך צו פאַר־טויבן, צו „פאַרלאַכן" דאָס געפיל. ווילן יידן נישט הערן און נישט טראַכטן וועגן דעם מאָרגן. „גוואַלד, יידן! זייט נישט קיין פעסימיסטן!"... האַלטן יידן אין איין אָנזאָגן און פאַרזאָגן און אין בעטן זיך. פאַרוואָס? ווייל זיי אַליין אין זיך זענען אַזוי שטאַרק פעסימיסטיש אַנטוישט און אַנטמוטיקט, און פאַרלאָרן יעדן געדאַנק, און יעדע האָפענונג; ווייל זיי אַליין זענען שוין לאחר יאוש, מיאש געוועזן פון אַלץ, פון יעדע האָפענונג; מען גלייבט שוין נישט אַפילו, אַז עס האָט אַ זין צו ריידן, צו וועקן, צו רופן. און אָט אין דעם „פסיידאָ־אָפּטימיזם" איז די גרעסטע עבירה. פאַראַן אין גמרא אַ פּראַכ־טיקער אויסדרוק „צוליב דער פוילקייט פון יידן ווערט דער יידישער גאָט אָפּגעשוואַכט"... צו פרי! צו פרי האָט מען זיך מיאש געווען, צו פרי האָט מען גענומען זינגען יענץ טריף לידל, אַז עס איז נישטאָ קיין מאָרגן און דעם היינט טאָר מען נישט פאַרשטערן מיט קיין זאָרגן. צו פרי צו ווערן פאַלשע, איינגערעדטע אָפּטימיסטן, וואָס ווילן גאָרנישט טראַכטן און זאָרגן. אַמעריקע איז דער גרעסטער יידישער ישוב אין דער וועלט. אַלע אַנדערע ישובים קוקן אויף דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע. די אָפּשוואַכונג פון אַמעריקאַנער יידנטום איז פאַטאַל פאַר אַלע יידישע ישובים און אויך פאַר דער יידישער מדינה. קיינמאָל איז דאָס יידישע פאָלק נישט געווען אין אַזאַ סכנה ווי איצט, און דאָס צוליב יענע פעסימיסטישע אָפּטימיסטן. אָן יידישע קאָלעקטיוון בלייבן אַלע באַזונדערע מיליאָנען יידן שוצלאָז און הילפלאָז קעגן די אָנגריפן פון דרויסן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט אויפהערן צו קור־מען. און דעמאָלט צעיושעט זיך שטאַרקער, צעהיצט זיך די בלוטדורשטי־קע חיה, וואָס רופט זיך מענטש... נישט קיין נייעס פאַר אונדז, געניטע אין צרות, מלומדים אויף דעם געביט פון מענטשלעכן פראָגרעס און ציוויליזאַ־ציע. דאָס איז דער ביטערער תכלית פון דעם זיסן גלות...

פאַרלאַנגען יידן, מען זאָל זיי געבן רעצעפּטן, ווי זיך צו ראַטעווען פון יידישע צרות. אָבער ווען דער קערפּער איז שוין פאַראַליזירט, קען שוין קיין רעצעפּט נישט העלפן... מען מוז באַוואָרענען אַ קראַנקהייט איידער זי אַטראָפירט דעם גוף.

# פאַלשע טרייסטן

אַז מען נעמט ריידן מיט יידן אויף אַט די טעמעס, האָבן זיי פאַר אייך אַ פול מויל מיט טרייסטווערטער. גלייך שיקט מען אייך אָפּ צו די רעליגיעזע יידן: אַזוי פיל שולן, בתי־מדרשים, טעמפּלס! עס זענען דאָ רבנים און ראַביים. איר ווילט יידיש לשון? גייט צו די סאַטמאַרער; איר ווילט פרומקייט? גייט צו די חסידים בכלל! איר ווילט מאָדערנע רעליגיעזקייט? זענען דאָ געגנוג אויך אַזוינע! מען טאָר נישט זען בלויז שאָטנס!

איר ווילט העברעאיש? אַזוי פיל שולן, אָן עין הרע! אַנהויב־שולן, מיטלשולן און הויכשולן. יידן גיבן אויס מיליאָנען דאָלאַרן אויף העברעאישער דערציאונג! יידן מאַכן אַזוי פיל קאָנפערענצן. מען האַלט אַזוי פיל רעפעראַטן! עס דרוקן זיך אַזוי פיל לערנביכער! די צאָל תלמידים פון העברעאיש האַלט אין איין שטייגן... מיט איין וואָרט — עס איז גוט, און מען דאַרף גאָרנישט בעסער.

איז אָבער די מעשה, וואָס די טרייסט־ווערטער זענען בלויז ווערטער און נישט קיין טרייסט. די יידישע רעליגיע האָט אַמאָל טאַקע פאַרבונדן און פאַראייניקט דאָס יידישע פאָלק אין איין גאַנצקייט. איצט אָבער איז זי אַליין צעפּיצלט און צעבראָקלט, אַז זי האָט אַליין מער נישט קיין כוח זיך צו האַלטן.

קודם כל איז עס נישט מער איין רעליגיע, נאָר אַ גאַנצע צאָל פון באַזונדערע רעליגיעס. אָפיציעל האַנדלט זיך אין דריי: אָרטאָדאָקסיע, קאָנסערוואַטיזם און רעפאָרמיזם. אָבער איטלעכע פון זיי צעפאַלט זיך ווידער אויף קלענערע באַזונדערע גרופּעס. פאַראַן איין שולחן־ערוך און וויפיל זענען פאַראַן אָרטאָדאָקסישע גרופּעס, וואָס אַלע פאַררופן זיך אויף דעם זעלביקן שולחן־ערוך און דאָך צעגייען זיי זיך שטאַרק פונאַנדער, און זיי קאָנקורירן גאַנץ העפטיק, און איטלעכע קריטיקירט די אַנדערע; זיי זענען זיך מבטל קעגנזייטיק. נישטאָ קיין גאַנצע אָרטאָדאָקסישע יידישקייט. און מסתמא איז נישט בעסער ביי די אַנדערע. היינט איז יעדע קאָנגרעגאַציע נישט סתם אַ קהילה פון יידן, נאָר אַ פאַרזיכיקע מלוכה, און איר פירער — דער רב, אָדער ראַביי איז גאָרנישט דאָס וואָס עס איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער רב ביי יידן. גיכער קען מען די קאָנגרעגאַציע צוגלייכן צו אַ מין קלוב אַזאַ, וואָס זיין עיקר־אויפגאַבע איז צו מאַכן אַזוינע סיסטעמאַטישע קאָנצערטן, וואָס זיינע „מיטגלידער" פאַרלאַנגען; דאָס זענען „סערוויסעס און סער־

מאַנס״ אַ געוויסער צערעמאָניאַל. דער ראַביי — דער פירער — דאַרף זיין קודם כל אַ בריה צו שאַפן די נויטיקע פאָנדן; ער דאַרף זיך באַמיען זיין „קלוב״ זאָל זיין אינטערעסאַנט, צוציען „מעמבערס״, ער דאַרף זיין אין „סטייל״, ער דאַרף זיך באַמיען צו קריגן חשיבות ביי גויים, ווייל נאָר דעמאָלט וועט ער זיין חשוב ביי יידן. וואָס מער דער ראַביי קריגט אַכטונג פון גויים, אַלץ העכער שעצן אים יידן, און אַלץ פעסטער איז זיין פּאָזיציע. עס איז אַ סך מער ענלעך צו אַ פּשוטער „ביזנעס״, אַ געשעפט־זאַך, איידער עס איז אַ המשך פון אַ טראַדיציאָנעלער יידישער קהילה. און כדי יידן זאָלן האָבן מער דרך ארץ און מער צוגעבונדנקייט, דאַרף די קאָנגרעגאַציע וואָס וויניקער זיין ענלעך צו אַ יידישן בית־מדרש, שול און וואָס מער ענלעך צו אַ גוישן טעמפּל... און דער ראַביי און זיין פרוי דאַרפן זיין בריות צו קענען דערציילן וואָס מער און וואָס אינטערעסאַנטער פון די „בעסטסעלערס״ און אַנדערע פּיקאַנטע אַמעריקאַנער „סטאָריס״ (מעשיות).

און כדי נאָך פעסטער צו מאַכן די פּאָזיציע פון דער קאָנגרעגאַציע דאַרף זיך דער ראַביי פאַרנעמען אויך מיט „דזשואיש עדוקיישן״. אָט די דערציאונג האָט איר וויכטיקסטע אויפגאַבע צו האָדעווען יונגע מעמבערס פאַר דער קאָנגרעגיישן. וועגן דעם יידישן פאָלק אין זיין גאַנצקייט, וועגן יידישקייט אין איר גאַנצקייט, ווערט גאָר וויניק גערעדט. גאָר וויניק גערעדט און נאָך וויניקער געטראַכט. און איצט איז דער אַלטער אמת קלאָר געוואָרן אַפילו פאַר בלינדע: כל זמן די גאַנצע יידישקייט איז געווען הייליק, יהדות, האָט זי געקאָנט הייסן רעליגיע. אָבער ווי נאָר מען האָט גענומען אָפּטיילן רעליגיע פון אַלע אַנדערע עלעמענטן פון יידישקייט, פון גאָר דער יידישקייט, וואָס איז נישט אַריינגעשריבן אין שולחן־ערוך, רעליגיע באַזונדער און יידישקייט באַזונדער; פון דעם מאָמענט אָן, ווען מען האָט גענומען ריידן פון אַ באַזונדערער וועלטלעכער יידישקייט, וואָס אויף איר איז כלומרשט נישט חל די יידישע קדושה, — פון דעם מאָמענט אָן איז גילטיק גאָר אַן אַנדער כלל: **נישט רעליגיע האַלט אויף דעם קיום פון יידישקייט, נאָר פאַרקערט — יידישקייט האַלט אויף די יידישע רעליגיע.**

## „יידן פון אַלע רעליגיעס"

דאָרטן ווו עס איז נישטאָ קיין געוויינלעכע יידישקייט, דאָרטן איז די יידישע רעליגיע נישט קיין יידישע, נאָר נישט מער ווי אַ קאָפּיע פון אַנדערע רעליגיעס. און אַ סימן פון דעם — דער יידישער טלית. ווי נאָר יידישע „רבנים" (ראַביים) האָבן פון דעם יידישן טלית געמאַכט אַ שמאָל שאַליקל אויף דער גלחישער זשופּיצע, איז דער טלית נישט קיין טלית און דער רב איז נישט קיין רב, און די גאָרע יידישקייט זייערע איז אויך נישט מער ווי אַ יידישע יאַרמלקע אויף עפּעס אַ קאָפּ... אַ גמרא זאָגט, אַז אַ מענטש, וואָס דינט נישט צו עבודה־זרה, איז פאַררעכנט ווי אַ ייד. אין אונדזערע צייטן דאַרף מען דאָס פאָרמולירן אָט אַזוי: אַ ייד איז דער וואָס היט זיך נישט נאָכצומאַכן די גוייִשע קולטורן, וואָס דינט נישט צו „קול־טור־זרה". קוים הייבט מען צו דרשענען דעם באַרימטן דרש פון די משכי־לים „יידישקייט נאָר אין דער היים" נישט חלילה אין דרויסן, מוז מען קו־מען צו דעם צו וואָס די השכלה איז געקומען — א ו י ס י י ד י ש ו נ ג. (איך נוץ דאָס וואָרט אויסיידישונג און נישט אַסימילאַציע, ווייל קיין אמתע אַסימילאַציע ווי מיר האָבן געזאָגט, איז נישטאָ, אָבער אויס מיט יידישקייט — דאָס איז זיכער יאָ דאָ).

נאָך מער וויכטיק איז ד אָ ס י י ד י ש ע ל ש ו ן. אָט דאָס לשון האָבן יידן נישט סתם איבערגענומען, זיי האָבן עס א י ב ע ר ג ע־ש אַ פ ן , ווי זיי האָבן בשעתם איבערגעשאַפן העברעאיש פון אַן אַלטן סעמיטישן שטאַם־לשון, ווי זיי האָבן שפּעטער איבערגעשאַפן זייער תרגום־לשון. אַזוי האָבן זיי אויך איבערגעשאַפן פאַר זיך, פאַר זייער פאַרזיכיקייט זייער אייגן לשון, מיט זייער יידישן אלף־בית, מיט זייער גראַמאַטיק, מיט זייער אַקצענט, מיט זייער גייסט און טעם. אָן דעם יידישן לשון, אָן דעם יידישן לייב און לעבן קומען און דאַוונען אַפילו פון אַלטן יידישן סידור מיט גוייִשע ווערטער, דאָס איז שוין גאָרנישט קיין יידישקייט. ווי האָט געזאָגט אַן עלטערער ייד: מילא יידן אין אַמעריקע ווילן נישט אַנדערש ווי אַליין אַרויפנעמען אויף זיך אַ גלות, פאַרפאַלן; „אהבתי את אַדוני" שטייט אויף אַזוינע יידן. אָבער וואָס דאַרפן זיי נאָך דעם יידישן גאָט אַריינ־ברענגען אין גלות? וואָס איז ער שולדיק? ביז איצט, ביז אונדז, איז יידישקייט און יידישע רעליגיע געווען אידענטיש. עס האָט נישט געקאָנט זיין אַזאַ מין זאַך ווי אַ גוי פון יידישער רעליגיע, אָדער פאַרקערט, אַ ייד

פון אַ גוייִשער רעליגיע. פאַר אַנדערע רעליגיעס איז דאָס אַ געוויינטלעכע זאַך, פאַר יידישקייט — אונמעגלעך. מען האָט אין אָנהייב פון יאָרהונדערט יאָ פּרובירט ריידן פון דעם. עס איז אַפילו אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ פראַזע: „יידן פון אַלע רעליגיעס". אָבער די זינלאָזיקייט פון דער פראַזע איז באַלד קלאָר געוואָרן. איבערהויפּט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע „שמד מגפה" אין רוסלאַנד (נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1907 ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה). דאָס איז געווען אונמעגלעך ווייל גאָר די יידישקייט פון שטייגער און פון לשון, פון עסן און ריידן און לערנען איז געווען איין פאַרזיכיקע קאָמפּלעקס־יידישקייט.

מען שרייבט צו צו דר' יוסף קלויזנער אַ פראַזע: „גויים מדברים עברית" — גויים וואָס רעדן העברעאיש. ווייס איך נישט צי ער איז גערעכט, אָבער גויים וואָס פראַווען אַ „מעסע" אין אַ טעמפּל, וואָס איז אפשר אַליין אויך מער פּראָטעסטאַנטיש ווי יידיש, אַזוינע זענען אין אַמעריקע יאָ דאָ. און קען זיין, אַז אַזוינע זענען די מערהייט פון יידישן פאָלק ביי היינטיקן טאָג. עס האָבן אויך יידן אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער געוואָלט זיין „דייטשן פון משה'ס גלויבן", פּאָליאַקן אַזוינע, פראַנצויזן, אַפילו רוסן פון משה'ס גלויבן (!). אָבער אומעטום און אַלע מאָל איז עס געווען דער אָנהייב פון סוף, דער אָנהייב פון אונטערגאַנג, פון אויסיידישונג. ווייל יידישקייט קען זיך נישט האַלטן בלויז אויף רעליגיע. אַ כלל דורך דער גאַנצער געשיכטע.

פאַראַן, אמת, אין מעקסיקע קליינע גרופּקעס מעקסיקאַנער, וואָס האַלטן פון אַ מין יידישער רעליגיע. זענען זיי דורכויס מעקסיקאַנער און... קיין פּאָגראָמען אויף זיי וועט מען אויך נישט מאַכן. אָבער די נייע, פּריש געבאַקענע „גויים פון יידישן גלויבן" — זיי בלייבן, אויף צרות, יאָ יידן...

ווען צרות קומען אויף יידן פון נישט־יידן, פאַררעכנט מען זיי, די קרבנות, אויך פאַר יידן. זענען דאָס צרהדיקע יידן, זיי ברענגען צרות נישט נאָר אויף זיך, זיי שוואַכן אָפּ דעם אַלגעמיינעם יידישן באַוווסטזיין, דעם באַוווסטזיין פון אַ באַזונדער יידיש פאָלק, מיט אַלע אַטריבוטן פון אַזאַ; שוואַכט עס אָפּ די יידישע פאָלקישקייט, די פעאיקייט פון שעפערישער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פאָלק, פון זיין כוח און פעסטקייט אין נאָרמאַלע צייטן, און זיינע אָפּווער־כוחות אין אומנאָרמאַלע צייטן. יידישקייט מוז זיין איין גאַנצקייט, אַלץ וואָס שיידט אָפּ יידן פון אַנדערע פעלקער, זייער גאַנצע

שטייגערישע קולטור — אַלץ צוזאַמען איז הייליק פאַר יידן, אַלץ צוזאַמען דאַרף זיין די יידישע רעליגיע.

דאָס וועלטלעכע וואָס שאַפט זיך אין יידישקייט, וואָס שטאַמט אַרויס פון יידישן לעבן, פון יידישן נעכטן — דאָס אַלץ דאַרף זיין הייליק בקדושת העם, הייליק ווייל דאָס איז יידיש. אויסטיילן בלויז אַ באַזונדערן סכום, וואָס איז שוין נישט פאַרבונדן מיט דעם אַקטועלן לעבן פון אונדז, פון אונדזערע עלטערן און זיידעס, פון אונדזער תקופה און האַלטן, אַז דאָס איז כלומרשט די גאַנצע יידישע רעליגיע, און מער דאַרף מען נישט, — דאָס איז דער וועג פון קאַראַימער. דאָס מוז פאַרפירן פון לעבעדיקער יידישקייט. גאָר די אינטעגראַלע, געמיינזאַמע יידישקייט איז און דאַרף בלייבן אויך די י י ד י ש ע א מ ו נ ה , נישט רעליגיע, וואָס איז פאַר אַלע פעלקער אַ סכום דאָגמען צו גלייבן אין זיי, נאָר אַ יידישע געטרייקייט, אַ יידישע אמונה.

מיט איין וואָרט: י י ד י ש ע  ר ע ל י ג י ע  באַזונדער, אָן וועלט־לעכער יידישקייט וועט דעם קיום פון יידישן פאָלק נישט אויפהיטן. נאָר דורך אַ גאַנצער אינטעגראַלער יידישקייט קען אויך אַ יידישער מענטש זיך ראַטעווען פון דער געשפּאָלטנקייט אין זיין פערזענלעכקייט, וואָס וועגן דעם איז פריער גערעדט געוואָרן, פון דער שרעקלעכער גייסטיקער סכיזאָ־פרעניע.

## די קדושה פון דער יידישער ליטעראַטור

ווי אַ דוגמא פאַר דעם נאָר וואָס געזאָגטן נעם איך דעם געביט פון וואָרט־קונסט ביי יידן. עס איז אויסגעוואַקסן ביי יידן אין משך פון אַ קור־צער צייט אַ גאָר רייכע ליטעראַטור אויףביידע יידישע שפּראַכן. פאַראַן ביכער אָדער ספרים, וואָס פאַרנעמען זיך בלויז מיט פיקסירטער, פאַרהיי־ליקטער ליטעראַטור. זיי קענען זיין פון גרויסן וויסנשאַפטלעכן ווערט, אָבער קיין איגנטלעכע ליטעראַטור זענען זיי נישט. פאַראַן אויך ווערק פון ריין־רעליגיעזן כאַראַקטער. קיין ליטעראַטור זענען זיי נישט. ווערק אָבער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן פון יידישן לעבן, וואָס אין זיי פּולסירט דאָס יידי־שע באַוווסטזיין, די פּראָבלעמאַטיק פון יידיש לעבן אין די לעצטע דורות, ווערק וואָס שפּיגלען אָפּ דעם ווײ און די פרייד פון יידישע מענטשן, ווערק

וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פון יידישע קאָלעקטיוון און יחידים — דאָס איז יידישע ליטעראַטור.

דאָס איז דער כלל: דאָס וואָס איז נעכטן געווען „ב ע ל פ ה", אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון יידישן פאָלק, ווערט היינט פאַראייביקט ב כ ת ב; אין שאַפונגען, אין שריפטן. דאָס איז ליטעראַטור. פאַראַן זיכער צווישן דעם שלל ווערק, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אַזעלכע, וואָס זענען נישט ווערט פאַררעכנט צו ווערן אין סכום פון יידישער ליטעראַטור. צו דער קאַטעגאָריע דאַרף מען צורעכענען קודם כל אַזוינע ווערק, וואָס ווען מען לייענט זיי, פילט מען נישט קיין לעבעדיקע יידן. קענען זיין גרויסע שרייבער, אַנערקענטע שרייבער, קענען זיין באַרימטע ווערק, אָבער זיי מוזן אויסגעשלאָסן ווערן פון דעם סכום יידישע ליטעראַטור, אויב אַפילו זיי זענען געשריבן געוואָרן אין אַ יידיש לשון.

פאַרבאָרגן איז די נשמה פון אַ מענטש, נאָך מער ניסתר איז די נשמה פון אַ קאָלעקטיוו, פון אַ פאָלק. נאָר אַזוינע ווערק, וואָס באַלייכטן אָט די פאַרבאָרגענישן פון דעם פאָלקס נשמה, נאָר זיי געהערן צו דער נאַציאָנאַ־לער ליטעראַטור.

וואָס פאַר אַ צאָל ווערק געשריבן אין יידיש און אין העברעאיש עס וועלן אויסהאַלטן אַזאַ עקזאַמען ווייס איך נישט און נישט דאָס גייט מיר דאָ אָן. קען זיין, אַז עס וועלן בלייבן געציילטע ווערק, אָבער אָט זיי זענען פאַר דעם יידישן פאָלק הייליק. עס איז אין גאַנצן נישט וויכטיק, צי דער שרייבער האָט געוואַשן די הענט ביים שרייבן אָדער נישט. די קדושה וואָס מירריידן דאָ איז אַ נאַציאָנאַלע און נישט דווקא אַ ריין־רעליגיעזע לויט די באַגריפן פון די אָרטאָדאָקסן. פאַרקערט זאָג איך: די וואָס ווילן לייקענען די קדושה פון אָט אַזוינע שאַפונגען, זיי זענען כופרים, זיי לייקענען אין יידישקייט! זיי פאַרשוועכן יידישקייט.

## יידישע ליטעראַטור אין פרעמדע שפּראַכן

די גאַנצע יידישע געשיכטע זאָגט עדות, אַז יידישע ווערק געשריבן אין שפּראַכן פון פרעמדע פעלקער גייען נישט אַריין אין סכום פון יידישע ספרים, פון יידישער ליטעראַטור, נישט פון גריכיש, נישט פון אַראַביש, נישט פון פראַנצויזיש און נישט פון דייטש מיט איר זעלטן רייכער צאָל ווערק וועגן יידישקייט און פון יידישקייט, נישט פון רוסיש און נישט פון

פויליש. עס איז דאָך נישטאָ ביי יידן קיין דויערנדיקע צוגעבונדנקייט צו עפּעס אַ לאַנד, איז אויך נישטאָ קיין שטענדיקע צוגעבונדנקייט צו קיין שפּראַך פון אַ לאַנד. נאָר דאָס וואָס יידן האָבן געשאַפן און וואָס זיי שאַפן אין אַ יידישער שפּראַך, אין אַ שפּראַך, וואָס נאָר יידן נוצן זי, וואָס יידן האָבן זי געשאַפן, נאָר אַזוינע קענען אַריינגיין אין סכום פון יידישע ליטעראַטור.

אָבער אויך אין העברעאיש און אין יידיש קענען זיין ווערק וואָס זענען פרעמד דעם פאָלק און זיין גייסט, הגם זיי זענען געשריבן אין אַ יידיש לשון.

ווייט נישט אַלץ וואָס עס ווערט געדרוקט אין יידיש און העברעאיש דאַרף אַריין אין סכום יידישע ספרים, אָבער ג אָ ר נ י ש ט פון דעם וואָס יידן שאַפן אין ענגליש, אין שפּאַניש וועט בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי רייך די שאַפונגען זאָלן נישט זיין. ווי שטאָלץ עס פילן זיך די יידן־שרייבער אין ענגליש! מיט וואָסער גאַווה זיי קוקן אויף די וואָס שרייבן „נאָך אויף יידיש". אָבער... נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער רוסיפיצירטער „ליעוו אָסיפּאָוויטש לעוואַנדע" אָפּגעשפּאָט פון די וואָס שרייבן נאָך מיט „אַסירישע קוואַדראַטלעך" (יידישע אותיות)... ביז ער איז אַרויסגעבריקעט געוואָרן פון רוסיש און האָט געוואָלט ווערן אַ „יהודה לייב לעוואַנדע" און ער האָט עס שוין נישט באַוויזן. און אַ פרוג, וואָס האָט אַזוי שטאָלצירט מיט זיינע רוסישע לידער, אויב ער איז נישט פאַרגעסן געוואָרן איז עס דאָך נישט צוליב זיין רוסישער שאַפונג, נאָר אַ דאַנק זיינע לידער, וואָס ער האָט געשריבן אויף דעם „לשון פון די דינאַבורגער יאַטקעס און ווילנער פישמאַרק".

ווערק אָבער, וואָס זענען געשריבן אין יידיש אָדער העברעאיש וועלן פאַרגעסן ווערן ערשט דעמאָלט, ווען עס וועט מער נישט זיין קיין יידיש פאָלק. און דאָס יידישע פאָלק וועט אונטערגיין, ווען עס וועט פאַרלירן און פאַרגעסן זיין אייגן לשון, וואָס עס האָט אַליין אויסגעבויט און געשאַפן.

אַ פאָלק לעבט כל זמן עס שאַפט בעל פה און בכתב. אַ פאָלק, וואָס הערט אויף צו שאַפן אין זיין לשון, איז אַן אַלט פאָלק, אַ נוטה למות. מיר יידן האָבן אַלטע פארצייטיקע ספרים און נייע, איצטיקע שאַפונגען. די אַמאָליקע זענען אַ טייערע רייכע ירושה. דאָס לעבן פון פאָלק איז אָבער אין די נייע שאַפונגען.

דער וואָס זאָגט, אַז איכה איז הייליק און „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" (פון יצחק קאַצענעלסאָן) איז וואָכעדיק, דער לייקנט די הייליקייט פון יידישן פאָלק. דער וואָס האַלט שיר השירים פאַר קודש־קדשים און איינהאָרנס „איך וויל אַז מיין ליבע זאָל ווערן געשלאָסן..." איז נישט הייליק; דער וואָס האַלט איוב פאַר הייליק און נישט טביה דער מילכיקער, וואָס איז טויזנט מאָל אַ שטאַרקערער ייד פון איובן; און נאָך און נאָך אַזוינע אַ סך, — די אַלע זענען כופרים, זיי פאַרלייקענען, זיי פאַרשטייען נישט און זיי ווילן נישט פאַרשטיין די קדושה פון יידישן פאָלק, פון יידישער פאָלקישקייט.

## קולטור שבחיים

אַלע יידישע סיסטעמען פון דערציאונג, וואָס ווילן אויסהאָדעווען געטרייע יידן אָן אָט דער ל ע ב ע ד י ק ע ר יידישער ליטעראַטור פון דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק, — זיי אַלע פאַרלייקענען, זיי גלייבן נישט, זיי ווילן נישט גלייבן אין דער נאַציאָנאַלער הייליקייט פון יידישן פאָלק. זיי קענען אפשר אויסהאָדעווען פרומע דאַוועגער צום יידישן גאָט, אָבער זיי קענען נישט דערציען קיין געטרייע גלויבער אין יידישן פאָלק; זיי קענען מורא האָבן פאַר דעם יידישן גאָט, אָבער זיי האָבן נישט קיין אַכטונג, קיין ליבע צום יידישן פאָלק.

„יידיש פאָלק איז אַ פאָלק נאָר מיט זיינע תורות" האָט געשריבן ר' סעדיה גאון;

„יידן זענען דאָס פאָלק פון ספר", האָבן אויף אונדז געזאָגט גויים. און עס איז ריכטיק! אָבער ווען איז דאָס געוואָרן? ווען איז עס ריכטיק?

נאָר ביי איין תנאי: ווען דער ספר, דאָס בוך, די שריפטן זענען פאַרבונדן מיט דעם אַקטועלן לעבן, אויב זיי שפיגלען אָפּ די אינעווייניקסטע פאַקטאָרן פון די פאַקטן אין לעבן, אויב פון זיי קען מען לערנען און פאַרשטיין די נשמה פון לעבעדיקן פאָלק. ספרים, אַפילו די וואָס זענען זייער פאַרהייליקט, וואָס מען קושט זייערע טאַוולען, אָבער צום לעבעדיקן לעבן האָבן זיי נישט קיין שייכות, די ספרים זענען נישט קיין „תורת חיים", זיי זענען נישט פאַרבונדן מיטן לעבן. אין אַ האָטעל פון אַ געמבלער־קאַסינאָ, ווו מיר איז צופעליק אויסגעקומען צו נעכטיקן, האָב איך געפונען אַ תנ"ך,

ווי עס פירט זיך אין קאַנאַדע און די שטאַטן. איז עס מיר אויסגעקומען ווי להבדיל אַ ספר תורה אין יאַנקל שאַפּסאָוויטשעס שענק. איז דער לעצטער נאָמען אויסגעטראַכט פון שלום אַשן, אָבער די תנכ״ן אין די געמבלער־האָ־טעלן זענען דאָך נישט אויסגעטראַכט.

איז מילא, די נישט־יידן מיט זייערע מאַטעריאַליסטישע באַגריפן — איז פאַר זיי אויך דער תנ״ך מאַטעריעל הייליק, מיט זיין פּאַפּיר און איינ־בונד. אָבער ביי יידן איז אַלע מאָל און איצט אויך די קולטור, די וואָס „בעל פּה״, אָדער ריכטיקער — די קולטור שבחיים וויכטיקער און הייליקער ווי די קולטור וואָס בכתב, וואָס איז פאַרשריבן און איז אָפּגעריסן פון אַקטועלן, לעבעדיקן לעבן. דאָס איז ביי אונדז די גאָר אַלטע און אייביקע מחלוקת צווישן די אָנהענגער פון תורה שבכתב קעגן די אָנהענגער פון דער תורה שבעל־פּה. — צדוקים, קאַראַימער, משכילים און די היינטיקע... אָרטאָ־דאָקסן, וואָס פאַרלייקענען די יידישע ווערטיקייט, די קדושה פון דער גאַנ־צער מאָדערנער, וועלטלעכער קולטור שבעל־פּה.

## יידישקייט — רעליגיע

די אָנהענגער פון דער קולטור שבכתב האַלטן נאָר פון דער יידישער געשיכטע, פון דעם וואָס עס איז שוין געווען. אָן אַ וואָסער עס איז שייכות צו דעם מאָרגן, צו דער צוקונפט פון יידישן פאָלק. די אָנהענגער פון דער היינטיקער, מאָדערנער קולטור שבעל־פּה לעבן מיט דער ליטעראַטור פון נעכטן, כדי צו בויען דעם מאָרגן. די וואָס האַלטן אַזוי שטאַרק פון אונדזערע תורות שבכתב פון די פאַרגאַנגענע תקופות און זיי לייקענען די קולטור פון דער היינטיקער אַקטועלער תקופה, די ווילן די גאַנצע יידישקייט אויך פאַר־וואַנדלען אין אַזאַ מין פאַרשטיינערטע טויטע הייליקייט ווי אויערינגלעך פון דער עלטער־באָבען, וואָס זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. אַט אַזאַ מין „אַנטי־יידישקייט״ איז דער גאַנצער תנ״כיזם, אַזוי איז די באַרימ־טע „וויסנשאַפט דעס יודענטומס״. דאָס איז אַרכעאָלאָגישע הייליקייט, אָפּ־געריסן פון אַקטועלן לעבן און דאָס קען גאָרנישט געבן דעם אַקטועלן לעבן צו בויען זיין מאָרגן. צו דער אידעאָלאָגיע געהערט די גאַנצע העברעאישע דערציאונג, וואָס איגנאָרירט יידיש לשון און ליטעראַטור. אויף דעם וועג גייען אַלע דריי ריכטונגען אין דער יידישער רעליגיע; אַלע פאַרוואַנדלען זיי יידישקייט אין אַ טויטע מומיע, וואָס מען שטעלט אַוועק אין אַ אויסגע־

פוצטן מאַוזאָלעאום, כדי זיך צו בוקן צו דעם און דערמיט יוצא זיין.

מען מוז געדענקען, אַז עס איז ביי יידן נישטאָ קיין י י ד י ש ע ר ע ל י ג י ע באַזונדער, אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט פון אַנדערע עלע־מענטן, ווי דאָס איז ביי אַנדערע פעלקער: קאַטוילי ציזם באַזונדער און די נאַציאָנאַלע קולטורן ווידער באַזונדער. ביי יידן איז פאַראַן נאָר אַ י י ד י ש ק י י ט ־ ר ע ל י ג י ע, אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפן, אַלץ אין וואָס עס דריקט זיך אויס די יידישע פאַרזיכיקייט, אַלץ מיט וואָס יידן זענען אַנדערש פון אַנדערע פעלקער; אַלץ, גאָר די יידישקייט איז די יידי־שע רעליגיע; די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור איז און מוז זיין אידענטיש מיט יידישער רעליגיע.

דער סימן מובהק פון לעבעדיקער, געזונטער יידישקייט איז תמיד די באַציאונג צום עם־הארץ און צו זיין עמארצישע יידישקייט. די פרושים פאַרצייטן האָבן פאַראייביקט דאָס יידישע פאָלק מיט זייער „גיי און זע ווי דאָס פירט זיך און טו אַזוי". פון זיי און פון זייערע נאָכפאָלגער שטאַמט דאָך דער כלל „אַ יידישער מנהג איז אַ דין". חסידיזם איז געוואָרן די פּרוכטיק־סטע ריכטונג ביי יידן דערפאַר וואָס ער האָט אַפילו פון אַ טרונק בראָנפן געמאַכט יידישקייט. השכלה איז געווען „געבילדעטער", אָבער די נעגאַ־ציע פון עמארצישע יידישקייט האָט זי פאַרפירט. דער העברעאיזם איז איינגעשטאַנען ביי די געלערנטע, זיין חטא איז געווען די נעגאַציע פון דעם עם־הארץ מיט זיין יידישקייט. דער יסוד פון אַ פאָלק איז דער שיכט עם־אַרצים. אונדזער טראַגישער מצב היינט איז דאָס וואָס מיר האָבן נישט קיין יידישע עם־ארצים. האָט עס נאָך אַ קלוגע גמרא געהייסן געדענקען, אַז פון עם־ארצים קומט אַרויס די תורה, די יידישקייט.

## און וואָס ווייטער?

מיר זענען אין דער וועלט אַ באַזונדערער פאָלקישער אָרגאַניזם. די גאַנצע מענטשהייט איז איינגעטיילט אויף פעלקער. פעלקער לעבן פאַר זיך. ציי יאָ פּאָליטיש פאַרזיכיק אין אייגענע מדינות אָדער נישט, אָבער פאַר זיך, באַזונדער. פעלקער זענען אָרגאַנישע איינסן. נישט מענטשן האָבן אויס־געטראַכט פעלקער און נישט זיי זענען באַוווסטזיניק געשאַפן. מדינות, פאַר־קערט, זענען שאַפונגען פון מענטשן. דער דראַנג צו הערשן און צו באַ־הערשן שאַפט מדינות. מדינות ליגן אין באַשטימטע, אויסגעקעמפטע גרע־

ניצן. די גרעניצן קענען זיך ענדערן, איבעררוקן, מדינות קענען זיך ענ־דערן, מען דאַרף זיי היטן מיט אַרמייען. פעלקער זענען אָרגאַניש, זיי בלייבן, אומאָפּהענגיק פון מדינות, פעלקער זענען נישט אָפּהענגיק פון קיין גרעניצן און פון אַרמייען. מדינות קענען זיין איינפאַלקיש און זיי קענען זיין פילפעלקערדיקע. פאָלק איז אַלע מאָל פאַרזיכיק, באַזונדער. יידן צווישן פעלקער זענען אַלע מאָל געווען ווי אַ פרעמדער קערפּער, וואָס ווערט אָר־גאַניש נישט פאַרדייט, נישט באַהעפט; געווען און געבליבן פרעמד. מדינות קענען אַריינגעמען יידן, פעלקער — נישט.

אַסימילאַציע, אויפליין זיך, ווי עס ווערט אַסימילירט אָקסן־פליש אין מענטשן, דאָס איז מעגלעך נאָר פאַר איינציקע יידן, אָדער פאַר גאָר קליינע גרופּעס. פאַר גרויסצאָליקע מאַסן איז אַסימילאַציע אונמעגלעך. יידן, גע־דיכטערע מאַסן יידן, וואָס באַמיען זיך צו אַסימילירן קענען סוספּענדירט ווערן אויף לענגערע אָדער קירצערע צייט־פּעריאָדן, אָבער זיי מוזן אַרויס־פאַלן פון דער סוספּענסיע פריער אָדער שפּעטער. און אַרויספאַלן פון דער סוספּענסיע קען זיין איידעלער, און עס קען זיין רוצחיש, בלוטיק, מיט אַלע מינים טויט און פאַרטיליקונג. די היינטיקע מענטשהייט איז מער פאַרבי־טערט, מער גענייגט צו רוצחישקייט, צו בלוטדורשטיקייט ווי ווען עס איז פריער. קיין אילוזיעס דאַרף מען זיך נישט מאַכן. דער גורל פון יחידים־יידן איז אָפּהענגיק פון דעם יידישן כלל, פון יידנטום. עס איז נישט מעגלעך אַז איינציקע יידן באַזונדער זאָלן זיך באַפרייען פון יידישן גורל צי גוט אָדער שלעכט. „וואָס עס וועט געשען מיט כל ישראל, וועט אויך געשען מיט ר׳ ישראל" — אַן אַלט יידיש ווערטל. איינציקע יידן אפשר וועלן זיך קענען אַרויסראַטעווען פון יידישן גורל און פון יידישע צרות „אויף דער אַרישער זייט" — אויסבאַהאַלטן זייער יידישקייט, אָבער מאַסן וועלן דאָס קיינמאָל נישט קענען. נישטאָ קיין אַנטרינונג פון יידישע גורלות. יעדער יידישער יחיד מוז זאָרגן פאַרן מאָרגן פון כלל, כדי צו באַזאָרגן דעם מאָרגן פון יחיד. פונקט ווי דער גורל פון כלל יידן, פון יידנטום, איז אָפּהענגיק פון יחידים־יידן, אַזוי איז אויך פאַרקערט: דער גורל פון יחידים יידן איז אָפּ־הענגיק פון גורל פון יידנטום ווי אַ כלל, ווי אַ פאָלק.

# פעלקער און מדינות

די אָפּהענגיקייט פון יחידים־יידן פון זייער יידישן כלל וועט זיך נאָך מער שטאַרקן, ווייל די פאַרטיילונג פון דער מענטשהייט אויף מדינות וועט מוזן ווערן אַלץ שוואַכער און די פאַרטיילונג אויף פעלקער, פאַרקערט, וועט זיך שטאַרקן. די היינטיקע טעכניק און ציוויליזאַציע בכלל האָט שוין ביז איצט אַנולירט דעם זין פון באַזונדערע פאַרזיכיקע מדינות מיט גרעניצן, מיט פאַרזיכיקע עקאָנאָמישע באַלאַנסן, פּראָדוקציעס און האַנדל, מיט אַר־מייען און געווער אָפּצוהיטן די קינסטלעך געשאַפענע מדינות. זיי זענען אַ ירושה פון יענע אַלטע צייטן, ווען די קאָמוניקאַציע איז געווען שווער, ווען אינדוסטריע און האַנדל זענען נישט געווען אַלוועלטלעך, ווען יעדער לאַנד האָט פּראָדוצירט פאַר זיך באַזונדער. פריער אָדער שפּעטער וועלן מדינות זיך מוזן צונויפגיסן אין גרעסערע איינסן, אפשר פרידלעך און אפשר שוין גאָרנישט פרידלעך. עס וועלן זיכער זיין גענוג אויפטרייסלונגען. און אין אַלע צרות זענען יידן, ווי באַקאַנט, די ערשטע קרבנות.

ווי פעלקער וועלן איינאָרדענען זייער געמיינזאַם לעבן אָן מדינות, אין גרעסערע קאָנגלאָמעראַטן, בין איך נישט קיין נביא, אָבער עס איז קלאָר, אַז דאָס פאָלק־באַוווסטזיין וועט מוזן זיך שטאַרקן. יידן וועלן אין פעלקער נאָך מער פרעמד זיין ווי אין מדינות. יידן זענען פאַר אַלעמען אַ באַזונדער פאָלק, צי יידן ווילן עס אָדער נישט; נישט זיי באַשטימען. און אַזאַ פרעמד פאָלק וועלן יידן בלייבן אויף חסד ביי אַנדערע, אָדער שוין גאָרנישט אויף חסד. עס איז נישטאָ קיין לייזונג פון אַ י י ד ן ־ פ ר אַ ג ע, עס איז אַ פראַגע פון י י ד נ ט ו ם , פון גאַנצן פאָלק און אויך פאַר יעדן אינדי־ווידועלן ייד. יעדער ייד בלייבט אין די ראַמען פון זיין יידיש פאָלק און דורך אים אין דער מענטשהייט, אין דער וועלט.

# די יידישע מדינה

די יידישע מדינה וועט נישט קאָנען לייזן די פּראָבלעמען פון יידנטום. הלוואי זאָל דאָס יידנטום לייזן די פּראָבלעמען פון דער מדינה. די מדינה אונדזערע האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען אויף אַ הונדערט יאָר בערך. גאָר אַנדערש וואָלט געווען איר מערכה ווען זי קומט מיט אַ זיבעציק יאָר צו־

ריק, ווען הערצל האָט זי פּלאַנירט. די שווערינקייטן פון דער מדינה זענען נישט בלויז דרויסנדיקע, צוליב די שכנהשע פעלקער, צוליב מערק און אַנדערע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע פאַקטאָרן. זיי זענען מערער אינעווייניקסטע שווערינקייטן; זיי ליגן אין אונדז גופא. ווי שוין געזאָגט, קענען מדינות ביי היינטיקן טאָג נישט פאַרענטפערן די פּראָבלעמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. אָבער אַחוץ דעם זענען די גרעניצן פון דער יידישער מדינה נישט דווקא ביי קילקיליע, ביים מאַנדלבוים־טויער, ביי מטולה און עין גב, נאָר זיי זענען אַ סך מער אין מאָסקווע און אין וואַשינגטאָן און אין פּאַריז און אין לאָנדאָן. און דער כוח פון דער יידישער מדינה איז אויך אַזוי אין ניו־יאָרק, אין בוענאָס־איירעס און אומעטום ווו עס זענען דאָ געטרייע, באַוווסטיזיניקע יידן.

די מדינה נויטיקט זיך טאַקע אין אַ גרויסער עליה, אָבער מען רעדט נישט מער פון קיבוץ־גליות, פון אויסליידיקן די גלותן. עס וואָלט אַפילו געווען נאַריש אויב עס וואָלט געווען מעגלעך: מען פאַרוואַרפט נישט און מען טאָר נישט פאַרוואַרפן קיין גרויסע און פעסטע פּאָזיציעס אין דער וועלט, צווישן פעלקער. קיבוץ־גליות איז געבליבן ווי געווען אַ אידעאַל פאַרן „לעתיד לבא”, ווען עס וועט אפשר מקוים ווערן דער יידישער חלום פון „לתקן עולם במלכות שדי”, ווען די מענטשהייט וועט ווערן געטלעך.

די ווירקלעכע און הייליקע ראָל פון דער מדינה פאַר זיך און פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל ליגט אין עפּעס אַנדערש, וואָס מיר וועלן זען שפּעטער. דאָ שוין מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז דאָס יידישע פאָלק בלייבט אַ גלות־פאָלק, מיט אַלע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע צרות, מיט אַלע סכנות וואָס מען מעג און מען דאַרף פאַרויסזען. די מדינה קען נישט באַפרייען אונדז פון גלות. און עס פאַרשטייט זיך, אַז די קליינע ספּאַראַדישע חלומות פון עפּעס אַ טעריטאָריע קענען מער נישט גילטן, אַפילו נישט ווי חלומות.

די מדינה איז אַ פאַקט און אַ גרויסער פאַקט, און אַ פאַקטאָר אויך ווייטער. נישט איינמאָל וועלן גלותן דאַרפן בעטן הילף ביי דער מדינה, אָבער אויך נישט איינמאָל וועט די מדינה מוזן כסדר אָנקומען נאָך הילף צו די גלותן.

וועלן מיר ריידן וועגן גלותן. אין גלות איז פאַראַן אַ ברכה און אַ קללה. די קללות פון גלות זענען ווייטאָקדיק באַקאַנט. אונדזער גאַנצע געשיכטע איז דאָך רויט פון אונדזער בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן אָן אַן אויפהער. מיר האָבן לויט אונדזער עלטער געדאַרפט פאַרמאָגן עטלעכע הונדערט מיליאָן

יידן אויף דער וועלט, ווען דער גלות וואָלט אונדז נישט געגעסן מיט אַלע זיינע מיילער; דער גלות האָט נישט נאָר אונדז געגעסן פון דרויסן, נאָר ווי אַ פּאַראַזיט אין אונדז האָט ער געווירקט אויף אונדזער גייסט.

עס איז דאָס וואָס אונדזערע עלטערן פלעגן רופן „גלות השכינה"; אונדזער נשמה ווערט פאַרגלותט. מיר פאַרלירן דעם דרך ארץ צו זיך, דעם „אתה בחרתנו"; מיר פאַרלירן די באַציאונג צום אייגענעם פאָלק, און מיר קענען נישט אויסווירקן קיין אַכטונג פון אַנדערע צו אונדז... דער גלות שוואַכט אָפּ די באַהעפטונג פון יחידים אין איין פאָלק און דערמיט ווערט אָפּגעשוואַכט אונדזער אָפּוועהר־כוח קעגן פרעמדע שונאים. דאָס זענען די קללות פון גלות. אָבער דער גלות האָט אויך געהאַט און האָט ברכות און ער קען זיי האָבן נאָך מער. ווען מיר וואָלטן געקאָנט די נשמות באַפרייען פון גלות אין אונדז גופא, וואָלט דער גלות פון גוף געווען אַ סך קלענער און גרינגער. וועלן מיר איבערחזרן די ברכות פון גלות: אַ דאַנק דעם גלות לעבט דאָס יידישע פאָלק ביז היינט. דעם אמת האָט געזאָגט נאָך אַן אַלטע גמרא, אַז גאָט האָט אונדז געטאָן אַ טובה, וואָס ער האָט אונדז צעשאָטן אי־בער פעלקער. מאַכט רש"י: מען זאָל אונדז נישט קאָנען אומברענגען מיט איין מאָל. וועל איך צוגעבן: כדי מיר זאָלן זיך נישט אַסימילירן אַלע מיט איין מאָל. אַדאַנק דעם גלות זענען מיר נישט פאַרשטיינערט געבליבן ווי די שומרונים, אָדער ווי די קליינע רעשטלעך פון די אַמאָל מעכטיקע אשור־רים. אַדאַנק דעם גלות זענען מיר אַן אַלוועלטלעך פאָלק. אַדאַנק דעם גלות „שפּאַנען מיר אין די פאָדערשטע רייען פון דער מענטשהייט", היינט נישט ווייניקער ווי מיט פיר טויזנט יאָר צוריק.

ביי דעם תהומיק־געזאַנג
ס'האָט מיין קיזלשטיין־שטאַם
פון די קוואַלן פון סם
שוין געטרונקען פון לאַנג — — —
איך גיי מיט, מיט מיין העל־ניסטן ליד. (קולבאַק)

די וואָגיקסטע טיילן פון אונדזער אייביקער קולטור שטאַמען פון גלות. אָנגעהויבן זיין געשיכטע האָט דאָס יידישע פאָלק מיט „לך לך", וואַנדער און וואַנדער. איז די פאַרבינדונג מיט דעם אייגן לאַנד דאָך אויך מער אַן עמאָציאָנעל־גייסטיקע, פאַרהייליקטע, איידער אַ וואָכעדיק־רעאַליסטישע. שטאַמט אונדזער אייביקע קולטור ביז היינט מער פון די גלות־לענדער, ווי

פון אונדזער לאַנד. אונדזער גאַנצער גייסטיקער פּרצוף, אונדזער געמיט, די קולטור־און שטייגער שטאַמען פון גלות.

עס דאַרף נישט אָנגענומען ווערן ווי אַ לויב־געזאַנג צום גלות. חס ושלום! נאָר מען דאַרף זען ביידע זייטן, דאָס ליכט און די שאָטנס, די ברכות און די קללות.

אָבער אויך גלותן זענען ביי אונדז געווען פאַרשיידענע. מיר וועלן די גלותן צעטיילן אויף צוויי קאַטעגאָריעס: י י ד ן א י ן ג ל ו ת און י י ד י ש ק י י ט א י ן ג ל ו ת. מיר האָבן געהאַט גלותן, ווו יעדער ייד באַזונדער האָט זיך געפילט פריי און פריינדלעך, אָפן און פריי איז פאַר אים די וועלט! טו וואָס דו ווילסט, לעב ווי דו ווילסט, פריי! אָבער אין אַזוינע פרייע גלותן איז על פּי רוב יידישקייט געווען אין גלות. די אַלטע פאָרמול, וואָס גילט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָן: „פאַר יידן ווי יחידים — אַלע רעכט; פאַר יידן ווי אַ פאָלק — גאָרנישט“.

## צווייערליי גלותן

געווען גלותן, ווו יידן זענען געווען געצוווּנגען צו לעבן באַזונדער, אָפּגעזונדערט פון הויפּט־פאָלק. דאָס גאַנצע לעבן איז געווען געצאַמט, באַגרעניצט. עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, רעכטלעכע און קולטורעלע באַגרעניצונגען, און אָפּגעזונדערט פון הויפּט־פאָלק. שווערע גלותן! ביאַליק גראַמט ערגעץ גלות מיט דלות. און אין די פינצטערע גלותן האָט יידישקייט געבליט און זיך געשטאַרקט. בכן קענען מיר געפינען צווייערליי גלותן: פרייע יחידישע גלותן, ווו יידן לעבן גלייך ווי די מענטשן פון הויפּט־פאָלק, אָן אַ באַזונדערער אָרגאַניזירטקייט פאַר זיך. און גלותן מיט אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע, ווי אַ פאַרזיכיקער קאָלעקטיוו אָפּגעטיילט פון הויפּט־פאָלק. מיר קאָנען זיי אָנרופן גלותן מיט אַ יידישע אויטאָנאָמיע. אָט די גלותן מיט אויטאָנאָמער יידישקייט האָבן געקענט זיין אַרויפגעצוווּנגען פון די הויפּט־פעלקער און זיי האָבן געקאָנט זיין מיט רעכט, אָבער אָן אַ צוואַנג פון דרויסן.

דאַרפן מיר איצט זען וואָסערע גלותן זענען געווען שעפערישער, וועלכע האָבן געלאָזן מער קולטור־ירושה, ווער האָט געשמידט יידישקייט און וועלכע גלותן עס זענען אָפּגעשטאָרבן אָן ירושה, נישט געלאָזט אין יידישן לעבן פון דורות קיין שפורן. די היסטאָרישע קורצע עקסקורסיע איז אונדז

נויטיק כדי דאָ צו זען, וואָס פאַר אַ מין עס איז אונדזער גלות איצט? צו וואָסער קאַטעגאָריע ער געהערט? צי קענען מיר וואַרטן אויף יורשים אין יידישקייט אָדער נישט? צי האָט אין די איצטיקע גלותן דאָס יידישע פאָלק אַ המשך אָדער נישט? צי האָט דאָס יידישע פאָלק אַ מאָרגן אָדער נישט?

## קורצע עקסקורסיע אין געשיכטע

אַ פאָלק זענען מיר געוואָרן אין גלות־מצרים. געקומען איין משפחה, אַרויס, — אַ פאָלק פון אַ גאַנצער רייַ שבטים. דער גלות־מצרים איז געווען מיט אַן אַרויפגעצוווּנגענער אויטאָנאָמיע. אַ געאָגראַפיש אָפּגעזונדערטער ראַיאָן, פאַרשקלאַפט; די מצרים האָבן פיינט געהאַט, נישט געוואָלט זיצן און עסן צוזאַמען מיט יידן. די גמרא זאָגט, אַז אין דעם גלות האָבן יידן איינגע־היט זייער באַזונדער לשון, זייערע באַזונדערע טראַדיציאָנעלע נעמען און זייער שטייגער. דערפאַר זענען די יידן אויסגעלייזט געוואָרן. אויף אונדזער היינטיקן לשון וועלן מיר דאָס זאָגן: זיי האָבן זיך נישט אַסימילירט, גע־בליבן און אַרויס אַ פאָלק פון צווישן אַ פאָלק (גוי מקרב גוי). שפּראַך, שטייגער און נעמען — דאָס זענען די סימנים פון אַ פאַרזיכיק פאָלק. נישט אַסימילירט, אָפּגעטיילט מיט אַן אויטאָנאָמיע אַן אַרויפגעצוווּנגענער. שוין דאָ אין גלות האָט זיך אָנגעהויבן צו פורעמען די יידישע „תורה", די פאַר־זיכיקע קולטור, וואָס האָט אויך צונויפגעשמידט די פאַרשיידענע שבטים אין איין פאָלק. דאָס זאָגט אַ קלוגער מדרש און מיר קענען אין גאַנצן מסכים זיין מיט דער היסטאָריאָסאָפישער מיינונג. די טראַדיציע פאַרבינדט אַלע יום־טובים מיט דעם גלות, זיי זענען „זכר ליציאת מצרים"; די תורה (יידישקייט) איז לויט דער טראַדיציע אַריינגעבראַכט געוואָרן קיין ארץ יש־ראל פון מדבר. דווקא אין אייגענעם לאַנד, אין ארץ ישראל איז לויטן תנ"ך געגאַנגען אַן אַסימילאַציע. אין צפונדיקן שומרון מער ווי אין יהודה. שומ־רון, אָדער מלכות ישראל האָט געהאַט שטאַרקערע און מער קולטורעלע שכנים, ווי יהודה מיט אירע וואַנדער־שכנים. דאָס פאָלק פון מלכות־ישראל האָט נישט אויסגעהאַלטן קיין גלות, גלייך פאַרלאָרן געוואָרן אין אַסימי־לאַציע.

פאַרקערט, יהודה האָט אין די עטלעכע צענדליק יאָר פון גלות־בבל זיך גאָר געשטאַרקט. געקומען קיין בבל אַ שוואַך פאָלק מיט אַ גאַנץ שוואַכן פאָלקישן באַוווסטזיין. דווקא דאָ, אין גלות, וואָס איז געווען פאַרזיכיק, אוי־

טאַנאַם, האָט זיך אָנגעהויבן צו שמידן די גייסטיקע קולטור, דער תנ״ך. דווקא דאָ, אין רייכן בבל, מיט די באַרימטע געביידעס, מיט די הענגענדיקע גערטנער, מיט די מעכטיקע געטער, האָט זיך פאַרפעסטיקט די יידישע נעגאַציע צו אַלע עלעמענטן פון מאַטעריאַליסטישער קולטור און רעליגיע. דאָ האָט זיך אַנטוויקלט די קולטור פון פאַרשרייבן יידישקייט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער קולט פון צונויפזאַמלען זיך צו הערן און צו לערנען! (ספּעציעלע הייזער פאַר דעם, בתי־כנסיות). דאָ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די שבטים־פאַרטיילונג: פאָלק איז איין גאַנצקייט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו שמידן די אייביקע יידישקייט. אַפילו אונדזער אלף־בית שטאַמט דאָך פון דאַנען. אַ קורצע צייט פון עטלעכע צענדליק יאָר, און אַזאַ פּרוכטיקייט! דערציילט עס טאַקע נחמיה אין זיינע מעמואַרן וועגן די שוועריקייטן וואָס ער מיט עזרא הסופר (דעם פאַרשרייבער פון דער תורה) האָבן געהאַט ביים באַקעמפן די אַסימילאַציע, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דעם טייל פון פאָלק, וואָס איז געבליבן אין לאַנד און נישט געגאַנגען אין גלות. דער גלות איז אויך געווען אַן אָפּגעזונדערטער פון הויפּט־פאָלק, מיט אַ קולטור־אויטאָנאָמיע.

אין אַ באַשטימטער מאָס קען מען פאַררעכענען דאָס נייע יהודה, די אויפגעבויטע פון נחמיה און עזרא ווי אַ מין גלות. טאַקע אין דעם אייגענעם לאַנד, אָבער אָפּהענגיק, אונטעריאַכט אונטער אַ פרעמדע מאַכט (פערסיע). אַזוי איז דאָך געווען אויך פוילן אונטערטעניק. אויך אַנדערע לענדער: ביי זיך אין דער היים אונטעריאַכט. דאָס איז ביי אונדז „די תקופה אַן אַ געשיכטע", פון עזרא און נחמיה ביז די חשמונאים.

און דווקא איז די תקופה געווען די פּרוכטיקסטע אין אונדזער גאַנצער געשיכטע. דאָ האָט זיך גאָר גיך פאַרמערט עטנאָגראַפיש דאָס יידישע פאָלק, אָן שבטים, גאַנץ און איינהייטלעך. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן די תלמודישע יידישקייט, וואָס איז אין תוך אַנדערש פון דער תנ״כישער; דאָ איז דאָס פאָלק געוואָרן צווייישפּראַכיק, ביידע — פאַרזיכיקע שאַפונגען, אומאָפּהענגיק פון וואַנען דער וואָרט־מאַטעריאַל שטאַמט. דאָ האָט זיך איינגעשטעלט די גייסטיקע יידישקייט, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון לאַנד, פון מדינה. די תנ״ך־תקופה האָט פון אונדז געמאַכט אַ פאָלק צווישן פעלקער; די תלמוד־תקופה האָט פון אונדז געמאַכט אַ פאָלק  אַ נ ד ע ר ש  פון אַלע פעלקער. דאָ האָט זיך אויסגעשמידט אונדזער אייביקייט.

און מאָדנע: גלייך נאָך אָט דער תקופה איז געקומען אַ קורצע תקופה מיט אָפּהענגיקייט פון דער העלעניסטישער קולטור אין צפון; און ווען נישט דער רעוואָלט פון די חשמונאים וואָלט דאָס יידנטום זיך אין גאַנצן אַסימילירט אין משך פון אַ דרייסיק יאָר! דאָ טרעט ביי אונדז אַרויס דאָס ערשטע מאָל דער אַנטאַגאָניזם צווישן שטאָט און דאָרף. דאָס דאָרף איז געטריי זיינע טראַדיציעס, די שטאָט האָט געגויגט צו אַסימילאַציע. דער פויערים־קלאַס איז נישט פאַרבונדן מיט אַנדערע קולטורן, ער איז פאַרזיכיק, טראַדיציאָנעל. די שטאָט — האַנדל, פאַרקער מיט פעלקער און לענדער, און די נייגונג צו אַסימילאַציע.

אָט דער אַנטאַגאָניזם צווישן שטאָט און דאָרף איז שוין געבליבן אויך ווייטער. די צווייטע תקופה פון בית־שני, די צייט פון דער פאַרזיכיקער מדינה האָט דאָס יידישע פאָלק נישט געשטאַרקט, נאָר אָפּגעשוואַכט דורך די כסדרדיקע מלחמות און אינעווייניקסטע קריגערייען און בלוט־פאַרגיסונגען. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן צו עמיגרירן פון לאַנד, עס האָבן זיך געשאַפן נייע גלותן, אין דער רוימישער אימפּעריע און אין אַלעקסאַנדריע. עס איז טאַקע אַ תקופה מיט אַ „רייכער" געשיכטע, אָבער מיט גאָר אַן אָרעמער פאָלקישקייט.

אָן אַ זייט פון דער געשיכטע איז געגאַנגען ווייטער די אַרבעט פון דער תלמודישער פאָלקס־אינטעליגענץ, פון די פרושים. נאָך ווייטער זענען אַוועק די אַנטוישטע אין דער „געשיכטע" — די איסיים, אַוועק אין גאַנצן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין מדבר. די מלוכה האָט געגרייט דעם חורבן. די אייביקייט האָט זיך געשמידט אָן אַ זייט פון דער מלוכה, דורך די חכמי־התלמוד און בעלי־הלכה. אָט דאָס איז די יידישקייט, וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר קיין חורבנות, זי איז נישט אָפּהענגיק פון מדינות, פון פּאָליטיק.

## אַלעקסאַנדריע

זענען דעמאָלס אַנטשטאַנען ביי יידן עטלעכע פאַרשיידענע גלותן אייניציטיק. די גלותן אין די פאַרשיידענע לענדער פון דער רוימישער אימפּעריע און אין רוים גופא האָבן געלאָזן גאָר ווייניק שפּורן אין דער יידישער געשיכטע. עס קאָנקורירן צווישן זיך דריי גלותן: די אייגענע מדינה אונטער רוימישן יאָך, אַלעקסאַנדריע און בבל. די מדינה ווערט כסדר אויסגע־

מאַטערט, אויסגעהונגערט און פאַראַרעמט דורך די אינעווייניקסטע קריגע־רייען. דער רייכסטער גלות איז אַלעקסאַנדריע, אין מצרים. דאַכט זיך נאָענט, פאַרבונדן מיט דעם היימלאַנד, שיקט אָפּט שטיצע אַהינצו. פריי און רייך און קולטורעל צוזאַמען מיט דער קולטור פון אַלעקסאַנדריע, איבער־נעמענדיק די שפּראַך, גריכיש, אויך די קולטור פון לאַנד. דערפאַר אָבער אָפּגעהיט די רעליגיע, אַפילו אַן אייגענער בית־המקדש, פאַר זיך! ד ע ר גלות האָט עקזיסטירט אַרום אַ זעקס הונדערט יאָר, לענגער ווי עס האָט עקזיסטירט דער צווייטער בית; און דאָך האָט ער נישט געלאָזן קיין ירושה אין יידישן קולטור־לעבן, אין יידישע ספרים אויך נישט. מיר ווייסן נאָר פון דעם וואָס די געשיכטע דערציילט, אָבער דירעקט האָט ער אין משך פון זיין לאַנגן קיום גאָרנישט געשאַפן פאַר דער אייביקייט פון יידישן פאָלק. געווען אַ ישוב, אַ שטאַרקער, מיט אַ נאַציאָנאַלער פיזיאָנאָמיע, מיט באַ־ווּסטזיין, עקזיסטירט אַזוי לאַנג און אויסגעגאַנגען. אַלץ שטאַרבט, אָבער דער אונטערשייד איז צי מען לאָזט יורשים אָדער נישט. אַלעקסאַנדריע האָט נישט געלאָזן קיין ירושה און נישט קיין יורשים. מיט דעם ישוב איז אויך אונטערגעגאַנגען זיין יידישקייט. עס האָט נישט געהאָלפן די רעליגיע, עס האָט נישט געהאָלפן דער הויכער קולטור־ניוואָ און דער סימביאָז פון העלעניזם מיט יידישקייט; עס האָט נישט געהאָלפן דער עקאָנאָמישער הויכער סטאַנדאַרט. מיט דעם ישוב איז אונטערגעגאַנגען זיין יידישקייט. פאַר־וואָס? מיר דוכט זיך, אַז עס איז גערעכט די גמרא: כדי אַ ישוב זאָל לאָזן ירושה און יורשים, דאַרף ער פאַרמאָגן זיין אייגן לשון, נישט דאָס לשון פון הויפּט־פאָלק. ער דאַרף האָבן זיין שטייגער און זיינע נעמען. דער פריער דערמאָנטער סימביאָז פון העלעניזם מיט יידישקייט האָט געבראַכט דעם אונטערגאַנג פון יידישקייט.

## יידישקייט פון בבל

פונקט דאָס פאַרקערטע איז געווען אין דעם גלות בבל. אַ מאָדנע פאַרבינדונג פון דעם לאַנד מיט אונדזער פאָלק: דאָרט האָט זיך אָנגע־הויבן די יידישע געשיכטע, פון דאָרטן קומט אונדזער אור־פאָטער אַברהם. דאָרטן האָט זיך אין גלות אָנגעהויבן אויסצופורעמען די צווייטע תקופה פון אונדזער געשיכטע — דער בית שני. נישט די יידן, נישט דער יידי־שער ישוב, וואָס איז געבליבן אין לאַנד האָט צוגעגרייט דעם צווייטן בית,

נאָר דער גלות־בבל, דווקא ער! דווקא האָט ד ע ר גלות געבויט און אויפגעבויט די גאולה! אָבער אויך נאָכן אויפקומען פון דער גאולה, איז דער גלות־בבל נישט פאַרלאָזט געוואָרן,נישט אָפּגעמעקט געוואָרן. עס איז גע־בליבן אַ ישוב פון יידן אין בבל. שטילערהייט פאַר זיך, אָן דער גדולה פון דער אייגענער מלוכה און בית שני און אָן דער גאווה פון גלות־אַלעק־סאַנדריע, וואָס האָט גאָר צו זיך נישט געוואָלט אָנווענדן דעם נאָמען גלות. האָט דער יידישער שטילער ישוב אין בבל זיך געשטאַרקט און געפּעס־טיקט די זעלביקע יידישקייט וואָס די מדינה.

שווער צו זאָגן ווער עס האָט זיך געלערנט ביי וועמען. לויט דער גמרא האָט די מדינה זיך געלערנט פון גלות. אין דער אייגענער מלוכה איז יידישקייט כסדר פאַרגעסן געוואָרן, און אַלע מאָל, האָט מען זי פון בבל צוריק באַנייט. (סוכה כ״א; רש״י זאָגט דאָרטן, אַז פון גלות יכוניה אָן איז אין בבל געווען אַ ישיבה צו לערנען). און ווען די אייגענע מלוכה האָט זיך ווידער גענומען פאַרוויקלען אין מלחמות און מהומות, און צרות, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע עמיגראַציע פון ארץ ישראל און אין בבל האָבן זיי געפונען אָן אמת יידישע אָרגאַניזירטע היים, אָן די פּאָליטישע און מילי־טערישע צרות. די עמיגראַציע פון ארץ ישראל איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, די קאָלאָניעס אין די גלותן האָבן זיך פאַרמערט: מצרים, רוים, ערטער אין קליין־אַזיע און אין איראָפּע. אָבער די העגעמאָניע פון יידישקייט איז אַרי־בער קיין בבל. האָט זיך אין בבל געשמידט יידישקייט אין אַ משך פון צייט אַ סך לענגער, ווי אין ארץ ישראל פאַר די ביידע בית־המקדשן צוזאַמען. ארץ ישראל איז געבליבן ביי איר קדושה, אָבער די העגעמאָניע אין לע־בעדיקער יידישקייט איז אַריבער קיין בבל. אויך דאָ זענען געווען דראַ־מאַטישע ראַנגלעניש, אָבער אונדזער גורל — די אייביקע יידישקייט איז געוואַקסן נישט אין אַלע גלותן, נאָר אין איינעם, דווקא אין בבל.

פאַר אונדז — די זאָרגער פאַר אַ יידישן מאָרגן — איז זייער וויכטיק צו וויסן, מיט וואָס האָט זיך דער גלות אויסגעצייכנט פון צווישן אַלע אַנ־דערע יידישע ישובים? פאַרוואָס איז דאָ יידישקייט געוואַקסן אַ ריינע, אָן „סימביאָזן" מיט אַנדערע קולטורן, און די סימביאָזן האָבן זיך אַלע מאָל אַרויסגעוויזן ווי פּאַראַזיטן, וואָס האָבן יידישקייט דערשטיקט. פאַרוואָס? מיט וואָס איז דאָס לעבן אין ד ע ם גלות געווען אַנדערש פון דעם לעבן אין אַנדערע גלותן?

אויף דעם סמך פון אַריינטראַכטן זיך אין אַלע אונדזערע גלותן, וואָס מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל, איז נישט שווער צו קומען צו אַט וואָס פאַר אַן אויספיר: אין בבל האָבן די יידן געלעבט טעריטאָריאַל אין גרויסע מאַסן, כמעט ווי אָפּגעזונדערט פון דער אַנדערער באַפעלקערונג. נהרדעא און פומפדיתא און סורא זענען געווען אין יידישע געגנטן. ווירטשאַפטלעך האָבן אויך די יידן געהאַט פאַר זיך אַלע פּראָפעסיעס; סאָציאַל און יורידיש זע־נען זיי געווען פאַר זיך, אָרגאַניזירט באַזונדער. זענען זיי שפּראַכלעך און קולטורעל אויך געווען אָפּגעזונדערט פון דער אַנדערער באַפעלקערונג. עס איז געווען אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע. עס קען אויסקומען ווי אַ מעלה וואָס די יידן האָבן אין בבל נישט געהאַט קיין אייגענע רעגירונג, קיין אַרמיי און נישט קיין מלחמות. אין דעם זין דערמאָנט דער גלות בבל כמעט אינגאַנצן די פּערסישע תקופה פון בית־שני אין ארץ ישראל.

סימנים פון אַט דעם שעפערישן גלות זענען געווען:

1. — געדיכטע, קאָנצענטרירטע יידישע ישובים;
2. — עקאָנאָמישע פאַרזיכיקייט;
3. — סאָציאַלע, יורידישע און קולטורעלע אויטאָנאָמיע;
4. — פאַרזיכיקע, באַזונדערע שפּראַך; און איבערהויפּט — פאַר־זיכיקער, באַזונדערער שטייגער פון טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס איז פאַר־הייליקט געוואָרן ווי באַשטימט פון גאָט.

## ספרד און אַשכנז

ווען בבל איז סוף כל סוף אונטערגעגאַנגען, האָט ער געלאָזן צוויי יור־שים: ספרד און אַשכנז. אין ספרד איז געווען אַ פּראַקטיקער סימביאָז פון קולטור, פון צוויי שפּראַכן; עס איז געווען די „גאָלדענע תקופה". אין אַשכנז — די בלוטיקע תקופה. אַזוי אין משך פון יאָרהונדערטער. ביידע האָבן אויסגעהאָדעוועט יורשים. ספרד איז באַלד נאָכן גלות אַראָפּ אין אַ טיפער ירידה; קיינער פון אירע יורשים, אין די נייע לענדער, האָט נישט אַנט־וויקלט קיין נייע קולטור. נישט אין אַזיע און נישט אין אייראָפּע. די רייכע אוצרות פון דער גאָלדענער תקופה זענען געבליבן ליגן אין ביבליאָטעקן אָדער אַרכיוון. די אַשכנזים האָבן זיי אויפגעדעקט. אַשכנז האָט קיינמאָל נישט געהאַט „דאָס גליק" צו זיין פריי, רואיק. האָט דווקא אשכנז אויסגע־

האָדוועט קינדער־ישובים, וואָס האָבן איר ירושה אַנטוויקלט ווייטער און ברייטער.

פאַרוואָס ? פאַרוואָס איז דער „גוטער" גלות געווען „שלעכט", אָן יור־שים ? און פאַרקערט ? דאָס איז דערפאַר ווייל ספרד האָט געלעבט אין אַ סימביאָז פון קולטורן, נישט געווען דאָרטן קיין באַזונדערע געדיכטע ישובים, נישט געווען קיין אָפּגעזונדערטע אויטאָנאָמיע און נישט קיין פאַר־זיכיקע שפּראַך, נישט קענטיק אויך קיין שטייגער באַזונדער. דער גרויסער ספרדישער בעל־הלכה, דער רמב"ם, איז דאָך געקומען צו דעם ערשט אין גלות, נישט אין קלאַסישן ספרד. אַזוי מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּע־טער — אויך ר' יוסף קארו.

ספרד איז געווען אַ גלות פון אַלעקסאַנדריער טיפּ, אַשכנז פון בבל־טיפּ. דער אונטערשייד צווישן בבל און אַשכנז איז די בלוטדורשטיקייט פון דער קריסטלעכער וועלט. אָבער אַשכנז האָט אַריבערגעטראָגן אויך אָט דעם ביטערסטן גלות און אויסגעהאָדעוועט יורשים — בויער און שאַפער, וואָס האָבן אויך די ירושה פון ספרד געירשנט.

און אַזוי אויך אין דער גאָר נייעסטער תקופה, נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ווידער אַמאָל צווייערליי גלותן — מערב־און מזרח־אייראָפּע. מערב־אייראָפּעאישע יידישע ישובים האָבן איבערגעחזרט אַלעקסאַנדריע של מצרים. זיי לעבן נאָך, אָבער אָן קיין שום שעפערישן אינהאַלט און אויפטו, אָן יורשים. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן ווי אַ פאָלק, אַלץ שטאַמט פון מזרח־אייראָפּע. גאָרנישט פון מערב־אייראָפּע, סיידן אפשר יחידים וואָס זע־נען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון יידישקייט אין מזרח. קיינער פון אַלע גלותן קען זיך, דאַכט זיך, נישט פאַרגלייכן צו דעם מזרח־אייראָפּע־אישן לויט זיין פרוכטיקייט,לויט זיין שעפערישקייט, און לויט זיין מעכ־סיקן כוח פון אויסדויער. פאַרוואָס אַזאַ גרויסער אונטערשייד ?

## מזרח־אייראָפּע

מזרח־אייראָפּע איז געווען אַ גראַנדיעזער געאָגראַפישער שטח, לענדע־רייען פון באַלטיק ביזן שוואַרצן ים, פון דניעפּר אין מזרח ביז דעם טייך ־אָדער אין מערב. דער גאַנצער שטח האָט געהאַט אַ געדיכטע יידישע באַ־פעלקערונג, איבערהויפּט אין די שטעט און שטעטלעך, ווו יידן האָבן אָפט געבילדעט די אַבסאָלוטע מערהייט. עקאָנאָמיש זענען יידן אין דעם שטח

געווען אַ קלאַס פאַר זיך. דאָ האָבן יידן געלעבט אָפּגעזונדערט פון די הער־שערישע פעלקער, וואָס האָבן געפלאַנצט זייער קולטור; איבערהויפּט רוסן און דייטשן. דערוויטערט פון די פעלקער, אָבער נישט פון זייער קולטור. דאָס לעבן סאָציאַל, יורידיש, קולטורעל איז ביי יידן געווען אויטאָנאָם פאַר זיך. פאַרזיכיק איז אויך געווען די גאַנצע דערציאונג. קיין שום קולטור־סימביאָז איז נישט געווען. יידן האָבן זיך אָנגענומען מיט דער קולטור פון די צוויי הערשערישע פעלקער, אָבער יידן האָבן דאָס געמוזט אַסימילירן אין זייער יידישקייט, ווייל אַריינלעבן זיך אין דעם לעבן פון יענע צוויי פעלקער האָבן זיי גאָרנישט געקאָנט, מחמת די טעריטאָריאַלע און יורידי־שע גרעניצן. מזרח־אייראָפּע האָט געלעבט מיט דער פאַרזיכיקער שפּראַך און מיט דעם אייגענעם שטייגער, וואָס די טעאָריע זיינע איז געווען די „הלכה".

אַזוי איז געגאַנגען דאָס יידישע לעבן צווישן דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה: מזרח און מערב אין אייראָפּע. דאָס יידנטום אין מערב, נאָך דער עמאַנציפּאַציע, האָט זיך ביאָלאָגיש איינ־געשרומפּן, נישט פאַרגרעסערט, נאָר פאַרקלענערט אין צאָלן. פאַרקערט, מזרח־אייראָפּע האָט זיך אין צאָלן פאַרפירפאַכט אויב נישט נאָך מער. אַלע נייע ישובים אין דער גאָרער וועלט זענען אייגנטלעך קינדער פון יידישן מזרח־אייראָפּע; גאָר די קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט — אַלץ פון דעם זעלביקן מקור. די יידישע מדינה איז אויסגעהלומט, אויסגעווייטאָגט, אויסגעבויט געוואָרן ווידער אַמאָל דורך מזרח־אייראָפּע. יחידים פון מערב זענען מיטגעריסן געוואָרן. דר. הערצל (אויך אַ וווייטער אָפּשטאַמיקער פון מזרח־אייראָפּע) איז נאָר געווען די פאָן, וואָס מען טראָגט פאָרויס.

דער אונטערשייד צווישן בבל און מזרח־אייראָפּע איז געווען דאָס, וואָס דאָ איז די יידישע אויטאָנאָמיע געווען אַרויפגעצוווּנגען מיט גוואַלד. אויך דער שטח איז געווען נישט אין פאַרגלייך גרעסער. בכלל קען מען דאָך נישט פאַרגלייכן די וועלט פון ניינצנטן י"ה מיט דער וועלט פון ניינטן. אָבער די פּרינציפּן זענען די זעלביקע. צוויי טיפּן גלות: שעפערישע, פּרוכ־טיקע, אין פּראָצעס פון שטייגן און וואַקסן, און גלותן פאַסילע אין פּראָצעס פון אונטערגאַנג; אַלעקסאַנדריע און בבל ווי טיפּן.

דאָס איז די תורה פון אונדזערע גלותן.

# אַ קוק פאַרויס

אָבער די תקופה איז שוין אויך אַוועק. נישטאָ מער די „תלמודיש־שטעטלשע תקופה" פון מזרח־אייראָפּע. נישטאָ מער אינגאַנצן יידיש מזרח־אייראָפּע. די גאַנצע וועלט איז אַריין אין אַ נייער תקופה פון א ו ר ב אַ ־ נ י ז ם . נישטאָ מער קיין פויערים־קלאַס, נישטאָ בכלל קיין „דאָרף". אַלץ איז אורבאַניזירט, אינדוסטריאַליזירט, מעכאַניזירט, אַלץ ווערט אויטאָמאַ־טיזירט. מרחקים ווערן נאָענט, די ערד ווערט קליין, אויסגעמישט לענדער און פעלקער. די גאַנצע מענטשהייט איז אַריין אין גאָר אַ נייער תקופה, די תקופה פון אַטאָמישער ענערגיע און קאָסמישע פאַרבינדונגען. קיינער קען נישט פאָרויסזען איצט ווי די מענטשהייט וועט אויסזען אין אַ הונדערט יאָר אַרום, אויב זי וועט זיך אַליין נישט אומברענגען מיט די כוחות, וואָס זי האָט אַנטדעקט. אָבער ווי איז צו די וואָס טראַכטן נישט וועגן דעם מ ע ג ל ע כ ן  מאָרגן! ווי איז צו די וואָס פּרובירן נישט פּלאַנירן זייער מאָרגן. און דאָס ווילן מיר טאָן, איטלעכער לויט זיינע מעגלעכקייטן און פאַרמעסטן.

בכן, מדינות באַזונדער זענען איצט אַן אָפּגעפּרעגטער ענין, אַפילו די גרויסע קענען זיך נישט האַלטן אַליין און באַמיען זיך צו שאַפן פאַרבאַנדן פון מדינות. פעלקער אָבער בלייבן און וועלן בלייבן, ווייל פאָלק איז אַ זאַך אַ נאַטירלעכע, נישט אויסגעטראַכט פון מענטשן. פאַרקערט, עס מערן זיך איצט מדינות לויט פעלקער. די מדינות וועלן זיך אפשר אויך נישט לאַנג האַלטן באַזונדער, ביז זיי וועלן זיך צונויפנעמען אין גרעסערע קאָנגלאָמע־ראַטן. דערווייל אָבער מערן זיך מאָנאָנאַציאָנאַלע מדינות. דאָס פאָלק־באַ־וווסטזיין האַלט זיך אין שטאַרקן. פאַרקערט, פאָטערלאַנד־לידער, פאַטריאָ־טיזם, וואָס פלעגט באַזונגען ווערן ווי אַ הייליקייט, ווערט אָפּגעשוואַכט, טעריטאָריאַלע מינדערהייטן ווערן מדינות, פאַרזיכיק אָדער אויטאָנאָם. מיר יידן בלייבן א קלאַסישע מינדערהייט אָן טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע, מחוץ פון אונדזער מדינה.

ווי עס איז שוין געווען געזאָגט, קען נישט די מדינה אַנולירן די גלותן. און אויב יידן פון די „גוטע" גלותן וועלן זיך, חלילה, דאַרפן ראַטעווען אין דער מדינה אַריין, וועט שוין די מדינה זיי אויך נישט קענען ראַטעווען. אַלע גלותן גייען אין די וועגן פון דעם אַלעקסאַנדריע־טיפּ. און נאָך מערער נאָך שטאַרקער: נישט בלויז קולטור־סימביאָז, נאָר עקאָנאָמיש, קולטורעל,

גייסטיק און שפּראַכלעך אויסגעמישט. עס דראָט בכן אַ פולער אומקום פון יידישן פאָלק אין די גלותן. די פּאָליאַטיווע מיטלען, וואָס ווערן אָנגענומען ווי די העברעאישע שולן, עברית־לשון, סינאַגאָגעס, בלייבן אַלע פּאַליאַטיוו־מיטלען ווי כינין קעגן קדחת. עס איז אַ רפואה וואָס קען אפשר אויסהיילן אָבער נישט באַשיצן פון דער קראַנקהייט בכלל.

אין דער זעלביקער צייט בלייבט דער כלל,אַז יידישע מאַסן, געדיכטע מאַסן אין אורבאַנישע קאָנצענטראַציעס, ווערן נישט אַסימילירט, זיי בלייבן אין סוספּענסיע. ביי דעם פאַרשטאַרקטן פּאָלקישן באַוווסטזיין פון פעלקער אַרום, ווערט די סוספּענסיע אַלץ שווערער פאַר יידן. פּשוט געררעדט, וועלן פעלקער אַלץ אומוויליקער ווערן צו דולדן יידן ווי אַ פרעמדן קערפּער אין זייער מאָנאָנאַציאָנאַלן לעבן, אין זייער מאָנאָקולטורעלן שטייגער. באַקומט זיך פאַר יידן אַן אוממעגלעכע סיטואַציע: גלותן בלייבן ווי אויך באַדינ־גונגען פאַר סימביאָטישער אַסימילאַציע און פאַרשטאַרקטער קעגנערשאַפט מצד די שכנים־אַסימילירער. נישט פאַר זיך און נישט סוספּענדירט. די קעגנערשאַפט צו יידן וועט זיכער ווערן אַלץ שטאַרקער, צוליב דעם פאַר־שטאַרקטן פּאָלקישן באַוווסטזיין; אַנטיסעמיטיזם לאָזט זיך בכלל נישט אויסהיילן, עס איז נישט קיין קראַנקייט נאָר אַן אייגנשאַפט פון אייביק אָן. די אַנטיסעמיטישע אַקטיוויטעטן קעגן אונדז וועלן כסדר ווערן ברוטאַלער, אָן שום מאָראַלישע איינהאַלטערס. הייניטיקע מענטשהייט האָט בכלל נישט קיין מאָראַלישע אָפּהאַלטערס; די הייניטיקע יוגנט, די מאָרגנדיקע מענטש־הייט, לאָזט נאָך ווייניקער וואָרטן אויף מאָראַל.

## קיין אילוזיעס מער!

איז אונדזער צוקונפט אָט אַזוי: מדינה, וואָס וועט אָן די גלותן זיך נישט קענען האַלטן אין אַ ים פון ברויזנדיקער שנאה, אין אַ וועלט פון מזרח קעגן מערב און פאַרקערט; און גלותן, וואָס נישט פאַר זיך און נישט סוס־פּענסיע. אַלע ברוטאַליטעטן זענען מעגלעך, די בלוטדורשטיקע דראַנגען קענען נאָך צוטראַכטן „פאַרבעסערונגען" און פאַרשטאַרקונגען... אַלץ איז מעגלעך, אין אַ וועלט־מאַסשטאַב. קיין אילוזיעס נישט מער! שוין היינט איז ביי יידן אָפּגעטעמפּט דאָס פּאָלקישע געפיל, יידן פילן נישט, יידן ווילן נישט וויסן די אַלגעמיינע לאַגע פון יידנטום און יידישקייט. שוין איצט איז די צאָל יידן מיט אַ כלל־געפיל גאָר קליין לגבי דער צאָל באַזונדערע יידן־

יחידים. דאָס יידישע פאָלק ווערט צעשאָטן, ווי אַ פעסטער שטיין, וואָס צע־שיט זיך אויף באַזונדערע זעמדעלעך. שוין איצט רופן שנאָה־אַקטן קעגן יידן נישט אַרויס קיין אָפּהילך ביי יידן. יידן, יונגע יידן, רופן זיך אָפּ אויף אַלע ווייען און ווונדן פון דער געזעלשאַפט; יידן קעמפן פאַר אַלע אונטער־דריקטע, פאַר אַלע, אַחוץ פאַר יידן און פאַר יידישע נויטן, קעגן ברוטאַלי־טעטן קעגן יידן. דאָס זעט נישט די יידישע יוגנט, דאָס פילט זי נישט. דאָס אַרט איר נישט. יעדער ייד טראַכט נאָר פאַר זיך, פאַר זיינע קינדער; אָבער פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק — זאָל גאָט זיך זאָרגן...

די צרה איז אָבער, וואָס די צרות גיסן זיך אויס נישט אויף עפּעס אַן אַבסטראַקטן יידישן פאָלק, נאָר אויף אַלע יידן באַזונדער, יעדער ייד ליידט יידישע צרות, נישטאָ קיין אַנטרינונג פון יידישע צרות. פון יידישקייט קען מען יאָ אַנטלויפן, פון יידנטום קען מען פאַרגעסן, אָבער אַז עס קומט צו יידישע צרות, געפינט מען אויך די אַנטלאָפענע. דאָס איז די לאַגע וואָס דערוואַרט יידן אין דער אורבאַנישער תקופה איצט. נישט אַהער און נישט צוריק; עס איז, דאַכט זיך, אַן אונמעגלעכע סיטואַציע, אַ קוואַדראַטור פון אַ קרייז. דערשרעקן זיך קליינמוטיקע יידן און מען טראַכט גאָרנישט. נישקשה! יידן לעבן מיט נסים...

און „מען דאַרף נישט זיין קיין פעמימיסטן"... דאָס איז דער אָפּטי־מיזם מחמת פוילקייט צו טראַכטן, מחמת אַנטלויפן פון געדאַנקען כל זמן עס איז נאָך מעגלעך. דאָס איז דער אָפּטימיזם מחמת שוידערלעכן פע־סימיזם און האָפענונגסלאָזיקייט. דאָס איז די חכמה פון יענעם כעלעמער מלמד, וואָס באַהאַלט דעם קאָפּ אונטערן קישן און שרייט צום קאָזאַק, וואָס שלאָגט אים: „גאָספּאָדין קאָזאַק! איך בין נישטאָ!"... און דער קאָזאַק, וואָס האָט נישט געלערנט די סוגיא וועגן הפקר, שלאָגט און שלאָגט...

## אַן אַנדער טיפּ פון גלות

מיר זענען אייביק אין גלות. אונדזער פאַרזיכיקייט איז עפּיזאָדיש, און גלות־פּערמאַנענט. אָבער יעדע תקופה אין דער מענטשהייט האָט אַן אַנדער פאָרעם פון גלות. מיר האָבן ביז איצט אַנגעמערקט צוויי טיפּן פון גלות: דעם בבל־טיפּ און דעם אַלעקסאַנדריע־טיפּ. איטלעכער פון די צוויי האָט זיך ווידער געביטן לויט די אַרומיקע סיטואַציעס. דער אַלעקסאַנדריע־טיפּ האָט באַנקראָטירט צווייפאַכיק. מצד יידישקייט האָט ער אַלע מאָל געבראַכט

אומקום. מצד די הערשערישע פעלקער האָט ער זיך אַלע מאָל אויסגעלאָזן מיט רציחה און בלוט.

דער בבל־טיפּ פון גלות איז איצט ווידער אוממעגלעך, ווייל נישטאָ קיין אָפּגעזונדערטע יידישע ישובים, נישטאָ קיין אָפּגעזונדערטע יידישע ווירטשאַפטן, נישטאָ קיין פולע קולטור־אויטאָנאָמיע. עס איז אויך אויסגעשלאָסן צו טראַכטן וועגן אַן אַלגעמיינעם אַרויסגאַנג פון אַלע גלותן. דאָס וואָלט זיכער געבראַכט צו אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע אומעטום. דאַרן געזוכט ווערן אַ נייע פאָרעם פון גלות. און מען קען פאָרויסזען ווייטע, פאַרנעפּלטע קאָנטורן פון אַזאַ מין טיפּ.

בכלל גייט די מענטשהייט איצט פאָרויס אין צוויי ריכטונגען. עקאָנאָמיש, פּראָדוקטיוו גייט די וועלט צו אַ געמיש פון לענדער און פעלקער. „איין וועלט“ איז דער לאָזונג פון דער ריכטונג. פון דער צווייטער זייט שטרעבן איצט פעלקער דווקא צו אַ קולטורעלער פאַרזיכיקייט און אַפילו אָפּגעזונדערטקייט. און עס איז אויך פאַרשטענדלעך: געוועזן צייטן ווען די פעלקער זענען געווען אַזוי ווייט פון אנאנד, אַז אַפילו נישט ווילנדיק האָבן זיי זיך אויסגעלעבט און געשאַפן באַזונדער. איצט אָבער, ווען די וועלט איז טעכנאָלאָגיש איינס, ווילן פעלקער איינהיטן זייער קולטורעלע פאַרזיכיקייט מיט אָנשטרענגונג פון ווילן און וויסן. באַקומט זיך אין דער היינטיקער וועלט אַזאַ נייע פאָרעם פון צוזאַמענלעבן: *אַרבעטן צוזאַמען און אויסלעבן זיך באַזונדער.* דאָס איז אויך מעגלעך געוואָרן אַדאַנק דער פאַרקלענערונג פון דער אַרבעט־צייט. עס איז דאָך איצט אַ סך מער צייט אָפּגעגעבן אויף רו און פאַרווײלונג. די צייט פון אַרבעט ווערט אַלץ קלענער און קלענער. דער פּרינציפּ פון אַרבעטן צוזאַמען און אויסלעבן זיך באַזונדער ווערט שוין אָנגעווענדט אין פאַרשיידענע ערטער צו ביסלעך. פאַר יידן אין אַמעריקאַנער שטעט וואָלט עס שוין לאַנג געווען מעגלעך איינצושטעלן, אָבער יידן אַליין ווילן עס גאָרנישט. אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט לעבן סיוּוי יידן אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, אין הייזער צווישן יידן. אָבער זיי אַליין ווילן עס גאָרנישט. מען לעבט צווישן יידן אויף אַ נישט־יידישן שטייגער. דאָס איז נישט צוליב אָביעקטיווע סיבות, דאָס איז אַ תולדה פון דער יידישער נייגונג צו אַסימילאַציע. אָבער מיט דער צייט ווערט דער פּרינציפּ אָנגעווענדט אויך אין דער נישט־יידישער געזעלשאַפט, און עס וועט זיין אַ מין צוואַנג פון דרויסן. עס וועט זיין נישט נאָר אַ מוסטער פון אַנדערע, עס וועט אויך זיין אַ בויט־

ווענדיקייט, ווייל צווישן יידן, אין יידישע ראַיאָנען, וועט דעם ייד זיין באַ־קוועמער און זיכערער...

דער פּרינציפּ שטימט נישט מיט דער פּסיכיק פון יידן אין אַמעריקע, וואָס זענען דערוויילגיריק, פאַרקערט, זיך צו אַסימילירן, זיך אויס־צוויידישן אַפילו אונטער אַ מאַנטל פון היפּער־נאַציאָנאַליזם. עס וועט מוזן נעמען אַ סך צייט, עס וועלן אָפּפאַלן גרויסע סכומים יידן איידער דער באַוווסטזיין וועט אַריינדרינגען ביי יידן. אָבער עס שטאַרקן זיך פּאַמעלעך די „פאַקטאָרן וואָס מוזן פירן צו דעם פּרינציפּ, צו דעם נייעם טיפּ גלות. די דרויסנדיקע פאַקטאָרן זענען דער מוסטער פון אַנדערע פאָלקישע גרופּעס און דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האַלט אין שטאַרקן זיך. יידן וועלן זיין געצווונגען זיך אויסצולערנען, אַז זיי איז נישט געלונגען און עס קען נישט געלינגען אויסצוהיילן די פּעלקער פון דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז, ווי שוין געזאָגט נישט קיין קראַנקייט, וואָס לאָזט זיך אויסהיילן, נאָר עס איז אַן אָרגאַנישער שטריך אין כאַראַקטער פון די פּעלקער, אַ שטריך וואָס האַלט זיך זינט יידן לעבן צווישן פּעלקער. נאָך אין תלמודישע צייטן איז עס געווען אַן אַלטע, באַקאַנטע זאַך, און עס איז טיף איינגעוואָרצלט אין טראַ־דיציעס און גלויבונגען. וועט מען זיך מיט דער צייט מוזן צוריקקערן צו זיך: ווערן אַליין אימון צום אַנטיסעמיטיזם, קענען זיך אָפּווערן, באַשיצן קעגן אים. עס איז אויך אַ לאַנגער פּראָצעס. פּסיכישע שטריכן ענדערן זיך נישט אַזוי גיך. אָבער עס וועט מוזן קומען, ווייל קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ.

## די מדינה וועט פון איר זייט ווירקן ווי אַ מוסטער

די מדינה וועט ווירקן ווי אַביישפּיל צו פאַרשטאַרקן דעם באַוווסטזיין, דעם פאָלקישן געפיל. אויך צו דעם איז נאָך ווייט, ווייל דערווייל גייט נאָך די מדינה אַליין נישט אויף דעם ריכטיקן וועג פון פאָלקישער געטרייקייט. די מדינה איז נאָך ווייט נישט באַפרייט פון דעם אַנטיפאָלקישן „שלילת הגלות־פּרינציפּ", וואָס רייסט אָפּ די דורות פון פאָלק און פון פאָלקישקייט. עס זענען אָבער פאַראַן סימנים (דערווייל בלויז סימנים!), אַז די מדינה באַפרייט זיך פון דעם, אַז זי נייגט זיך צו תשובה. און וואָס גיכער דאָס וועט דערפילט ווערן, אַלץ געזינטער פאַר דער מדינה און פאַר די גלותן. די מדינה אונדזערע ליידט פון אַן אַלטן דעפעקט ביי אונדז: דאָס איז די אָפּ־שטויס־נייגונג צווישן אַנאַנד, וואָס די גמרא רופט ריכטיק אַן „שנאת חינם",

און וואָס זי האָט געבראַכט דעם חורבן לויט דער זעלביקער גמרא. אויך איצט איז דער אַנטאַגאָניזם אין דער מדינה זייער גרויס און גרויס זענען די סכנות וואָס ער טראָגט מיט זיך.

מען דאַרף אָבער האָפן, אַז די מדינה וועט זיך אויסהיילן פון אָט דער קראַנקייט. דאָס וועט געשען ווען זי וועט ווערן אין איר קולטור־פּאָליטיק פ אָ ל ק י ש. דאָס האָבן דאָך נאָר יידן אויסגעטראַכט אַזאַ מאָדנע טעאָריע פון אַ נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אַנטיפאָלקיש, אַזאַ מין שוואַרצע ווייסקייט, אַ ביטערע זיסקייט און אַזאַ פינצטערע ליכטיקייט. די מדינה וועט אָבער אויך פון דער זינלאָזיקייט זיך באַפרייען. ערשט דעמאָלט וועט די מדינה אויסווירקן אַ געזונטע השפּעה אויך אויף די גלותן, ערשט דערמאָלט וועט זי ווירקן מיר זאָלן בכלל ווערן צוריק אַ „גוי אחד בארץ”, איין גאַנץ און איינהייטלעך פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, און נישט זי אַליין — די מדינה, זאָל ווערן נאָך איין אָפּגעזונדערטער שבט צו די פיל לאַנדשבטים פון צעשאָטענעם יידישן פאָלק. זאָל דאָ פאַרבייגייענדיק געזאָגט ווערן, אַז אָט דער זעלביקער מאָדנער „אַנטי־פאָלקישער נאַציאָנאַליזם” איז געווען די הויפּט־סיבה פאַרוואָס די פריערדיקע אַלע משיחישע באַוועגונגען זענען געוואָרן פאַלשע. זיי האָבן נישט דערגרייכט זייער גרעסערן ציל — אַרויסציען די יידן פון די גלותן ביי פרעמדע פעלקער, אָבער זיי האָבן יאָ דערגרייכט די גרינגערע צילן: אַרויסצורייסן די יידן פון זייערע טראַדיציעס און פון זייער קולטור.

דער אַנטיפאָלקישער נאַציאָנאַליזם דריקט זיך אויס אין נעגירן די קולטור פון דעם יידישן נעכטן. יעדער פאָלק איז אַ פאָלק נאָר אַדאַנק זיין נעכטן. פאָלק איז דאָך איבערהויפּט אַ קולטור־געמיינשאַפט. און קולטור מיינט דעם סכום טראַדיציעס פון פירונגען און אידעען, שטייגער און קאָלעקטיווער אויפפיר. דאָס איז דער פאָלקישער נעכטן. נעגירט מען דעם נעכטן, נעגירט מען דאָס פאָלק. נאָר דער געמיינזאַמער נעכטן שמידט אויס אַ געמיינזאַמען מאָרגן, נאָר דער נעכטן בויט און האַלט אויף דאָס פאָלק.

אָבער די יידישע פאַרגאַנגענהייט איז אַזוי לאַנג, אַז מיר האָבן אַ סך נעכטנס, אַ נעכטן און אַן אייערנעכטן, אַ סך אייערנעכטנס. מיר זענען געגליכן צו אַ בוים מיט אַ סך צווייגן, אַלטע און עלטערע און יונגע. דאָס לעבן פון בוים איז דווקא אין די יינגסטע, אין די פרישע צווייגן, אין די צאַרטע, דינע צווייגעלעך. די אַלטע צווייגן זענען שוין פאַרהאָלצט, נישטאָ אין זיי קיין זאַפטן, קיין לעבן. דאָס פאָלקישע אין יעדן פאָלק איז נאָר אין זיין לע־

בעדיקן נעכטן, נישט אין די שוין פֿאַרהאַלצטע, פֿאָסילע אייערנעכטנס. וואָס פֿריער אונדזער מדינה וועט זיך ראַטעווען פֿון דעם אַנטיפּאָלקישן נאַציאָנאַליזם, אַלץ שטאַרקער וועט זי ווערן און אַלץ געזינטער וועט זיין איר השפּעה, אויף די גלותן.

## חלוצים פֿאַר יידישקייט

יעדע באַוועגונג, יעדע געזונטע באַוועגונג אין אַ פֿאָלק דאַרף האָבן די אָנהייבערס, די נחשונס, וואָס שפּרינגען די ערשטע אין ים. דאָס איז דער גאַנצער זין פֿון אַלע אידעאַלן. דאָס דאַרפֿן זיי ברענגען דעם מאָרגן, און פּרעדיקן דעם פּרינציפּ פֿון פֿאַרזיכיקער יידישקייט אין דער פֿרייער צייט, אויך דאָס שטרעבן צו אָרגאַניזירן זיך אין געמיינשאַפֿטן, גרופּעס, קהילות וכדומה. נישט אין נאָמען איז דער אונטערשייד, ווי זיי וועלן זיך רופֿן. דאָס דאַרפֿן זיין יידישע פֿאַרשטעטלעך, יידישע ראַיאָנען ביי די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט, יידישע קהילות. עס קענען זיין אַזעלכע שטעטלעך אין הארץ פֿון אַמעריקע, שטעטלעך מיט יידישע נעמען פֿון די גאַסן, מיט יידישע קלובן און אינסטיטוציעס, אמתע יידישע שטעטלעך. אין אַזוינע שטעטלעך וואָלטן כוליגאַנעס אַפֿילו מורא געהאַט זיך צו באַווייזן... דאָ וואָלט די פֿראַגע פֿון יידישער דערציאונג געווען אויס פֿראַגע, עס וואָלט געווען נאַטירלעך. עס וואָלטן מיט דעם געלייזט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען.

— וואָס ? איר ווילט אין מיטן אַמעריקע אויסבויען אַ תל־אָביב ? — וועלן יידן פֿרעגן מיט אַ מין אויסבטלען. פֿרעג איך פֿאַרקערט : — און פֿאַרוואָס טאַקע נישט ? פֿאַרוואָס קענען אַזוינע תל־אביבס נישט זיין אין אַמעריקע ? אפשר מיט אַ גרינגער מערכה און מיט מזל און הצלחה. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזוינע פֿול־יידישע אינדזעלעך וואָלטן געדאַרפֿט געבויט ווערן באַצייטנס, איידער עס קען, חלילה, ווערן שפּעט, כל זמן מען וועט נישט שטערן, כל זמן זיי וואָלטן זיך געקאָנט פֿאַרפֿעסטיקן און שטאַרק ווערן קולטורעל כדי זיי זאָלן זיין שטאַרק אויך פֿיזיש... מיר האָבן שוין אונטערגעשטראָכן פֿריער ווי ווייט די פֿעסטקייט און זיכערקייט פֿון אַ ישוב איז אָפּהענגיק פֿון זיין גייסט, פֿון זיין באַוווסטזיין, נישט אין פֿאַרגלייך מער ווי פֿון זיין וויסן, פֿון זיין יידישן שטאָלץ — וואָלט איך געזאָגט. די יוגנט פֿון אַזוינע יידישע שטעטלעך וואָלט נישט אַנטלאָפֿן פֿון אַלע יידישע פּראָ־

בלעמען צו אַנדערע אַלגעמיינע וויכטיקע און נישט וויכטיקע פּראָבלעמען און געלאָזן די יידישע פּראָבלעמען און יידישע לעבנס אַפילו אומבאַשיצט, ווי דאָס איז שוין איצט.

## די יידישע שכינה

די יידישע שכינה, דער יידישער באַוווסטזיין און שטאָלצער גייסט, איז נישט אָפּהענגיק פון דער געאָגראַפיע. מיר האָבן, אין דעם קורצן איבער־זיכט איבער אונדזערע גלותן, געזען אַז די יידישע שכינה קען אַמאָל זיין אין חוץ־לארץ שטאַרקער און דויערנדיקער ווי אין ארץ ישראל. אין סטיל פון גמרא וואָלט איך געזאָגט: גאָט האָט אונדז געשיקט אין גלות אַמעריקע נישט מיר זאָלן אויסנוצן איר פרייהייט כּדי צו ווערן אויס יידן, נאָר פאַר־קערט כּדי אין דער פרייהייט אויסצובויען אַן אמתע, פאַרזיכיקע יידישקייט. עס זענען חרוב געוואָרן אונדזערע טראַדיציאָנעלע שטעטלעך, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט צוואַנג און דרוק, דאַרפן אויפקומען שטעטלעך פרייע, נישט ווי אַ געטאָ, נישט פאַר יידן, וואָס זענען אויסגעטיילט ווי אַ באַזונדע־רער סאָציאַלער קלאַס, נאָר ווי באַזונדערע ראַיאָנען מיט פרייע בירגער, וואָס זענען גלייך מיט אַלעמען, נאָר זיי ווילן דווקא איינהיטן זייער קולטור־רעלע פאַרזיכיקייט. אַרבעט — צוזאַמען; לעבן — פאַר זיך! מאַכן אַ לעבן צוזאַמען! אויסלעבן זיך פאַר זיך. דאָס איז אין גייסט פון דער מאָדערנער אורבאַנישער ציוויליזאַציע. נישט נאָר יידן וועלן איבערגיין ביסלעכווייז צו דער סיסטעם. די שטאָט ווי אַזאַ לעבט בכלל איבער אַ קריזיס, מען אַנט־לויפט פון שטעט, צופיל פּראָבלעמען, צופיל ווילדקייטן און פאַרברעכן האָט אַן אורבאַנישע מעטראָפּאָליע, אָט די איבערגעוואַקסענע, גרויסשטאָטישע דזשאָנגלס. דאַרף דאָס לויפן פון די שטעט זיין אָרגאַניזירט פּעלקערווייז, איטלעכער צו די זייניקע... פאַראַן יידן, וואָס דערשרעקן זיך פאַר דעם גע־דאַנק, אָבער ער באַהערשט אַלץ מער און מער די וועלט, די מענטשהייט בכלל און אויך יידן. איז בעסער צו בויען אַזוינע יידישע שטעטלעך ווילנ־דיק איידער עס וועט, חלילה, אויסקומען צו שאַפן אַזוינע נישט ווילנדיק, מחמת צוואַנג פון דרויסן.

יידישע יוגנט ליידט איצט אָפּט פון עגאָפּאַביע, עס איז פאַר יונגע יידן שווער דאָס עצם זיין אַ ייד. אַ יוגנט, וואָס וואָלט זיך געהאָדעוועט אין אַזוי־נע יידישע היימען, אין אַזוינע יידישע שטעטלעך, וואָלט געווען מאָראַליש

געזינטער, מאָראַליש פעסטער ביי זיך; די יידישקייט וואָלט ביי איר געווען נאַטירלעכער, אָרגאַנישער, אָן פּראָפּאַגאַנדע, נישט איינגערעדט און נישט אָנגעלערנט. די סביבה אַליין וואָלט דערצויגן פשוטע יידן, און אַזאַ דערציאונג איז געזינטער, גאַנצער, אָרגאַנישער. פאַר איר וואָלט דאָס לערנען יידישקייט געווען אַ סך פּראַקטיקער און אויפריכטיקער.

## פאַרקערטע דערציאונג

דאָ מוז מען צוגעבן, אַז די היינטיקע באַרימטע יידישע דערציאונג איז על פּי רוב אַ פאַרקערטע צו דעם וואָס זי דאַרף זיין. זי איז לויט איר כאַראַקטער און פּראָגרעס אַנטיפאָלקיש. און אַנטיפאָלקישער נאַציאָנאַליזם איז פאַלש און שעדלעך. און אין גלות — נישט אין פאַרגלייך ערגער און שעדלעכער ווי אין דער אייגענער מדינה. דאָרטן איז נישטאָ צו וועמען צו לויפן פון יידישקייט, אין גלות אָבער איז אומעטום פאַראַן אַ הערשנדיקע קולטור, און די אַנטיפאָלקישקייט ציט אַוועק דירעקט פון יידישקייט צום הערשנדיקן פאָלק מיט זיין קולטור.

פאַרשטייט זיך אויך, אַז די גאַנצע דערציאונג, וואָס גילט ביי אונדז פאַר אַ נאַציאָנאַלער, איז באַזירט אויף אַ פאַלשן יסוד: די דערציאונג איז ביי אונדז, ווי אין דער מדינה אַזוי אויך אין די גלותן, טאַקע מיט דער הילף פון דער מדינה, אַנטיפאָלקיש־ נאַציאָנאַל, און אַזוי אַרום איז אויך דער נאַציאָנאַליזם אירער אַ פאַלשער. אָבער די פּראָבלעם פון אַט דער פּסיידאָ־נאַציאָנאַלער דערציאונג איז פאַר זיך אַליין אַ ברייטע טעמע, אַז זי מוז באַהאַנדלט ווערן גאָר באַזונדער פאַר זיך. דאָ האָב איך זי באַרירט נאָר דרך אגב, נישט מער.

יעדע נייע באַוועגונג, מעג זי זיין ווי באַרעכטיקט, ווי אָרגאַניש, מוז זי אָבער האָבן פּיאָנערן, אָנהייבער, מענטשן וואָס ברעכן די אײַנערץ. אַט אַזוינע פּיאָנערן פאָדערט איצט דאָס יידישע לעבן, די זאָרג פאַרן מאָרגן מוז שאַפן אַזאַ באַוועגונג.

אַזוינע פּיאָנערן וואָלטן ביי יידן געדאַרפט גובר זיין אַ טאָפּעלע איינערץ: די איינערץ צו אַנטלויפן פון יידישקייט און דעם סנאָביסטישן דראַנג אויסצופּוצן זיך מיט פרעמדע שפּראַכן ווי מיט איינגעקויפטע צירונג און מיט נאָכגעמאַכטער קולטור.ביידע דראַנגען שטאַמען פון דער עגאָפּאַביע, וואָס האָט אייביק ביי אונדז געשטערט צו שאַפן גרעסערע קאָנצענטראַ־

ציעס מיט אַ פעסטערן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און מיט מער כוח גייסטיק, מאָראַליש און פיזיש. אַזוינע פיאָנערן צו שאַפן פאַרזיכיקע יידישע אינדזע־לעך וואָלטן זיך געפונען אַמאָל אין רוסלאַנד, צווישןביידע וועלט־מלחמות — אין פוילן, אָבער עס איז זייער שווער צו דערוואַרטן אַזוינע פיאָנערן איצט אין די פרייע לענדער. אָט האָבן די ישראלדיקע קיבוצים באַגייס־טערט נישט־יידישע פיאָנערן אין פאַרשיידענע לענדער צו בויען ענלעכע קיבוצים אין זייערע לענדער. קיין יידישע חלוצים פאַר קיבוצים אין דער וועלט זענען נישט באַקאַנט. בפרט נאָך פאַר אַ ריכטונג וואָס איז אין גאַנצן ניי.

## דאָס לאַנד פון ישראל

ארץ ישראל איז נישט דווקא איין פונקט אויף דער ערד. ארץ ישראל דאָס לאַנד פון ישראל, ד״ה דאָרטן ווו ישראל איז פולשטענדיק ישראל מיט לייב און מיט לעבן, דאָרטן איז ארץ ישראל. דאָס לאַנד, דאָס אָרט ווו יידן לעבן זיך אויס אין גאַנצן אין יידישקייט אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון דעם ווו זיי מאַכן זייער חיונה. — דאָס קען זיין אַן ארץ ישראל. אינדוסטריע אין די שטעט, וווינונגען — אין די ביישטעטלעך; דאָס איז איצט די ריכטונג פון דער וועלט. פאַר יידן איז דאָס די פּראָגראַם פון לעבן, פון נאַציאָנאַלער איינאָרדענונג אין דער וועלט. עס קען דאָך זיין נישט זיכער אַמאָל, עס קען זיין אויס מיט דער פרייהייט, מיט נאָך עלעמענטן. יאָ, דעמאָלט איז אויך די מדינה נישט זיכער מער. די זיכערקייט פון אַזוינע ישובים, פון קליינע „ארץ ישראלעך״ אין די פרייע לענדער, איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם יידישן באַוווסטזיין פון די יידן. אין די שטעטלעך אַ סך מער ווי אין די שטעט; געדיכטע ישובים איידער אין צעשאָטענע...

איך רייד דאָ האַמעטענע רייד, אָבער וויל מען לעבן אין שלום, דאַרף מען אויך זיין גרייט צום פאַרקערטן...

לויט ווי יידן לעבן איצט אין די שטעט דערוואַרט די יידן: אויסיידי־שונג, דעזאָרגאַניזאַציע, סוספּענסיע, צעפאַלונג אויף יחידים, אויסוואָרצלונג פון יעדער אייגענער קולטור, פון המשך, דעמאָראַליזירטע עגאָפּאָביע און קינאָה צו מענטשן פון אַנדערע פעלקער, אַ מין בעטלעריש נאָכיאָגן זיך נאָך פרעמדע קולטורן און אַפילו קולטורלאָזע זיטן און פירונגען, עגאָפּאָבישע שינאָה און כעס צום אייגענעם פאָלק, אָנשטעקונג מיט פאַרשיידענע אַנטי־

סעמיטישע געדאַנקען וועגן יידן; און ווי אַ תולדה פון דעם אַלעם — אַ גייס־טיקער פּאַראַליזש צו קעמפן קעגן יעדן אַנטיסעמיטישן אויסברוך. דאָס מערקן מיר שוין איצט אויך אָבער נאָך נישט אין קאַטאַסטראָפאַלע מאָס־שטאַבן; דערווייל נאָך נישט. עס מוז אָבער שטייגן און עס וועט שטייגן! אין דער זעלביקער מאָס וועט זיך שטאַרקן און טריאומפירן דער אַנטיסע־מיטיזם פון דרויסן. און יידן וועלן זיין אַנמעכטיק זיך צו ווערן, זיך צו באַ־שיצן... אין די שטעטלעך, ווי איך זע פאַרויס, וועלן די יידישע דורות זיין פריי פון די סכנות. אמת, עס וועט נישט זיין אָן קרבנות, אָבער קיין זאַך קומט נישט אָן קרבנות. בכל אופן וועט דאָס יידישע לעבן און דאָס לעבן פון יידישקייט זיין נישט אין פאַרגלייך זיכערער און עס וועט נעמען נישט אין פאַרגלייך ווייניקער קרבנות.

## ווו נעמט מען פּיאָנערן ?!

ווו נעמט מען פּיאָנערן פאַר אַזוינע יידישע שטעטלעך?

געוועזן צייטן ווען עס וואָלטן געווען אַ סך אַזעלכע. איצט איז עס אַ סך שווערער. אין אַנדערע סיטואַציעס וואָלט מען געקאָנט דערוואַרטן אַזוינע חלוצים פון דער מדינה. פונקט ווי די מדינה שיקט אינסטרוקטאָרן אין פאַרשיידענע אַפריקאַנער און אַזיאַטישע לענדער, וואָלט זי געקאָנט שיקן אויך אינסטרוקטאָרן צו יידן: בויט אייך, גלות־יידן, קליינע תל־אָביבס אין אייערע לענדער! (אין דעם זין האָט ירמיהו הנביא געשריבן צו די יידן אין בבל)! אָבער איצט קען עס די מדינה נישט טאָן און זי האָט נישט וועמען צו שיקן. זי קען לערנען אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער נישט יידן: אויך די יידישע מדינה איז דאָך געשטראָפט מיט דעם אַנטיפאָלקישן נאַציאָנאַליזם; די פּסיכיק פון גאַנצן ציוניזם איז דאָך דערווייל קאָנצענטרירט מער אויף א ר ץ ישראל איידער אויף ע ם ישראל. מען גלייבט דאָך און מען מאַכט גלייבן, אַז כדי אַ ייד זאָל זיין אַ ייד, דאַרף ער זיך איבערקלייבן נאָר אַהין. יידישקייט בכלל איז נאָר אַ „מצווה התלויה בארץ"; אויסער יענע גרעניצן דאַרף גאָר אַ ייד נישט היטן קיין יידישקייט... דער פשוטער אמת, אַז „לא המקום מכבד", נישט דאָס אָרט מאַכט אַ ייד פאַר אַ ייד, נאָר פאַרקערט: יידן קענען פאַרהייליקן מיט זייער יידישקייט יעדעס אָרט; דער דאָזיקער אמת איז נאָך זייער ווייט יידן זאָלן אים קענען באַנעמען.

אין די פרייע לענדער זענען פֿאַראַן אַ סך ישראלים, אָבער נישט זיי קענען דינען ווי פּיאָנערן, ווייל זיי לויפן אייגנטלעך פון יידישקייט; זיי ציען זיך דווקא צו סוספענסיע. עס איז וועגן דעם א סך צו ריידן, אָבער דאָס איז אַן אַנדער פּראָבלעם, עס איז איינע פון די פּראָבלעמען פאַר דער מדינה. דער עיקר — זיי זענען אַנטיפאָלקיש און מען קען פון זיי נישט וואַרטן זיי זאָלן העלפן פלאַנצן פאָלקישע יידישקייט.

אין מזרח־איראָפּע זענען פאַרן חורבן געווען אַ סך וואָס האָבן געפּרע־דיקט פאָלקישן נאַציאָנאַליזם, אָבער אויך פאַר זיי איז דער פאָלקיזם נישט געווען קיין עלעמענט פון טיפער אמונה. צווישן זיי האָט זיך נישט געפונען קיין איין גרופּע, וואָס זאָל אין ארץ ישראל אויסבויען כאָטש איין קיבוץ.

עס וועט נאָך מוזן נעמען אַ סך צייט ביז די מדינה וועט זיך באַפרייען פון דער „שלילת הגלות־קראַנקייט" און זי וועט באַוווסטזיניק, מיט דער פולער אמונה, אַריבערגיין צום „חיוב הגלות" — צום פאָלקישן נאַציאָנאַ־ליזם, ביז זי וועט „חוזר בתשובה זיין". יאָ, איך גלייב אַז די מדינה, איבער־הויפּט די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער אירע, וועלן קומען צו דער דאָזיקער איבערצייגונג. די מדינה פריער פון די גלותן. פאַר דער מדינה איז דער פאָלקיזם נויטיק פשוט ווי לופט צום אָטעמען. נאָר ע ר וואָלט געקענט זי ראַטעווען פון געוויסע מסוכנע שטריכן, וואָס האָבן אַזוי טראַגיש גע־שעדיקט אַלע ביז איצטיקע משיח־באַוועגונגען. נאָר דער פאָלקיסטישער נאַציאָנאַליזם וואָלט געקאָנט העלפן בויען קליינע „ארץ ישראלס" אומע־טום. פאַראַן אין ספרים אַ מין מאמר, וואָס איז נישטאָ אין גמרא, אָבער ער איז גאַנגבאַר נישט ווייניקער. דער מאמר איז „עתידה ארץ ישראל שתת־פשט בכל הארצות" — אומעטום, אין אַלע לענדער קען זיין אַן ארץ יש־ראל! איך גלייב טאַקע, אַז אַזאַ באַוווסטזיין וועט קומען פריער אין דער מדינה, און פון איר אין די גלותן. עס דאַרף געדויערן. אַ גלויבן פון אַ פאָלק, אַן אמונה איז פון דער קאַטעגאָריע קאָסמישע דראַנגען, וואָס זייער געדולד ציילט זיך נישט מיט יאָרן. אויב נאָר די וועלט וועט האָבן אַ קיום, אויב עס וועלן נאָך זיין פרייע לענדער אין די געביטן ווו יידן לעבן איצט פריי, אויב דער טייוול אין מענטשן וועט נישט חרוב מאַכן אַלץ אַרום אונדז און אונדז — די ערשטע, דעמאָלט וועט זיכער קומען צו דעם פאָלקישן נאַ־ציאָנאַליזם, און די מדינה וועט קומען צו דעם פריער, אַני מאמין!

# פאָלקישער נאַציאָנאַליזם

דאָס איז נישט בלויז אַ פראַזע, עס איז אַ פּראָגראַם פון לעבן און פון דערציאונג. איך וועל איבערחזרן דעם משל מיט דעם בוים. אַן אַלטער בוים, שטאַרקע צווייגן פון אונטן אָן. דאָס זענען די אַלטע צווייגן; זיי זענען דיקע, גראָבע, שטאַרקע. און אַזוי גייען די צווייגן פון אונטן אויף אויבן אַלץ דינער, שוואַכער ביז גאָר ביים שפּיץ־בוים — דינע ריטעלעך־צווייגן, שוואַכע ביז גאָר, זיי וויגן זיך מיט יעדער ווינטל. אָבער אין זיי איז דאָס לעבן פון בוים. זיי טראָגן די בלעטער און בלומען, זיי בילדן די פרוכט... פון זיי גייען די זאַפטן אַראָפּ צו דעם שטאַם און צו די גראָבע אַלטע צווייגן, אָפּגעלייגט צו ווערן אין יאָריקע שיכטן פון שטאַרקן האָלץ... אַן יענע לע־בעדיקע, צאַרטע קנאָספּן און בלעטלעך בלייבט דער בוים אַ טויט האָלץ, האַרט און שטאַרק און... טויט. דאָס לעבן פון אַ פאָלק איז געגליכן צום לעבן פון אַ בוים. דאָס לעבן פון אַ פאָלק, פון אונדזער פאָלק, איז אין די שוואַכע און דינע ריטעלעך־ צווייגעלעך און אין קנאָספּן, וואָס זענען גע־בליבן פון דעם לעצט־פריערדיקן יאָר וואַקסן און לעבן. דאָס לעבן פון איין יאָר באַשטייט אין אַנטוויקלען די קנאָספּן פון דעם פריערדיקן יאָר. זוכט נישט קיין לעבעדיקע קנאָספּן אויף די שטאַרקע, מעכטיקע צווייגן, וואָס זענען שוין פאַרהאַלצט...

לעבעדיקע קנאָספּן פון לעבעדיקער יידישקייט האָט אונדז געלאָזן בלויז די נאָר וואָס פאַרגאַנגענע תקופה, די תקופה פון מזרח־אייראָפּעאישע שטעטלעך! נאָר אין זיי און נאָר מיט זיי קען דאָס יידישע פאָלק לעבן און זיך אַנטוויקלען. אָט דאָס איז דער פ א ל ק י ש ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ־ ל י ז ם . אַלע אַנדערע וועגן און אידעען זענען נישט מער ווי וועלן לע־בעדיק מאַכן אַ טויטן, לאַנג געשטאָרבענעם האָלץ. אָט דער אַנטיפאָלקישער נאַציאָנאַליזם האָט בשעתו פאַרסמט אַלע משיחישע באַוועגונגען. זיי זענען אין עצם געווען געזונטע שטרעבונגען פון אַ פאָלק זיך צו באַפרייען פון גלות. די אַנטיפאָלקישקייט האָט זיי פאַרפירט. אויך אין ציוניזם האָט דער אַנטיפאָלקיזם זיך טיף באַזעצט.

איך קען קיינמאָל נישט פאַרגעסן די וואָרענונג פון אחד העם, וואָס האָט אין אָנהייב פון יאָרהונדערט געוואָרנט, אַז „די נעגאַציע קען פירן צו אַ סך נעגאַציעס און זייער סוף — ווער קען וויסן ?" און דווקא אחד העם, וואָס איז אַליין געווען ווייט פון פאָלקיזם, פון פאָלקישער יידישקייט. אמת,

די קנאָספּן אַליין זענען קליינע טונקעלע פּינטעלעך, קוים וואָס מען באַמערקט זיי. וואָס זענען די קליינע קנאָספּן קעגן די מעכטיקע צווייגן? די קנאָספּן דאַרפן זיך ערשט אַנטוויקלען, עפענען, גרינען, בלעטערן און בליען. אַזוי זענען אויך די קנאָספּן פון יידישקייט, וואָס די מזרח־אייראָפּעאישע תקופה האָט אונדז געלאָזן. זייער עפענען, זייער אַנטוויקלונג — דאָס דאַרף זיין דאָס קולטור־לעבן פון יידישן פאָלק אין דער אורבאַנישער תקופה. אין דער אייגענער מדינה און אין די גלותן, אין די פאַרזיכיקע יידישע שטעטלעך. דערווייל זעען זיך נישט קיין פּיאָנערן. דאָס איז טראַגיש פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

## דער טעות פון די פרומע

מען קען אָנווייזן אויף עטלעכע פּרווון מצד עקסטרעם־פרומע גרופּעס. געוויס איז אין זיי פאַראַן אַ געזונטער קערן. זיי פאַרשטייען בעסער אויסצונוצן די אַמעריקאַנער פרייהייטן ווי אַנדערע יידן. זיי פאַרשטייען, אַז אַמעריקע גיט זיי פרייהייט צו זיין ד א ס  ו ו א ס  ז י י  ז ע נ ע ן. בעת אַנדערע יידן גלייבן, אַז זיי זענען אין אַמעריקע פריי, כדי צו קענען ווערן נישט דאָס, וואָס זיי זענען. אָבער דער פאַטאַלער דעפעקט איז אין דעם וואָס די פרומע פאַרשטייען נישט ריכטיק דעם מהות פון יידישקייט. אויך זיי איגנאָרירן די יונגע קנאָספּן, זיי האַלטן זיך בלויז ביי די שטאַרקע פאַרהאָלצטע אַלטע צווייגן, זיי האַלטן נאָר פון דער פיקסירטער, פאַרהאַרטעווטער, רעליגיעזער יידישקייט, וואָס אין איר איז שוין נישטאָ קיין יונג־לעבעדיקער גייסט, קיין פרישע שפּראָצן. זיי גייען אויף דעם וועג אָפּצוטיילן רעליגיע פון אַקטועלן שאַפן. דאָס איז דער גאַנג פון פרעמדע פעלקער, אָבער נישט פאַר יידן. אַזוי ווי אַנדערע פעלקער נעמען זיי דעם באַגריף פון עולם הבא נאָר אין פּריוואַטן זין פאַר יעדן יחיד באַזונדער, גן־עדן פאַר יעדן יחיד, עולם־הבא — אויף יענער וועלט לאחר מאָה שנה, אַלץ פּריוואַט. בעת פאַר יידן האָבן די אַלע באַגריפן נאָר אַ נאַציאָנאַלן ווערט. לעתיד לבא איז אַ סינאָנים מיט ימות המשיח, א ו י ף  ד ע ר  ל ע ב ע ד י ק ע ר  ו ו ע ל ט, די וועלט וואָס וועט קומען וואָס דאַרף קומען „בארצות החיים" פאַרן גאַנצן פאָלקישן קאָלעקטיוו אויף דער וועלט.

די רעליגיעזע יידן, אַליין צעשפּליטערט און צעבּרעקלט אויף קליינע גרופּקעס, כלומרשטע פּאַרטייען, וואָס באַמיִען זיך כּסדר אונטערצושטרייכן, אַז זייער גרופּע איז בּעסער פון אַנדערע, אָט די פרומע פּאַרשטייען נישט דעם זין פון אמתער יידישער רעליגיע, וואָס איז און וואָס דאַרף זיין די פאַר־הייליקונג פון אַלץ, וואָס עס שאַפט זיך אין יידישן פאָלק און וואָס עס טראָגט אין זיך די שפּראָצן פון די צוקונפטיקע צווייגן; די פרומע אונדזערע ווילן נישט פאַרשטיין דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון די פרישע, נאָך נישט געעפנטע קנאָספּן, וואָס נאָר אין זיי איז דאָס לעבן, די גאַנצע צוקונפט. די פרומע אונד־זערע גייען אין די וועגן פון די... קריסטלעכע פעלקער, וואָס זיי קאָנצענטרירן דעם גאַנצן אידעאַל אויף דעם פּריוואַטן „עולם הבא״, אויף יענער וועלט. נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פאַרטיפן זיך פאַרוואָס און ווי אַזוי די ערשטע קריסטן האָבן אָט דעם „עגאָאיסטישן״ עגאָצענטריזם געירשנט פון די אסיים, וואָס האָבן זיך אַנטווישט אין קאָלעקטיוון נאַציאָנאַלן און פּאָליטישן, פאָלקישן לעבן. אָבער פאַר יידן, וואָס גלייבן אין צוקונפט פון זייער פאָלק, אין אַ לעתיד־לבא פאַרן גאַנצן פאָלק, איז דאָס קאָנצענטרירן יידישקייט אויף אַזאַ מין קאָמערציעלער טראַנסאַקציע מיט גאָט: איך וועל היטן דיינע מצוות און דו וועסט מיר דערפאַר באַצאָלן מיט שור הבר און לויתן אין גן עדן, — פאַר יידן איז עס כּפירה, לייקענען דעם קיום פון פאָלק ווי אַזאַ.

## פאַרגויישט יידישקייט

ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסקומען אין פלוג, איז עס אָבער דאָך אַזוי, אַז דווקא די רעליגיעזע אונדזערע „פאַרגויישן״ יידישקייט און מאַכן פון איר אַ מין פּריוואַטע רעליגיע: „מיינע פּריוואַטע חשבונות מיט גאָט״; בעת די גאַנצע יידישקייט פון אָנהייב אָן איז געווען און זי איז געבליבן און מוז בלייבן אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע. די חשבונות פון יעדן ייד מיט זיין פאָלק, און פון דעם יידישן גאָט מיטן יידישן פאָלק איז זייער שווער פונאַנדערצו־טיילן. און זיי פירן, די רעליגיע־יידן (פון אַלע ריכטונגען!) צו דעם, אַז יידן זאָלן קענען זיך אַסימילירן ביז גאַר, ווערן „אַמעריקאַנער פון משהס גלויבן״.

נישט פון אָט אַזאַ „רעליגיעזער יידישקייט״ — מעג זי זיין פון סאַמע סאַטמאַר — וועט יידישער קיום פאַרזיכערט ווערן. די אַלטע, פעסטע, פאַר־

האַלצטע צווייגן זענען דאָ ביי זיי, אָבער קיין פרישע קנאָספּן האָבן זיי נישט.

דער עגאָאיסטישער כאַראַקטער פון די רעליגיעזע גרופּעס ביי יידן איז בולט קענטיק אין דער אייגענער מדינה. נישטאָ ביי זיי קיין זאָרג פאַרן קיום פון גאַנצן פאָלק, אַפילו פון דער מדינה ווי אַזאַ. עס גייט תמיד אין אויסקעמפן פּריווילעגיעס פאַר זיך, פאַר דער גרופּע, אַפילו אויף דעם חשבון פון דער מדינה. עס איז מער פּאָליטיקעריי ווי פאָלקישע פּאָליטיק. און אַדאַנק די קאָאַליציע־באַדינגונגען קריגט מען מאַכט אין נאָמען פון רעליגיע. עס גייט אַ מין האַנדל — וועט איר לאָזן אונדזער ממשלה אין די פאַרלאַנגטע געביטן פון לעבן, וועלן מיר אייך לאָזן אין אַנדערע...

איך האָב אַ סך דורך־ארץ פאַר דער יידישער רעליגיע. עס איז פאַר מיר געווען אַ נאַציאָנאַלע חרפּה, ווען יידישע קיבוצים האָבן נישט אַנדערש געוואָלט ווי האָדעווען חזירים. איך האָב געזען אין דעם אַ באַליידיקונג פון אַלע יידישע דורות פון אַברהם אָבינו אָן, אַ באַליידיקונג און אפשר נאָך מער — אַ פאַראַט קעגן דער גאַנצער געשיכטע פון פאָלק. אַריינפאָרן שבת, אָן אויטאָבוס מיט בחורים מיט שטעקנס אין מאה־שערים־קוואַרטאַל אין ירושלים, כדי זיך צו שלאָגן — איז, פּשוט געדעדט, גראָביונגיש. מיט אַ סך דרך־ארץ האָב איך דאָרטן שפּאַצירט שבת מיט אַ יונגן מאַן אין אַ שטריימל, זיך צוגעקוקט ווי קליינע יינגלעך מיט יאַרמלקעס און פּאות, שפּילן זיך אויף יידיש, און דער יונגערמאַן האָט מיר דערקלערט: **יידן האָבן** מקדש געווען דאָס יידישע לשון. האָב איך עס אין האַרצן איבערגעזעצט אויף מיינע באַגריפן און איך האָב אין אים און אין די קינדער דערפילט די געטרייקייט צום פאָלק, די י י ד י ש ק י י ט ־ ר ע ל י ג י ע . אָבער ווען די פירער מאַכן פון דעם אַ פּאָליטישן האַנדל, עקלט פּשוט פון דעם.

אויפן מיליטערישן פאַראַד פון יום העצמאות אין 1965, הינטער מיר זענען געזעסן אַ פּאָר יידן פון אַרגענטינע, פול מיט רוישיקער באַגייסטע־רונג פאַר די דורמאַרשירנדיקע מיליטערישע איינהייטן. איך בין אין די זאַכן אַ גרויסער עם־הארץ, האָב איך געקוקט ווי אַ האָן אין בני־אדם, און געטראַכט אין זיך גאָר אַן אַנדער געדאַנק. „הלואי זאָל מען עס נישט דאַרפן"... איין שכן פון הינטן שטורכעט מיר אין פּלייצע פאַרוואָס איך פּאַטש נישט געגוג, פאַרוואָס איך שריי נישט הידד!... עס איז דורך די גרופּע זעלנערקעס. האָט דער צווייטער ייד עפּעס געמאַכט אַ ביליקן, כמעט לעגאַלן וויץ. האָט זיך דער צווייטער אָנגעצונדן: ביסט אַ גראָבער יונג! אַזאַ יאָר אויף מיר ווי אָט די טייערע יידישע טעכטער זענען פּונקט אַזוינע

ווי מיינע און דיינע טעכטער ! ... וואָס אָבער דאַרף מען זאָגן ווען די פרומע האָבן אין נאָמען פון רעליגיע געקראָגן די פּריווילעגיע, אַז זייערע טעכטער זאָלן זיין פריי פון מיליטער ? איז דאָס נישט אַ באַליידיקונג פאַר אַלע יידי־שע טעכטער ? אָדער אפשר קענען די פרומע פשוט נישט געטרויען זייערע קינדער ? אָדער עס איז פשוט אַן עגאָאיסטישער גרופּע־אינטערעס ? געניסן — יאָ, אָבער פליכטן נישט. דאָס זאָלן טון אַנדערע.

## „פּאַראַזיטיזם"

נאָך ערגער איז עס מיט די זין. ישיבה־בחורים זענען פריי פון מילי־טער־דינסט. זיכער איז תורה לערנען זייער וויכטיק. אָבער די מדינה דאַרף זיך רעכענען מיט די נויטן פון קאָלעקטיוו, פון לאַנד, פון דער מדינה. יונ־גע לייט וואָס זיצן און לערנען כדי צו ווערן רבנים אין מדינה אָדער אין אַמעריקע, זענען פאַר דער מדינה נישט מער וויכטיק ווי אַנדערע וואָס גרייטן זיך צו אַ פּריוואַטער קאַריערע. די מדינה אַליין דאַרף נויטיק האָבן פיזיקער, כעמיקער, מעכאַניקער, מיליטער־לייט, וויסנשאַפטלער בכלל. פאַרוואָס די פּריווילעגיע דווקא פאַר קומענדיקע רבנים ? איז דאָ נישט פאַראַן קיין אויסדינגען פּריווילעגיעס פאַר אייגענע זין ? זיי טאָרן נישט זיין קיין גרעסערע מיוחסים. אין דער גמרא איז פאַראַן אַ פּאַסיק ווערטל : פאַר־וואָס מיינסטו, אַז דיין בלוט איז רויטער (מער יחוסדיק) ? איז דען אין דעם נישט פאַראַן קיין פשוטער האַנדל מיט שטימען : מיר וועלן אייך אונטער־שטיצן, אויב איר וועט אונדז באַצאָלן מיט באַפרייען אונדזערע זין פון מי־ליטער ? דאָס איז פשוט גערעדט, אַ מין געשעפט מיט צוויי „סחורות" — שטימען ביי וואַלן און בלוט. אַט דאָס אויסקויפן די אייגענע קינדער איז אַ מין — זייט מיר מוחל דעם שווערן פאַרגלייך — פּאַראַזיטיזם אויף יע־נעמס בלוט. נישטאָ דערביי קיין שום אינטערעס, פאַר ברייטערע פּראָבלעמען פון דער יידישער מדינה, פאַר איר קיום און פאַר דעם קיום האומה בכלל.

עס איז אין אַזאַ מין צוגאַנג אַ פאַלשער אויסטייטש פון דער גאַנצער יידישקייט. פון אָנהייב אָן שטעלט די תורה אַלץ פאַרן קיום האומה. און נישט געקוקט אויף דעם גוואַלדיק גרויסן דרך־ארץ פון דער תורה פאַרן לעבן פון אַ מענטש, איז דאָך דער קיום פון כלל ישראל העכער פון קיום פון פרט. און ווען יידישקייט שטייט אין סכנה פּסקנט די גמרא, אַז יהרג ולא יעבור, אַפילו צוליב אַ פשוטן יידישן מנהג ווי צו פאַרבינדן אַ שוך־

בענדל (ארקתא דמיסאנא). אויספועלן אַזוינע פּריווילעגיעס פאַר די אייגע־נע קינדער — אפשר איז דאָ פאַראַן קלוגע פּאָליטיקערי, אָבער נישט קיין אַהבת ישראל; דאָ איז נישטאָ קיין סימן פון אהבת ישראל. די ממשלה אין דער מדינה, די הויפּט־דעה — דאָס קומט זיי. אָבער היטן די מדינה זאָלן אַנדערע, נישט זיי; זיי ווילן פּשוט איינהאַנדלען ביידע וועלטן: אויף יענער וועלט וועט דער רבונו של עולם צאָלן ווי עס קומט, און אויך אויף דער וועלט זאָל מען האָבן בעסער און מערער ווי אַנדערע, זיך באַשיצן מיט פרעמדע לעבנס.

## אַהבת־ישראל

קיין אהבת ישראל איז דאָ נישטאָ שוין צוליב דעם, וואָס היטן דאַרף מען לויט אונדזער אָרטאָדאָקסיע נאָר די הלכה, דאָס וואָס דער שולחן־ערוך הייסט און פאַר דעם וועט געצאָלט ווערן. בעת אַהבת ישראל הייסט היטן און ליב האָבן אַלדאָס יידישעס, וואָס איז יאָ אָדער נישט פאַראַן אין שולחן־ערוך, נאָר עס איז געוועזן אין יידישן לעבן, אין שטייגער. אַהבת ישראל מיינט נישט דווקא טייער האַלטן דאָס הייליקע, נאָר טייער האַלטן דאָס וואָ־כעדיקע, נישט ווייל מען וועט דערפאַר קריגן אַ גוטן חלק, נאָר ווייל „אַזוי פירן זיך יידן". אונדזער אָרטאָדאָקסיע איז ווייט פון דעם. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסקומען, אָבער נישט דורך איר וועט גיין דער יידישער מאָרגן, דער המשך פון יידישקייט. עס טוט אָפט ווי די קעגנזייטיקע שנאָה וואָס מען געפינט אין דער רעליגיעזער פּרעסע ביי אונדז. מיט וואָס פאַר אַ ביטול און האַס איין גרופּע רעדט עס וועגן אַלע איבעריקע און ווי מען איז מבטל אַלץ וואָס עס איז געשאַפן ביי יידן פון יידן נישט פון רע־ליגיעזן כאַראַקטער. אָן אַהבת ישראל איז אויך אַהבת שמים נישט מעגלעך. אָן אמונת ישראל איז אמונת הבורא אויך נישט ווערט, נישטאָ אין דעם קיין כוח פאַרן קיום האומה.

עס איז אַ חרפּה און אַ פאַרדרוס מיט וואָס פאַר אַ גרינגקייט אונדזערע פרומע פאַרלאָזן דאָס יידישע לשון און גייען איבער צו די לאַנד־שפּראַכן, וואָס דאָס איז בפירוש אַסימילאַציע. און פאַרשטייט זיך, באַלד ברענגט מען אַ מאַמר חז"ל: „שמע בכל לשון שאַתה שומע". און זיי דערמאָנען נישט אַ צווייטן מאַמר, וואָס די גמרא חזרט איבער עטלעכע מאָל, מען זאָל נישט נאָכגיין די „דרכי האמורי". און זיי ווייסן זייער גוט, אַז דער „שמע ישראל" אויף גוייש איז שוין גאָרנישט קיין שמע ישראל, און דער זאָגער איז שוין

גאָר אַ ספק צי ער איז אַ ישראל (ברכות יג׳א׳. דאָרטן גופא איז נאָך אַ פלוגתא וועגן דעם). אָט דערציילט אַ פרומער שרייבער מיט גרויס התפעלות, אַז דער און דער גאון התורה האָט געהאַלטן אַ דרשה פאַר הונדערטער אָרטאָדאָקסישע רבנים אין תורה, און די דרשה איז געווען על טהרת הלשון האנגלית. איז מילא, אַז אַ גאון זאָל קענען זיך אויסלערנען ענגליש איז נישט קיין רבותא. אָבער דער שרייבער כאַפּט זיך נישט, אַז דער גרויסער גאון מיט זיין דרשה האָט גאָר געטאָן אַ „מצווה הבאה בעבירה" — ער האָט מיט זיין תורה געהאָלפן דער עבודה־זרה פון אַסימילאַציע. אַסימילאַציע היינט איז נישט וויניקער פון עבודת־כוכבים פאַרצייטן; ביידע פירן אין וועג צו כרת, פאַרשניטן צו ווערן פון דעם יידישן פאָלק. און אויב די תורה און דער תלמוד האָבן אַזוי פיל אָנגעזאָגט מען זאָל נישט גיין „בחוקות הגויים", אויב די גמרא פאַרבאָט אַזוי פיל זאַכן ווייל עס איז משום „דרכי האמורי", און דער רמב"ם רעכנט אויס אַ גאַנצע רשימה זאַכן, וואָס מען טאָר נישט ווייל עס איז ע נ ל ע ך צו גוישקייט — פרעגט זיך: איז נישט נאָכמאַכן די פרעמדע שפּראַך, טאַקע אַזוי לויט אַלע כללים פון די גויים, און לערנען גמרא אין דער שפּראַך, איז עס נישט קיין דרכי האמורי? נישט בחוקות הגויים? פירט עס דאָך דירעקט צו אויסיידישונג, צו נאַציאָנאַלן שמד, צום אַוועקגיין פון דער יידישער טראַדיציע, פון יידישקייט!

איז נישט קיין חילול־השם צו לויפן קיין וואַשינגטאָן, מען זאָל אָנשרייען אויף ירושלים ווייל דאָרטן וויל מען מאַכן אַ שווימבאַסיין פאַר מענער און פרויען ווי אין דער גאַנצער וועלט? איז נישט פאַראַן קיין שמץ פון „דרכי האינקוויזיציה" (ערגער אַ סך פון דרכי האמורי) אין דעם וועלן אַרויפצווינגען אויף אַנדערע דינים מיט גוואַלד? די הלכה־זייט פון די אַלע פראַגעס, זאָלן בעלי־הלכה פסקענען, אָבער אַז דאָס אַלץ פאַרמיאוסט די יידישע רעליגיע, אַז אין דעם אַלעם אין פאַראַן חילול־השם — דאָס ווייסן מיר אַלע אָן הלכה.

## נישט בעסער ביי די וועלטלעכע

פון אָנהויב אָן האָבן זיך די קרייזן אָנגעטאָן קינדערשע פיילן־בויגנס און זיך געלאָזט קעמפן קעגן גאָט. „אַראָפּ מיט גאָט!", אַז נישטאָ קיין „סאַמאָדערשזאַוויע" (זעלבסטהערשונג), נישטאָ קיין קייסער טאָ פאַר איין וועג דאַרף מען שוין אויך דעטראָנירן אויך גאָט! דאַרף מען צוזאַמען מיט גאָט

אויך שוין פאַרוואַרפן אַלץ וואָס איז הייליק ביי יידן. אויב הייליק, שמעקט עס דאָך מיט גאָט, בכן איז עס פסול מחמת רעליגיע! האָט מען גענומען אַפּוואַרפן אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל איינגעשטעלט ביי יידן. איז אַרויס אַ מלחמה נישט קעגן גאָט, נאָר קעגן אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידיש־קייט. נישט געווען דאָ קיין אַכטונג און צוגעבונדנקייט צו יידישע טראַדי־ציעס, צו אַ יידישן שטייגער.

אויף דעם געזונטן קערן, אַז יידישקייט קען נישט און דאַרף נישט בלייבן בלויז ביים אַלטן פעסטגעשטעלטן שטעטלשן שטייגער, ווען עס הייבט זיך אָן אַן איבערגאַנג צום אורבאַניזם, אויף דעם קערן האָט זיך אָנ־געזאַמלט אַ גאַנצער באַרג מיט אַפּוואַרפעניש. האָט מען פון אַלץ אָפּט גע־לאָזן אַ רעשטל — די שפּראַך אויסגעליידיקט פון יעדן אינהאַלט. איז אַוועק אַ נאָכמאַכעריי. האָט מען געוואָלט בויען יידישקייט אָן איבערגעזעצ־טע, אין גאַנצן אָן אַהבת ישראל. ביז עס איז גאָר ווייניק געבליבן. און אין אַמעריקע, אין אַנדערע פרייע גלותן, איז דער צווייטער דור אַריינגעפאַלן אַקוראַט אויף די רעלסן פון אַלגעמיינעם לעבן און עס איז ווידער אַוועק אַ דירעקטע אַסימילאַציע. נישטאָ קיין וויסן פון יידישקייט, נישטאָ קיין שטייגער, נישטאָ אויך קיין ווילן צו יידישקייט.

אין דער אַלטער היים, האָט די וועלטלעכע יידישקייט געמוזט בויען פאַר זיך אַן אייגענעם שטייגער און אַן אייגענע קולטור; האָט די יוגנט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַוועקצוגיין פון יידישקייט, האָט זי דווקא געבויט און געשאַפן. מיט דעם צוואַנג איז אויך געקומען אַ ווילן. האָט זיך טאַקע געשאַפן אַ רייכע קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס האָט אויפ־געטאָן ווינדער. אין די נייע גלותן אָבער, ווי נאָר דער צווייטער דור האָט באַקומען די מעגלעכקייט זיך אַריינצוגיסן אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון די לענדער, האָט ער — דער צווייטער דור — זיך אָפּגעריסן פון יידישקייט בכלל... ווערט צעפאַלן דער יידישער קאָלעקטיוו. יידן זענען דאָ, אָבער קיין יידנטום, קיין שעפערישער יידישער קאָלעקטיוו איז נישטאָ. און אַ פאָלקי־שע צוקונפט קען בויען נאָר אַ קאָלעקטיוו מיט אַ געמיינזאַמען ווילן און געמיינזאַמער אַרבעט.

נישטאָ אויך דאָ קיין אַהבת ישראל, נישטאָ קיין שטאַרקע צוגעבונדנ־קייט צו יידישקייט. אויך די דעקלאַרירטע ליבע צו יידיש־לשון איז מער אַ ווערבאַלע. נישטאָ קיין פאַרנעם, קיין פאַרמעסט ווייל עס איז נישטאָ קיין אמתער שטאַרקער ווילן. שווער צו האָפן אַז פון די קרייזן זאָלן קומען די

פיאָנערן צו בויען יידישע פּאַרזיכיקע שטעטלעך, ראַיאָנען אין די פּרייע גלותן.

## עטלעכע פאַקטאָרן

די גאַנצע וועלטלעכע קולטור, וואָס האָט זיך באמת אַזוי רייך צע־וואַקסן, האָט געהאַט די ווירקונג פון עטלעכע פאַקטאָרן:

1. דער צעפאַל פון קלאַסישן שטעטל. דאָס איז געווען אַ תולדה פון אַ גרויסן אַלגעמיינעם פּראָצעס. עס זענען בטל געוואָרן שטאַנדן, אויס מיט פּריצים און פּויערים, במילא אויס מיט יידישע פּרנסות. די קאָמוניקאַציע האָט דערנענטערט דעם דאָרף צו דער שטאָט, יידישע פּאַרמיטלעריי אין קליינע שטעטלעך איז אַראָפּ. דער איבערגאַנג פון פּויערים־שטאַנד צום אַר־בעטער־קלאַס האָט נאָך שטאַרקער אָראָפּגעשלאָגן די יידישע שטעטלעך. די עמיגראַציע פון דער יידישער יוגנט אין די גרויסע שטעט און מערב־לים האָט אויסגעליידיקט די שטעטלעך. דער חורבן האָט אין גאַנצן געענדיקט די לאַנגע, די גאַנצע תלמודיש־שטעטלשע תקופה.

2. אין די שטעט, אין די נייע אורבאַנישע באַדינגונגען האָבן זיך גע־מוזט בייטן די פאָרמען פון לעבן און פון שטייגער. דער בית־מדרש האָט געמוזט פאַרלירן דעם צענטראַלן אָרט פון לעבן, וואָס ער האָט פאַרנומען אין שטעטל.

3. עס איז אָפּגעפאַלן די איזאָלירטקייט פון יידן, די סאָציאַלע מחיצה צווישן יידן און נישט־יידן, ווי עס איז געווען פריער. יידן האָבן שוין דאָרטן, אין דער אַלטער היים זיך גענומען אַריינגיסן אין אַלגעמיינעם לעבן אַריין. אָבער דאָ איז געווען די יורידישע באַריערע.

4. די יורידישע באַריערע, האָט נישט דערלאָזן יידן צום אַלגעמיינעם לעבן. האָבן יידן גענומען זוכן צו עמיגרירן. אָבער דערווייל האָט זיך גע־שאַפן אַן אייגענע יידישע קולטור, לויט די פאָרמען און לויט די נאָרמען פון דער אַרומיקער, אַלגעמיינער. אַז נישט אַסימילירן זיך אין אַרומיקער קולטור, איז געקומען אַן אַסימילירן די אַרומיקע קולטור אין דער איי־גענער. נישטאָ קיין מכה אָן אַ רפואה דערביי, נישטאָ קיין בייז אָן עפּעס גוטס אין דעם. דערפאַר איז וועלטלעכע יידישע קולטור געוואַקסן נאָר אין מזרח־אייראָפּע, ווו די יורידישע באַריערע האָט נישט געלאָזן יידן זיי זאָלן זיך אַריינאַסימילירן אין דער אַלגעמיינער קולטור. דאָרטן, ווו יידן האָבן

לכתחילה געקענט זיך אַסימילירן, דאָרטן איז קיין וועלטלעכע יידישע קול־טור נישט געשאַפן געוואָרן.

לויט דער אָנגענומענער סכעמע קומט אויס, אַז דאָס יידישע לעבן אין קלאַסישן שטעטל איז געווען דער טעזיס. מיטן אָנקום פון דער אורבאַניזאַציע איז געקומען דער אַנטיטעזיס. צו דעם סינטעז אָבער זענען מיר נאָך אָבער ווייט נישט דערוואַקסן. און דער סינטעז דאַרף ערשט אָנהייבן צו פאַר־בינדן דאָס רעליגיעזע מיט דעם וועלטלעכן, די אַלטע אינהאַלטן אין נייע פאָרמען; דאָס אַלגעמיינע — אין יידישע פאָרמען. דאָס איז אַקוראַט דער פאַרקערטער וועג, וואָס אויף אים זענען געגאַנגען די פאַרשיידענע רעפאָר־מען. זיי האָבן גענומען עטוואָס יידישקייט און עס איבערגעגאָסן אין גוישע, נישט־יידישע פאָרמען. נאָרמאַלער דאַרף גיין פאַרקערט: מען דאַרף דאָס אַלגעמיינע איבערגיסן אין יידישע פאָרמען.

צו אָט דעם סינטעז איז נאָך אַ ווייטער וועג. און דערווייל האָט זיך יידישע מזרח־איראָפּע אין גאַנצן אויסגעלאָשן. אין די נייע ישובים איז דאָס יידישע לעבן אויך פון די מזרח־איראָפּעאישע יידן אַוועק אויף די וועגן פון מערב, אויף די וועגן פון אויסיידישונג און אַסימילאַציע, אויף די וועגן פון אַטראָפּיע מיט אַלע ווייטערדיקע פאָלגן, וואָס קענען קומען אויף אונדז.

און ביים הייבן די אויגן און זוכן „מאין יבא עזרי?”, פון וואַנען קען קומען די הילף, די אויסלייזונג — קום איך ווידער צו דער יידישער מדינה. דאָרטן שאַפט זיך אַזאַ נייע, אַלגעמיינע קולטור אין ריין יידישע פאָרמען. אַ סך סכנות. אַ סך טעותים און מער ווי טעותים, אָבער דאָך אַ סינטעז. די אינעווייניקסטע טעותים און חטאים קומען דאָרטן אויך פון דעם, וואָס עס פעלט אַהבת ישראל. אָבער דאָך איז דאָרטן יידישער מאַניזם, וואָס עס פעלט אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים. אפשר וועט פון דאָרטן קומען דער מוסטער. הלוואי!

## איין פאָלק, איין יידישקייט

כדי עס זאָל קענען קומען צו דעם, דאַרף מען דורכפירן אין אונדזער לעבן אַ גרונטיקע רעוויזיע.

אויב מיר זענען איין פאָלק, און מיר ווילן בלייבן איין פאָלק, מוז זיין אויך איין יידישקייט. אויס מיט דער צעברעקלונג אויף אַלערליי באַזונדע־רע יידישקייטן! די זענען רעליגיעזע פון דעם מין, און יענע זענען גאָר

אַנדערע, פון אַן אַנדער רעליגיעזער שיטה; און יענע ווייטער זענען גאָר וועלטלעכע יידן. נישטאָ קיין „עברים" און יידן! און נאָך ווייטער: עס טאָר די מדינה נישט פירן קיין אַנדער יידישקייט, קיין באַזונדערע יידישקייט. יידישקייט איז אַן אָרגאַנישער ענין. מיר האָבן איבערגענומען פון אונדזערע עלטערן איין יידישקייט און מען קען קיין אָרגאַניזם נישט שפּאַלטן, נישט צעטיילן אים און ער זאָל בלייבן לעבן. אויס מיט דער גאווה, וואָס יעדע יידישע שיטה האָט לגבי אַלע אַנדערע!

און איבערהויפּט איז מסוכן די גאוה פון דער יידישקייט, וואָס אין דער מדינה. אויב חלילה די מדינה וועט זיך האַלטן ביי איר שטאָלצער שלילת הגלות־קולטור, קען עס פירן צום אָפּרייסן זיך פון אַלע גלותן. און אַן דער השפּעה פון דער מדינה, וועלן אויך די גלותן זיך צעשיטן אויף אַ סך קליינע לאַנד־גרופּעס, וואָס וועלן זיך אויסיידישן איינציקווייז, און עס וועט קומען צו אַ סוף פון יידישן היסטאָרישן פאָלק. דאָס וואָס נאָך די גמרא האָט אַזוי געציטערט דערפאַר „שמא יכלה זרעו של אברהם אבינו".

אין וואָס באַשטייט דער חטא לא יכופר פון דער קולטור־פּאָליטיק אין דער מדינה? אחד העם, דער שטרענגער העבראַיסט, האָט עס כאַראַקטעריזירט ווי „האָדעווען פּ אַ ר צ י י ט י ק ע יידן". אַנדערע זאָגן, אַז עס איז אַ פאַרלאַנג אַריבערצושפּרינגען איבער דער גאַנצער גלות־קולטור.

מיר האָבן פריער דאָס כאַראַקטעריזירט ווי וועלן גרעפטן (פלאַנצן) אויף יונגיקע ביימעלעך נישט קיין פרישע קנאָספּן, נאָר דווקא אַלטע שטיקער האָלץ פון אוראַלטן בוים. נאָך קלאָרער: עס איז ווי אַן עצה פון אַ „קלוגן" דאָקטאָר, צו האָדעווען עופהלעך נישט מיט דער מילך פון זייערע שוואַכע מוטערס, נאָר מאַכן זיי זויגן פון זייערע עלטער־עלטער־באָבעס, וואָס זענען דאָך געוויס געווען שטאַרקער און געזונטער פון די היינטיקע יונגע, נערוועזע און צעקראַכענע מאַמעס.

דער פּאָזיטיווער כלל איז אַזוי: היות די גאַנצע שעפערישע יידישע קולטור פון די לעצטע דורות קומט צו אונדז פון דער שטעטלשער יידישקייט, טאָר אין יידישקייט נישט קומען קיין שום זאַך, וואָס האָט נישט קיין וואָרצלען אין דער „תלמודיש־שטעטלשער קולטור". פּונקט ווי די שעפער פון תלמוד האָבן בשעתם געזוכט פאַר אַלץ, פאַר אַלע זייערע נייעסן, דעם „מן התורה מנין?", פּונקט אַזוי דאַרף מען איצט זוכן פאַר אַלץ דעם מן השטעטל מנין?".

## „מיטן פנים צום גלות"

די שווערסטע קראַנקייט אונדזערע באַשטייט אין אָט דעם משכּיליש־סנאָביסטישן פאַרקרימען זיך: „פע, עס שמעקט מיט קאַסרילעווקע!". טאָ זאָל מען וויסן זיין: אַלץ וואָס שמעקט נישט מיט קאַסרילעווקע איז שעד־לעך, סם המוותדיק!

און אָט די איינהייטלעכע, אַלגעמיינע יידישקייט דאַרף זיין אומעטום אין אַלע גלותן, ווי אין דער מדינה. עס קען זיין אַן אונטערשייד אין כמות, אָבער נישט אין איכות.

דאָס איז דער פּרינציפּ פון אַלגעמיינער, איינהייטלעכער יידישקייט, וואָס אָדער עס וועט באַהערשן דאָס יידישע פאָלק, אָדער עס וועט, חלילה, נישט זיין קיין יידיש פאָלק.

עס איז, דאַכט זיך, אַזוי קלאָר, אָבער „עם חכם ונבון" וויל עס נישט פאַרשטיין. מען וויל עס נישט פאַרשטיין, ווייל עס איז נישטאָ קיין אַהבת ישראל. און טאַקע אין דעם ליגט דער מקור פון גלות, מחמת דעם האָבן יידן אין די פרייע לענדער נישט געבויט פאַר זיך קיין פאַרזיכיקע אויטאָ־נאָמע ווינקעלעך, שטעטלעך.

דאָ דאַרף קומען דער איבערברוך אין דער פּסיכיק פון יידן. צו דעם זענען נויטיק חלוצים. דערצו דאַרף העלפן די מדינה. אַזוי דאַרף מען אויס־טייטשן דעם לאָזונג „מיטן פּנים צום גלות"!

ווי אַ תולדה, אַן אָפּשטאַם פון דעם פּרינציפּ, דאַרף קומען אַ צווייטער געזעץ: נישטאָ מער קיין קודש און קיין וואָכעדיקייט אין יידישער קול־טור. די פאַרהייליקטע עלעמענטן זענען נישט פּסול פאַר די וועלטלעכע און פאַרקערט, די וועלטלעכע עלעמענטן זענען נישט פּסול פאַר די פרומע. אלה ואלה דברי עם חי, וועל איך זאָגן אין סטיל פון א גמרא. און דער אויסרוף „מיטן פּנים צום גלות"! מיינט איצט נאָך ווייטער — מיטן פּנים צום פּשוטן עם־הארצישן חרובן שטעטל. גייט און זעט ווי דאָס נעכטיקע פאָלק האָט געלעבט און פון זיין שטייגערישער קולטור וועבט די קולטור פון מאָרגן. פון יענע קנאָספּן האָדעוועט די נייע צווייגן און בלומען.

# פאָלקישע קדושה

פאַראַן צווייערליי קדושות. פאַראַן אַ הייליקייט, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו פאָלק, צו מענטשן; עס איז הייליק „מן השמים". גאָט האָט אויף דעם אויסגעגאָסן עפּעס פון זיך. עס איז אַ הימלישע קדושה. און פאַראַן אַ קדושה, וואָס שטאַמט פון מענטשן; אַלץ, וואָס אין דעם איז פאַראַן די נשמה פון פאָלק, איז הייליק. דאָס איז „קדושת העם". דאָס איז די העכסטע מדרגה פון ליב, טייער, הייליק. דער באַרג סיני איז פאַר יידן געווען אַזאַ הימלשע הייליקייט. מיט דעם לעבן פון פאָלק האָט ער קיין שייכות נישט געהאָט. דערפאַר פאַרגינט זיך די גמרא צו זאָגן, אַז זיין הייליקייט איז נאָר אַ צייטווייליקע, נאָר ווען גאָט איז דאָרט געווען. (נסתלקה שכינתו — נסתלקה קדושתו). ארץ ישראל איז אָבער געווען אַ פאָלקישע הייליקייט. אָט די פאָלקישע הייליקייט דאַרף אָנערקענט ווערן פאַר אַלע עלעמענטן פון לעבן, וואָס אין זיי האָט זיך אויסגעדריקט דער גייסט פון פאָלק, זיין נשמה, זיין אייגנטימלעכער גייסט. דער ייד, וואָס לייקנט די קדושה פון יידיש לשון, למשל, דער פאַרמאָגט נישט קיין אהבת ישראל. מעג ער זיך דעקלאַרירן פאַר דעם הייסטן נאַציאָנאַליסט, איז זיין נשמה אָפּגעריסן פון פאָלק. יידן האַלטן נישט פון הימלשער קדושה. פאָלקישע קדושה, אַפילו די וואָס איז שוין „פאַרהאַלצט" געוואָרן, וואָס איר פאָלקישער אָפּשטאַם איז שוין אַליין נישטאָ, ווערט אָבער פאַרהייליקט ביי אונדז ווי למשה מסיני, ווייל זי שטאַמט פון פאָלק.

די גאַנצע יידישקייט, וואָס עס האָט אונדז „געלאָזן די תלמודיש־שטעטלשע תקופה — דאָס איז אונדזער יידישקייט היינט, דאָס איז אונדזער קודש היינט. דאָס זענען די „קנאָספּן" פון יידישקייט, וואָס פון זיי דאַרפן אויסוואַקסן די צווייגן, די בלעטער, בלומען און פרוכט. מיט אַנדערע ווערטער — דאָס איז קולטור שבעל־פּה און פון איר די קולטור שבכתב, וואָס מיט זייער וואַקסן און אַנטוויקלען זיך לעבט דאָס פאָלק.

דאָס איז דער פּרינציפּ פון איינהייטלעכער, אַלגעמיינער יידישקייט, וואָס דאַרף פאַרפליכטן אַלע יידן, אַלע ישובים איינגעשלאָסן די מדינה.

אָט די גאַנצע, אינטעגראַלע הייליק־וואָכעדיקע יידישקייט האָט ביז היינט נאָך נישט קיין געטרייע אַדעפּטן, און טאַקע דערפאַר זענען נויטיק חלוצים, חלוצים פאַר גאַנצער, אינטעגראַלער יידישקייט.

קיין אידעע, ווי רעאַל זי זאָל נישט זיין, קען נישט אַריינדרינגען אין לעבן, קען נישט פאַרווירקלעכט ווערן דורך דערקלערן זי, דורך אויפֿקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע אַליין. עס דאַרפֿן זיין מעשים, באַשיינפּערלעכע אויפֿטוען. די אידעע, וואָס מיר רעפערירן דאָ, האָט נאָך אַ חסרון: זי איז ניי. נישט געווען ביי יידן קיין פּרוון צו שאַפֿן אַזוינע פאַרזיכיקע קליינע ישובים, ווען עס איז נישט געווען דערצו קיין דרויסנדיקער דרוק. יידן האָבן געלעבט אין אַרויפגעצוואונגענע געטאָס. שרעקן זיך יידן פאַר יעדן געדאַנק פון אָפּגעזונדערטע ישובים. אָבער דער אונטערשייד צווישן די געטאָס און פאַרזיכיקע ישובים, אַליין געשאַפֿענע, איז ווי דער אונטערשייד צווישן תפיסה און היים. אין אַ תפיסה טרייבט מען אַריין, אַנדערע שאַפֿן די נאָרמען פון לעבן. אַ היים בויט מען פאַר זיך, מען לעבט לויט נאָרמען, וואָס מען שאַפֿט אַליין. אייגנטלעך איז דאָך די מדינה אַליין טאַקע אַזאַ גרויסע „געטאָ", אַן אָפּזונדערונג פון דער וועלט. זי איז אָבער אַ היים, נישט קיין געטאָ. און וועגן אַזוינע קליינע אָפּזונדערונגען, פריווויליקע קאָלעקטיווע היימען ווערט דאָ גערעדט.

## פאַרזיכיקע שטעטלעך

יידן בלייבן אַ גלות־פאָלק. בכל אופן נאָך אויף דורות איז אָפּגערוקט דער אידעאַל פון „קיבוץ גלויות". מען דאַרף און מען מוז בויען די גלותן נישט ווייניקער ווי מען דאַרף עס טאָן בנוגע צו דער מדינה. פאַרקערט, זענען גאַר פאַרבונדן צווישן זיך די מדינה מיט אַזוינע פריווויליקע, פאַרזיכיקע קליינע יידישע קאָלעקטיווע ישובים. אַן דעם אָרגאַניזירטן גלות, וועט נישט זיין ווער עס זאָל בויען די מדינה, ווער עס זאָל זי אויפהאַלטן. און פאַרקערט, דאַרף די מדינה דינען ווי אַ „מוסטער ווי צו בויען די גלותן, ווי אַ מקור פאַר חלוציזם, פאַר די פרייע גלותן. אין אָט דער פאַרזיכקייט, אין דער אָפּזונדערונג, אין דעם בויען אַליין אַן אייגן לעבן און קולטור איז דאָך די הויפּט־מעלה פון דער מדינה. אין דעם זין דאַרפֿן אַנטוויקלען זיך די פרייע גלותן. דאָס וועלן זיין אַזוינע יידישע שטעטלעך אין אַמעריקע, לאָמיר זאָגן. מען אַרבעט אין די גרויסע אורבאַנישע מעטראָפּאָליעס, אין די „סופּערשטעט", אָבער גלייך נאָך דער אַרבעט, אַנטלויפֿט מען פון די איבערגעוואַקסענע שטעט אין די קליינע, באַזונדערע פאָלקישע שטעטלעך. עס וועלן זיין אַזוינע שטעטלעך־ישובים נישט בלויז

יידישע. עס זענען שוין געמאַכט געוואָרן פון אַנדערע פעלקער פּרוּוון צו שאַפן אַזוינע פּאַרזיכיקע ישובים. באשר יידן האָבן זיך פאַר דעם גע־שראָקן, מען האָט אין דעם געזען דיסקרימינאַציע; עס האָט נאָך געשראָקן דער זכר פון דעם „תחום המושב״, וואָס עס איז געווען אַרויפגעצווונגען אויף יידן אין רוסלאַנד. אָבער צו דעם גייט די וועלט: אַרבעטן צוזאַמען און לעבן באַזונדער. נישט קיין אַרויפגעצווונגענע געטאָס, קיין תחום, נאָר אַליין געשאַפענע פּאַרזיכיקע היימען, היימישע ראַיאָנען, היימיש־יידישע שטעטלעך, טאַקע תל־אָביבס אין די גלותן. דער אונטערשיד דאַרף זיין בלויז דאָס, וואָס די אין די גלותן דאַרפן נישט הייסן אשדוד, און קסריה, און שדה בוקר, נאָר עס וועלן דאַרפן זיין „ניי־ווילנע״ און „קאַסרילעווקע״ און נאָך און נאָך. און נישט אין דעם נאָמען אַליין גייט עס, פאַרשטייט זיך. עס גייט אין המשך, אָדער אָפּגעשניטן און אָפּגעהאַקט.

דערווייל איז עס נאָך זייער ווייט פון דער יידישער פּסיכיק: יידן ווילן אַנטלויפן נישט פון גלות, נאָר פון זיך אַליין ווילן זיי אַנטלויפן. נישט צו זיך ציט עס די יידן, נאָר דווקא צו פרעמדע ציט זיי; עס ציט זיי אין גלות. דאָרטן ווו זיי קענען זיין פריי און פאַר זיך, אַפילו דאָרטן שאַפן זיי פאַר זיך גלותן.

אָט פאַרוואָס די אידעע דאַרף האָבן חלוצים, חלוצים פאַר אינטעג־ראַלער, פאַרזיכיקער יידישקייט. דאָ, אין די יידישע פּאַרזיכיקע שטעטלעך, וועט זיין אַ יידישע אַטמאָספער, נישט בלויז אַ יידישע שול צום דאַוונען, נאָר אויך יידישע קאָנצערטן און פאַרשטעלונגען, פאַרווייליונגען און פאַר־לעזונגען.

## מען האָדעוועט „פּאַרצייטיקע יידן״

דאָ וועלן אויך זיין אמת־יידישע קינדער־שולן. די היינטיקע יידישע שולן אין אַמעריקע האָבן אַ גוואַלדיקן חסרון, וואָס אחד העם האָט אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט מיט פינף און פופציק יאָר צוריק: זיי באַ־מיען זיך היינט צו האָדעווען „פּאַרצייטיקע יידן״. פון די אָנהייב־שולן ביז אין די הויכשולן פאַרנעמט מען זיך מיט יידישקייט, וואָס עס איז שוין לאַנגע דורות נישטאָ אין לעבעדיקן לעבן, מיט אַרכעאָלאָגישער יידיש־קייט. אין דער זעלביקער צייט מיידט מען בכיוון אויס די יידישקייט, וואָס האָט געלעבט אַ פול לעבן אין דער נאָר וואָס געענדיקטער שטעטלשער

תקופה. דאָס איז דער ערשטער חטא לא יכופר פון דער יידישער דערציאונג היינט. דער צווייטער איז דאָס וואָס מען האָט אין די שולן ביז היינט נישט געשאַפן קיין איינהייט. ביז היינט זענען אין די שולן פאַראַן דרייערליי קולטורן און דריי באַזונדערע וועלטן. פאַראַן לימודי־קודש; פאַראַן יידיש־וואָכעדיקע לימודים, לימודי־חול און פאַראַן אַלגעמיינע לימודים באַזונדער. לויט די אידעאָלאָגישע ריכטונגען ווערן די שולן אויסגעטיילט, וואָסער געביט עס דאַרף צונעמען די הויפּט־צייט. און איטלעכע שיטה הייבט אויף הויך און העכער דעם געביט, וואָס איז איר צום האַרצן, און איז מבטל די אַנדערע געביטן. ביז היינט האָט די יידישע פּעדאַגאָגיק, דער פּעדאַגאָגישער געדאַנק נישט פאַרשטאַנען צו שאַפן איין איינהייט. און פאַראַן אין אַמעריקע אַ שלל מיט טעאָרעטיקער, פּראַקטיקער, פּראָפעסאָרן, אַנפירער און ראַטגעבער אַלערליי. און קיינער פון זיי האָט זיך נישט דערטראַכט צום פשוטן געדאַנק, אַז די יידיש־וואָכעדיקע לימודים זענען נישט ווייניקער הייליק בקדושת העם ווי די רעליגיעזע. אויב נישטאָ אין זיי קיין קדושת העם, דאַרפן זיי בכלל נישט זיין אין שול, וואָס האָט אַזוי אויך אַזוי ווייניק צייט.

און פאַרוואָס דאַרף מאַטעמאַטיק זיין אַן ענגלישער לימוד און נישט קיין יידישער? איז דען געאָגראַפיע געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני דווקא געקניפּט און געבונדן נאָר מיט ענגליש, אָדער מיט שפּאַניש? ווי אַזוי פאַרשטייען זיי נישט, אַז דורך דריי פאַרשיידענע געביטן קען מען נישט אויסהאָדעווען קיין איינהייטלעכע פּערזענלעכקייט?

עס האָט זיך ביי אונדז פון דער השכלה אַן איינגעבירגערט אַ פאַרטיילונג „ייד און מענטש". ייד איז עפּעס איינס און מענטש איז ווידער אַ זאַך באַזונדער. אַ באַרימטער יידישער געלערנטער האָט אַפילו געהאַט ביי זיך אויפן טיר אין סאַמע ירושלים אַ שילד „יהדות ואנושיות", יידישקייט און מענטשישקייט. מסתמא אָנשטאָט אַ מזוזה. אָבער ביז היינט האָבן נאָך די אָנגעשטעלטע טעאָרעטיקער נישט געכאַפּט זיך, אַז עס קען זיין אַ יידישע מענטשלעכקייט און אַ מענטשישע יידישקייט צוזאַמען. אויך אין דער מדינה איז מען גאָר ווייט פון דעם מאַניזם: די גאַנצע מענטשלעכע קולטור אין אייגענע יידישע פאָרמען און אויפפאַסונג.

# יידישע שטעטלעך

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ווייט נישט אַלץ וועלן באַזונדערע שטעטלעך קענען איינפֿירן. עס וועט מוזן זיין אַ פֿאַרבינדונג צווישן שטעטלעך, ראַיאָנען, אין די גרענעצן פֿון לאַנד און אויך איבער די גרענעצן פֿון לאַנד.

אָט אַזוי שטעלן מיר זיך פֿאָר די צוקונפֿטיקע איינאָרדענונג פֿון יידישן פֿאָלק אין דער וועלט, ביז עס וועט קומען צו קיבוץ גלויות, אויב עס וועט ווען עס איז קומען.

אָט אַזוי וועט דאַרפֿן גיין די יידישע קולטור, ווי אין די גלותן, אַזוי אויך אין דער מדינה. איין יידיש פֿאָלק, איין יידישע קולטור און איין יידישע דערציאונג. איין אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאַרבונדנקייט צווישן אַלע יידישע ישובים.

צו דעם גייט דאַכט זיך אויך די גאַנצע מענטשהייט. די צייט פֿון אַרבעט, פֿון פּרנסה ווערט אַלץ קירצער, קלענער, די צייט פֿון אויסלעבן זיך וואַקסט. די דערציאונג וועט אַלץ מער אַכט לייגן אויף דעם אויסלערנען די מענטשן ווי און מיט וואָס אָנפּילן די פֿרייע צייט, די צייט פֿון אויסלעבן זיך. דאָס וועט במילא מוזן ווערן אַ וויכטיקער טייל פֿון דער אַלגעמיינער דערציאונג.

אייגנטלעך, איז שוין ביי היינטיקן טאָג מער אָדער ווייניקער די יידישע באַפֿעלקערונג אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט באַזעצט אין באַזונדערע ראַיאָנען און קוואַרטאַלן. אָבער ביז איצט איז נאָך נישט געזאָרגט, אַז דער „דרויסן" אין די יידישע ראַיאָנען זאָל האָבן אַ יידישן פּרצוף, אַז די געשעפֿטן זאָלן האָבן יידישע שילדן, אַז אויסער די שולן צום דאַוונען זאָלן אין די ראַיאָנען זיין יידישע אינסטיטוציעס, ווי קלובן, טעאַטער וכדומה. די גאַסן אין אַזוינע יידישע ראַיאָנען דאַרפֿן האָבן יידישע נעמען. עס דאַרפֿן זיין יידישע שטעטלעך. אַרבעטן — אַרבעטן אַלע פֿעלקער צוזאַמען אין די גרויסע אורבאַנישע מעטראָפּאָליעס, אָבער לעבן, אויסלעבן זיך, דערציען די קינדער, פֿראַווען דעם קאָלעקטיוון קולטור־שטייגער — דאָס אַלץ פֿירן פֿעלקער פֿאַר זיך אין זייערע ראַיאָנען. און יידן אויך פֿאַר זיך.

נישט אַלע יידן וועלן גיין אין דער ריכטונג, פֿאַרקערט, אַנדערע פֿעלקער שטרעבן כמעט אַלע צו פֿאַרזיכיקייט, נישט בלויז פּראָווינצן אין קאַנאַדע. עס איז אַן אַלגעמיינער דראַנג אומעטום. אָבער אַזוינע פֿאַרזיכיקע

קליינע און נאָך קלענערע מדינהלעך וועלן בשום אופן נישט קענען עקאָ־נאָמיש, טעכנאָלאָגיש און קולטורעל אויסהאַלטן. וועט מען זיך צוריק מוזן פאַרבינדן, עקאָנאָמיש צוזאַמען און קולטורעל פאַר זיך.

מיט אַלע אַנדערע פעלקער צוגלייך וועלן יידן מיט דער צייט קומען צו אינטעגראַלער יידישער קולטור. יידישקייט באַשטייט נישט בלויז פון רעליגיע, נאָר יעדע תקופה גיט צו איר חלק, און דער חלק, דער נייער אויפבוי פון דער איצט איבערהאַקטער „תלמודיש־שטעטלשער תקופה״, איז ווידער אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישקייט. ווי געזאָגט שוין, איז דאָס לעבן פון נעכטן — די קולטור פון היינט. די ק ו ל ט ו ר אָדער ת ו ר ה. די זעלביקע הייליקייט.

## די אמת־יידישע דערציאונג

מיר וועלן דאָ אָנמערקן נאָר ראשי פרקים.

די היינטיקע פאָרמען און אינהאַלטן פון יידישער דערציאונג זענען אַלע אַ נ ט י פ אָ ל ק י ש, במילא זענען זיין פ ס יי ד אָ נ אַ צ י אָ־נ אַ ל. קען אַזאַ דערציאונג נישט ברענגען קיין יידישן המשך. צום גרעסטן ווייטאָג און חרפה גייט אַן אָט די דערציאונג מיט דער ברכה פון דער מדינה. דאָרטן גופא האָט די אידעאָלאָגיע פון דערציאונג געבראַכט ביז איצט און ברענגט כסדר ווייטער צו אָפּגעריסנקייט פון המשך, צו דער סכנה פון אַ באַזונדערן קולטור־שבט, צו אָפּרייסן די דורות פון גאָלדע־נער, אָדער בלוטיק־אייזערנער קייט פון יידישקייט. דאָרטן גופא, אין דער מדינה פירט די אידעאָלאָגיע צו אַ נעגאַציע פון דער יידישער היסטאָרי־שער יידישקייט. צי די נעגאַציע איז אויסגעדריקט אָרגאַניזאַציאָנעל אין דעם „כנעניזם״ וכדומה, אָדער נישט, אָבער ס׳איז דאָ סיווי און צו צענד־ליקער יידישע לאַנד־שבטים קומט נאָך צו אַזאַ שבט „ישראלים״, וואָס עס ציט זיי אויך אָפּצורייסן זיך פון פאָלק און, ווי אַנדערע לאַנד־שבטים, טראָגן זיי זיך אַרום מיט אַ געפיל פון „אתה בחרתנו מ כ ל ה י ה ו־ד י ם״. די זעלביקע אַנטיפאָלקישע דערציאונג ווערט איצט געפירט מיט דער ברכה פון דער מדינה און דורך לערער פון דער מדינה אין אַלע גלותן און דאָ איז די אַנטיפאָלקישע דערציאונג תיכף אַן אָנווייזונג צו דער הערשנדיקער קולטור פון לאַנד, צו אויסיידישונג.

ווען איך האָב געזוכט אַ קורצע פאָרמול צו כאַראַקטעריזירן די היינ־

טיקע סיסטעם פון דערציאונג, האָב איך נישט געפונען קיין בעסערן אויס־דרוק ווי דעם וואָס אַחד־העם האָט געשריבן מיט פינף און פופציק יאָר צוריק וועגן דער ערשטער העברעאישער גימנאַזיע (שפּעטער „הרצליה״). ער שרייבט, אַז מען האָדעוועט דאָרטן פּ אַ ר צ יי ט י ק ע יי ד ן (יהודים קדמונים... עד שלא ידע את מקומו בעולם (הגמנסיה העברית, תרע״ב). אַחד־העם איז געווען ווייט פון יידישיזם. אָבער ער האָט פאַר־שטאַנען אַז היינט, איצט, דערציען „פּאַרצייטיקע יידן״ איז אָן אַ זין. און ווען אחד־העם האָט עס געשריבן, איז נאָך געווען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, דאָס יידישע טראַדיציאָנעלע לעבן איז נאָך געווען פולבלוטיק, כמעט גאַנץ, און אָט די רעאַלע לעבעדיקע „איצטיקע״ יידישקייט פון דער סביבה האָט נייטראַליזירט די „פּאַרצייטיקייט״ פון דער שול. האָט עס דעמאָלט נישט געטויגט. בפרט איצט, ווען די שול דאַרף אויך געבן דאָס וואָס די סביבה וואָלט געדאַרפט געבן, נאָר קיין יידישע סביבה איז גאָרנישט בנמצא.

## אָרגאַנישע גאַנצקייט

לויט אונדזער משל מיט דעם בוים קומט עס אויס ווי מען וואָלט וועלן אויף יונגינקע שפּראָצן איבערפלאַנצן נישט קיין פרישע קנאָספּן, נאָר אַלטע, פאַרהאַלצטע צווייגן... מען מיידט אויס די פרישע קנאָספּן פון דעם אַקאָרשט פאַרענדיקטן וואַקס־פּעריאָד. פויערים ווייסן די אָנזיניקייט פון דעם, גערטנער פאַרשטייען דאָס; דער עם חכם ונבון וויל עס נישט פאַר־שטיין; אונדזערע אָנגעבלאָזענע פּעדאַגאָגן און אָנגעבילדעטע חכמים ווילן עס נישט באַגרייפן.

און נאָך איין פּרינציפּ לערנט אונדז דער משל מיטן בוים: אין יעדער קנאָספּ, וואָס עס לאָזט דער וואַקס־פּעריאָד, איז פאַראַן דער עמבריאָן פון דעם גאַנצן צווייג, וואָס דאַרף אַרויסוואַקסן, דאָס גרינע צווייגעלע, די צאַר־טע בלעטלעך, די קינפטיקע בלומען — אַלץ. אויך אין יידישקייט דאַרף קומען אַלץ צוזאַמען, דאָס וועלטלעכע צוזאַמען מיט דעם רעליגיעזן, דאָס נייערע צוזאַמען מיטן עלטערן, נאָר אָרגאַנישע גאַנצקייט! ביי אונדז איז דאָך דאָס רעליגיעזע די פאַרהייליקטע פאַרצייטיקע וואָכעדיקייט. אַלע אונ־דזערע הייליקייטן זענען אַמאָל, אין פּריערדיקן אָדער שפּעטערן פאַרצייטן געווען וואָכעדיק. ביי פעלקער איז דאָס רעליגיעזע אָפּגעטיילט פון זייער

אָרגאַנישער וואָכעדיקייט. ביי אונדז איז די רעליגיע דער פאַרהייליקטער שטייגער אונדזערער. זייערע רעליגיעס זענען נאָר „בין אדם לגאָט". דער בין אדם לחברו ווערט געהיט פון די רעגירונגען. ביי אונדז אָבער איז די גאַנצע רעליגיע נאָר „בין אדם לעמו". דאָס פאָלקישע ווערט נאַציאָנאַל, דאָס נאַציאָנאַלע ווערט פאַרהייליקט רעליגיעז. דאָס פאָלקישע איז ביי אונדז אַ סינאָנים מיט „געטלעכן". דאָס איז דער פרינציפּ, וואָס מיר רופן אָן אינ־טעגראַלע יידישקייט.

## פאָלקיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג

די פרינציפּן וואָס וועלן דאַרפן איינגעשטעלט ווערן אין דער פאָלקיש־נאַציאָנאַלער דערציאונג דאַרפן זיין:

1. די יידישקייט פון דער נאָר וואָס איבערגעהאַקטער תקופה דאַרף זיין דער יסוד פון דער נייער תקופה. דאָס מיינט, אַז אַלץ דאַרף געשעפּט ווערן פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה.

2. יידישקייט איז נישט אידענטיש מיט יידיש וויסן, מיט וויסן וועגן יידישקייט. מען דאַרף לעבן יידיש. עס דאַרפן זיין יידישע פאָרמען פון שטייגער, פון פירונגען אין די היימען, אין דער סביבה בכלל. יידישער שטייגער איז אויך נישט אידענטיש מיט דעם שולחן־ערוך בלויז. עס איז קונסט, פאַרוויילונג, טעאַטער, ראַדיאָ, קינאָ, קאָנצערטן. די אַלע עלעמענטן זענען אין שטעטל געווען אָרעם, אין עמבריאָן; דאַרפן זיי אַנטוויקלט ווערן לויט די מאָסן און פאַרנעמען פון דער צייט. יידישע טראַדיציאָנעלע יום־טובים זענען אומבאַדינגט נויטיק און וויכטיק אין דער דערציאונג. זיי דאַרפן זיין פאַרבונדן מיט פריידיקייט, מער ווי מיט דעם שטרענגן שולחן־ערוך, וואָס האָט פיקסירט די יידישקייט פון זיין תקופה. דער יידישער יום־טוב מיט זיין שטייגער דאַרף אַריבערשטייגן די גרענעצן פון די באַזונדערע היימען, עס דאַרף ווערן דאָ פאַרבונדן די סביבה.

3. רעליגיעזע עלעמענטן פון שטייגער ווערן נישט פסול פאַר וועלט־לעכע יידן מחמת זייער רעליגיעזקייט און וועלטלעכע עלעמענטן (דאָס הייסט, ייִנגערע וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן צו ווערן פאַרהייליקט רעליגיעז) טאָרן נישט אָפּגעוואָרפן ווערן דורך פרומע יידן.

4. דער עלעמענט פון תפילה בציבור, פון צונויפקלייבן זיך אין ספּעציעלע הייזער, דאַרף אומבאַדינגט בלייבן. דער פּרינציפּ פון די קאָנסער־

וואַטיווע יידן איז ריכטיק. אָבער די דאָזיקע „צונויפזאַמלונג־הייזער" טאָרן נישט זיין קיין קאָפּיע פון פרעמדע קירכעס. תפילה אין פאָרעם פון טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע קאָנצערטן — אדרבא ואדרבא! אַ סך ענדערונגען דאַרפן קומען אין סידור און מחזור. עס דאַרפן אַריינקומען מער און מער שאַפונגען פון דער נייער צייט אין ביידע יידישע שפּראַכן. שטרענג־געקליבענע פראַגמענטן פון דער נייער ליטעראַטור דאַרפן פאַרבייטן גאַר אַ סך, וואָס עס האָט נישט קיין טעם און ריח.

דער עלעמענט פון דרשות דאַרף מער זיין פאַרבונדן מיט לערנען בציבור.

5. מען טאָר זיך נישט יאָגן נאָך צופיל נייעסן, יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש, עפּעס נייס. פאַרקערט, עס דאַרפן זיין איינגעשטעלטע, טראַדיציאָנעלע טעקסטן.

7. די שפּראַך פון די פאַרזאַמלונגען מוז אומבאַדינגט זיין יידיש. דאָס געזאַגטע און געזונגענע — אין לשון קודש און אין יידיש. קיין שום שפּראַך פון אַ פרעמדן פאָלק!

## פּראָגראַם פון לערנשולן

1. יידישע שריפטן זענען געווען און זיי דאַרפן בלייבן דער עיקר־אינהאַלט פון לערנען. אָבער מיר זענען געוווינט צו דער פאַרטיילונג פון אונדזערע שריפטן אויף הייליקע און וואָכעדיקע (ספרי־קודש און ספרי־חול). די פאַרטיילונג מוז פאַרביטן ווערן: פאַראַן „ספרים" וואָס האָבן נישט קיין דערציערישן ווערט היינט. און פאַראַן „ביכער", וואָס זייער דערציערישער ווערט איז אומגעהויער גרויס. פאַר די לערנשולן דאַרף קומען אין דער ערשטער ריי דאָס וואָס קען פאַרבינדן די נייע דורות אַמנאָענסטן צו אונדזער שטעטלשער, מזרח־אייראָפּעאישער תקופה. פון זיי צו די עלטערע. תנ"ך, גמרא האָבן נישט פאַרלאָרן זייער ווערט, זיי זענען דאָך אויך געווען דער הויפּט־אינהאַלט אין די פאַרגאַנגענע שטעטלעך. עס דאַרף אָבער געמאַכט ווערן אַ שטרענגער אָפּקלייב פון דעם מאַטעריאַל פון דאַנען. דאָס וואָס עס איז מער אָנגענומען געווען ביי יידן קומט פריער.

2. פון גמרא האַלט איך פאַר זייער וויכטיק דעם תלמודישן אַרט דענקען, די שקלא וטריא, די סברא.

3. די שפּראַך פון שול דאַרף זיין אומבאַדינגט די שפּראַך פון דער גאָר לעצטער תקופה — דאָס יידישע לשון. די לשון־קודשדיקע טעקסטן ווערן ווי ווייט מעגלעך געלערנט אין אָריגינאַל. וואָס פריער אָריינפירן די עצם ווערטפולע העברעאישע טעקסטן און נישט פריער פאַרלירן יאָרן צו לער־נען די שפּראַך אויף אַ מאַטעריאַל, וואָס האָט אַליין קיין ווערט נישט. די שול לערנט אינהאַלטן און נישט קיין שפּראַכן.

4. די יידישע שולן אין די גלותן טאָרן נישט מיטמאַכן, נישט נאָכ־מאַכן די גוואַלטיקע זינד (איך וואָלט געזאָגט נאָך שאַרפער!) פון שאַפן אַ נייע אויסשפּראַך פאַר די העברעאישע ווערטער. עס איז אַן אויסטראַכ־טעניש, וואָס האָט נישט קיין וואָרצלען אין קיין יידישן שבט, און עס שטאַמט פון אַנטינאַציאָנאַלע פּסיכישע מאָטיוון. עס מוז אָפּגעהיט ווערן די אויסשפּראַך פון אונזערע פאַרגאַנגענע דורות.

5. מען מוז זיך באַמיען מיט אַלע מיטלען צו אַנולירן די איינגע־שטעלטע פאַרטיילונג אויף יידישע און אַלגעמיינע לימודים. יידישע און אַל־געמיינע געשיכטע דאַרפן נישט אָפּגעטיילט ווערן. איך ווייס נישט אויף וואָ־סער באַרג עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז פיזיק און געאָגראַפיע זענען נישט קיין יידישע לימודים. פאַרקערט, גלייב איך באמונה שלמה, אַז די און אַנ־דערע „אַלגעמיינע" לימודים וואָלטן גאָר אַ סך געווונען, ווען מען זאָל אָנ־ווענדן ביי זייער לערנען די תלמודישע לאָגיק און סיסטעם פון באַווייזן. בכלל ליידן די לימודים אין די אַלגעמיינע שולן פון דאָגמאַטישקייט אין דער מעטאָדיק פון לערנען. זיי פאַרלירן גאָר אַ סך פון זייער הומאַנישע דערציאונג־מעגלעכקייטן (מען באַמיט זיך אין אַ טייל אוניווערסיטעטן דעם דעפעקט צו פאַרריכטן). תלמודישע מעטאָדן וואָלטן געווען נישט אין פאַר־גלייך דערפאָלגרייכער, דערציערישער. עס וואָלט מער געהאָלפן אויסבילדן די מאָניסטישע פערזענלעכקייט פון מענטשן, דאָס הומאַנישע אין מענטשן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ איינאָרדענונג פון יידישן לעבן אין דער היינטיקער אורבאַנישער תקופה, וואָס זאָל אין גאַנצן ירשנען די פאַרגאַנ־גענע שטעטלשע תקופה און זאָל זיין אָרגאַניש איינגעוועבט אין דער מאָ־דערנער וועלט, פאָדערט אַ חלוצים־גייסט. עס איז נויטיק אַ ביישפּיל, אַ דוגמא, עס איז נויטיק גלויבן און מוט. דאָ וועט מוזן האָבן אַ השפּעה דווקא די יידישע מדינה. אייגנטלעך איז די גאַנצע מדינה אַזאַ מין איינ־אָרדענונג פאַר זיך און אין דער וועלט. און דעם פּרינציפּ דאַרף מען פאַר־

שפרייטן אויך אין די תפוצות (ריכטיקער — אין די גלותן, ווייל גלות בלייבט פאָרט גלות!).

## „אמונת ישראל"

מען דאַרף שטרעבן עס זאָל זיין אַ האַרמאָניע צווישן דער היים און דער סביבה און דער שול. אָט אַזאַ מאָניסטישע אויסגעהאַלטענע אַטמאָס־פער קען מער און בעסער דערציען גאַנצע יידישע מענטשן ווי אַלע היינטי־קע שולן. דאָס איז דער פּרינציפּ פון איינשטימיקייט צווישן היים, שול, סביבה און נאָענטסטע פאַרגאַנגענהייט. דער לעצטער פונקט פעלט אין אַלע שולן אין דער מדינה און פון דעם נעמט זיך דער אומדערפאָלג פון יענער דערציאונג דאָרטן.

עס איז געגוג די איינשטימיקייט צווישן די פיר פאַקטאָרן: היים, שול, סביבה און דעם נאָענטסטן נעכטן אפילו נאָר פאַר דער קינדהייט אַליין, דער מענטש זאָל אויף אַ גאַנץ לעבן בלייבן איינגעוואָרצלט אין יידישן פאָלק, ווי דאָס איז געווען מיט דער גרעסטער מערהייט אויסגעוואַקסענע אין די פאַרגאַנגענע שטעטלעך.

עס דאַרף נאָר געזאָרגט ווערן עס זאָלן נישט זיין קיין קאָנפליקטן צווישן די פאַקטאָרן, ווי אויך צווישן די דערציערס. אַזוינע קאָנפליקטן מוזן פירן צו רעוואָלטן, צו אָקטן פון „צו־להכעיס".

דער שעדלעכסטער פון צווישן די אַלע מעגלעכע קאָנפליקטן איז — צו אונזער טראַגיזם — דער פאַרשפרייטסטער. דאָס איז די באַציאונג צו אַל־טער, „פאַרצייטיקער" יידישקייט און צו דער „וויטער", נ י ש ט ד אָ י ־ ק ע ר יידישקייט און צו דער יידישקייט פון אונדזער דירעקטן נעכטן (אין די שטעטלעך פון מזרח־איראָפּע). די דערציאונג מוז פירן צו דער נעגאַ־ציע פון דעם „דאָ" און פון דעם „איצט". פירט עס טאַקע צו דער קולטור פון הערשנדיקן פאָלק און פון יידישקייט; און אַפילו צו שנאַת ישראל, זאָל נישט אויסגערעדט זיין.

מען קען אַנטלויפן פון יידישקייט אַפילו ביי דער גרעסטער און שטאַרקסטער רעליגיעזער פרומקייט. מען קען נעגירן די לעבעדיקע, שטראָמענדיקע יידישקייט אַפילו מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ. מען קען גלייבן אין יידישן גאָט און נעגירן דאָס יידישע פאָלק. מען דאַרף שטרעבן צו „אמונת ישראל" מער ווי צו „אמונת הבורא".

עס איז מיין טיפסטער גלויבן ווי אַ לערער, אַז אַ דערציאונג לויט די אָנגעמערקטע פּרינציפּן קען ראַטעווען די יידישע יוגנט אין דער וועלט (די מדינה אַריינגערעכנט!) פון דער צעשפּאָלטענער פּערזענלעכקייט אויף „ייד און מענטש" לויט דער פאָרמול פון דער השכלה, אויף יעקב און עשיו, אויף ייד און אַנטי־ייד אין זיך גופא, ווי מיר טרעפן דאָס היינט אַזוי אָפט, אַ סך אָפטער ווי מען מיינט. זי קען און זי וועט זיכער ראַטעווען די יידישע יוגנט פון דער עגאָפּאָביע, וואָס דערגייט שוין איצט צו גרויזאַמע דער־שיינונגען, זי וועט ראַטעווען די יידישע יוגנט פון דער מאָראַלישער אַטראָ־פיע, וואָס פירט צו אָנמעכטיקייט אין צייט פון דרויסנדיקע אָנפאַלן. און אַזוינע וועלן זיכער נישט פעלן.

## „אַתה בחרתנו מכל היהודים"

די שפּראַך פון הערשנדיקן פאָלק אין די היימען איז דער גרויזאַמער פאַקטאָר, וואָס מוז ברענגען שיפלות־געפיל אין יידישע קינדער שוין אין יינגסטן עלטער. שפּעטער איז זיך שווער צו באַפרייען פון דעם.

אין דער זעלביקער צייט טאָר מען זיך נישט שטעלן קיין צילן פון „שפּראַכיזם". אַ שפּראַך איז טייער מיט איר אינהאַלט. קיין אַבסאָלוטע היי־ליקייט פאַר זיך פון אַ שפּראַך איז נישטאָ. דאָס וועלן איינפירן אין די גלות־לענדער העברעאיש אויפן אָרט פון יידיש, איז שוין שעדלעך מיט דעם אַליין וואָס עס איז אַן אויסטיילן זיך פון יידישן פאָלק, פון דער יידישער טראַדיציע. עס איז אַן „אַתה בחרתנו מכל היהודים". פאַקטיש פירט עס נישט צו העברעאיש, נאָר צו דער לאַנדשפּראַך. צו קיין אַהבת ישראל קען עס זיכער נישט פירן, צו העברעאישער קולטור — זיכער נישט.

ביי אַזאַ אָרגאַניזאַציע פון יידישע לעבן און דערציאונג וועט מער נישט קענען אויפקומען ביי יידישע יוגנטלעכע די פראַגע: פאַרוואָס בין איך אַ ייד? צו וואָס בין איך אַ ייד? צו וואָס זאָל איך זיין אַ ייד? וכדומה. די יידישקייט וועט זיין ביי דעם יונגן יידישן מענטש נאַטירלעך, אַזוי ווי עס איז נאַטירלעך אָן פראַגעס און אָן דיסקוסיעס, אָן פּראָבלעמען און אָן פאַרענטפערונגען, ווי עס איז נאַטירלעך ביי יעדער באַשעפעניש — זיין מין און זיין אָרט. נישט קיין הירש און נישט קיין בער שטעלן זיך נישט אַזוינע פראַגעס. עס שטעלט זיי נישט אויך נישט קיין רוס און נישט קיין פראַנצויז און נישט קיין טערק. עס האָט זיי אויך נישט געשטעלט אַ ייד אין די פריי־

ערדיקע דורות. יידישקייט דאַרף זיין איינגעלעבט, נישט איינגעלערנט. זי־כער דאַרף אַ ייד לערנען די קולטור פון זיין פאָלק, אָבער אַ ייד דאַרף ער שוין זיין פון פריער. אויסלערנען זיך צו זיין אַ ייד, דאָס איז שוין גאָר אַ שווערע מלאכה. אַזאַ אויסלערנען צו זיין אַ ייד איז אַ מין מגייר זיין אַ נישט־יידן. וועגן גרים איז נאָך אין דער גמרא פאַראַן אַ מיינונג פון גרוי־סע שווערקייטן מיט זיי.

יידן וועלן נישט זיין די איינציקע, וואָס וועלן שטרעבן צו אַזאַ איינ־אָרדענונג אין דער אורבאַנישער תקופה. עס זענען שוין איצט פאַראַן אַזוי־נע פאָלקישע ראַיאָנען. אָבער אין יידישע ראַיאָנען טראַכט מען בלויז וועגן דער שולחן־ערוך יידישקייט. פון דעם איז נאָך אָבער זייער ווייט צו דעם וואָס מיר מיינען, צו דעם וואָס מיר שטרעבן.

## וואָס בעסער... אַלץ בעסער

עס וועלן זיכער קומען קורצזיכטיקע ציוניסטן און טענהן, אַז דאָס וואָס איך שרייב דאָ קען שטערן דער עליה קיין מדינת ישראל: וואָס דאַרף מען די מדינה, אַז מען קען אין גלות האָבן אַ קליין ארץ ישראל?

איז די טענה בפירוש נישט קיין ריכטיקע און נישט קיין דורכגעטראַכ־טע. עס איז אמת, אַז דאָס וואָס מיר פּראָיעקטירן דאָ, איז טאַקע אַ מין „קליינע ארץ ישראלס" אין די גלותן, אָבער זיי וועלן דער עליה נישט שטערן, נאָר פאַרקערט. און אָט פאַרוואָס:

עס איז אַמאָל געווען ביי סאָציאַליסטן אַ מיינונג „וואָס ערגער, אַלץ בעסער", אַלץ גיכער וועט עס ברענגען צו דער סאָציאַלער איבערקערעניש. אין אונדזער פאַל, וואָלט די לאָגיק געווען „וואָס גלותדיקער עס זענען די גלותן, אַלץ שטאַרקער וועט זיין דער דראַנג עולה צו זיין". איז עס ווידער פאַלש. אמת, אַלע עליות זענען געקומען מחמת שווערקייטן אין גלות. פון אַ גוטן לעבן איז מען עולה זייער ווייניק, גאָר ווייניק.

גלייב איך נישט, אַז דער בעסטער ציוניסט וויל באמת האָפן אויף אַזוינע צרות אין די גלותן, יידן זאָלן לויפן קיין ציון. איבעריקס, וועט עס חלילה האַלטן ביי אַזוי פיל שלעכטס וועט די מדינה אויך זיין אין נישט קיין בעסערע סיטואַציע.

אַז עס איז שלעכט, לויפן יידן. אָבער וווהין? עס איז דאָך לגמרי נישט באַוויזן געוואָרן, אַז מען לויפט אין דער מדינה אַריין. דערוויל לויפן יידן

פון איין גלות אין דעם צווייטן, אַ סך מער און גערנער ווי אין דער מדינה אַריין.

פאַרקערט, איז די עמיגראַציע פון ארץ ישראל, די אַזוי גערופענע ירידה, אַלע מאָל געווען אַ גרויסע, און איז איצט אויך נישט קלענער. פּראָ־פּאָרציאָנעל איז זי מסתמא פון דער יידישער מדינה גרעסער ווי פון גלות־לענדער אין ענלעכע לעבנס־באַדינגונגען. און וואָלטן נישט געווען אַזוינע שטרענגע איינוואַנדערונג־באַגרעניצונגען, וואָלט די עמיגראַציע פון דער מדינה געווען נאָך גרעסער. פאַרוואָס?

## דער לעתיד לבוא פון פולער יידישקייט

עס איז דאָרטן פאַר טייל יידן צו פיל יידישקייט, א צו געדיכטע קאָנ־צענטראַציע פון יידישקייט. איז טייל יידן א סך ליבער צו זיין אין גלות ביי גויים איידער... אין גלות ביי יידן. יידן פאָלגן גערנער אויס געזעצן פון אַנדערע מדינות ווי די געזעצן פון דער יידישער מדינה. אין אַלע אַנדערע מדינות לערנען זיך יידן אויס די שפּראַך פון לאַנד אַ סך גערנער און גיכער ווי אין ישראל. מיט איין וואָרט — אויסער דעם דראַנג צו לויפן פון ער־געץ, דאַרף נאָך זיין אַ צוציאונג צו דער אייגענער מדינה. און דאָ איז גיל־טיק איין כלל: וואָס מער יידישקייט אַ ייד פאַרמאָגט, אַלץ מער ווילט זיך אים זיין אין דער יידישער מדינה. וואָס מער יידן לעבן זיך אַריין אין די גלותן, וואָס ווייניקער זיי זאַפּן אין זיך אַריין יידישקייט, אַלץ ווייניקער ציט זיי קיין ארץ ישראל. די פּסיידאָנאַציאָנאַלע העברעאישע דערציאונג, וואָס האַלט, דאַכט זיך, אין איין ציען קיין ארץ ישראל, טוט אויך דאָס פאַרקער־טע: מער ווי זי ציט צו ארץ ישראל, רייסט זי קודם כל אָפּ פון גלותדיקער יידישקייט, פון יידישקייט. איז דאָך אָבער ארץ ישראל פאַר אַזאַ איינעם אָנגעפּראָפּט מיט יידן, צו פיל יידן... די זעלביקע יידן! דערפאַר קומען צו־ריק אַזוי פיל. מען גיט זיי אַ „ציוניסטישע" דערציאונג אין די שולן, אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אַלץ איז אַזוי „שיין" און אַזוי ווייט פון געוויינטלעכער יידישקייט, וואָס מען זעט נאָך אין די היימען און אין די סביבות, פון דער גאַנצער פּאַרמיאוסטער, גלותדיקער יידישקייט! קומט מען קיין ישראל, — זע, די זעלביקע יידן מיט דער זעלביקער יידישקייט! זענען עולה זייער ווי־ניק און פון זיי קומען פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך צוריק.

און דערפאַר איז ריכטיק דאָס פאַרקערטע: וואָס מער די יוגנט, די קינדער וועלן זיין אַריינגעלעבט אין דער פשוטער, אין דער גלותדיקער יידישקייט, אַלץ מער וועט זיי ציען צו פולער יידישקייט. דערפאַר גלייב איך, אַז אַזאַ איינאָרדענונג פון לעבן און פון דערציאונג וועט פאַרשטאַרקן די עליה מרצון, די וויליקע עליה קיין ישראל. וואָס מער און פעסטערע יידישקייט אין גלות, אַלץ שטאַרקער וועט זיין די עליה קיין ארץ ישראל.

## גייסטיקע אָנפירער

עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדער ישוב אַזאַ וועט דאַרפן האָבן אַ מין „רב", אַ קולטור־און שטייגער־פירער. זיי וועלן מוזן געגרייט ווערן אַנדערש ווי מען גרייט איצט רבנים צו פירן אַ „פּאַרצייטיקע" יידישקייט אָדער ווי מען גרייט ראַביס צו פירן אַ... פאַרגווישטע יידישקייט.

צווישן די פירער וועט דאַרפן זיין אַ פאַרבינדונג, קאָנפערענצן, דיס־קוסיעס און כדומה.

אויך די מדינה, וואָס וועט זיך זיכער סוף כל סוף ראַטעווען פון „שלי־לת הגלות", וועט העלפן בויען די נייע יידישע פעסטע ישובים אין די גלותן.

אַזוינע ישובים וועלן אָפּגעוווינען די קליינע כוליגאַנעס פון זייערע „שטיפערייען" איבער יידן, און קיין גרויסע וועלן נישט באַוויזן אויסצו־וואַקסן...

אָט אַזוי דאַרף אויסזען דער נאָענטער „לעתיד לבא" פון יידישן פאָלק צווישן אַנדערע פעלקער. און דאָס וועט זיין די אמתע גאולה פון דער וועלט... אָדער... אָדער די מענטשהייט וועט זיך חרוב מאַכן אַליין.

## ביכער דערשינען ביי „אונדזער קיום" — פּאַריז :

דר. מ. דוואָרזשעצקי : הירשקע גליק — מחבר פון „זאָג נישט קיינמאָל" — מאָנאָגראַפיע;

מענדל מאַן : קערנער אין מדבר — דערציילונגען ;

אברהם גאָלאָמב : אונדזער מאָרגן — עסיי;

## דערשיינען אינגיכן :

דר. י. צינעמאַן : לעצטע שריפטן (פון ליטעראַרישן עזבון);

אויסוואַל פון דער פראַנצויזישער דיכטונג — איבערזעצער מ. ליטווין;

לייב קורלאַנד : אויפן וועג צו זיך — ראָמאַן.